STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01575

NAYE YIDISHE DIKHTUNG

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Yvette Gralla
in honor of
the Glickenstein & Gralla Families

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פאַנער		א. פרענקעל

נייע יידישע דיכטונג

הקדמה: איציק מאַנגער

פאַרלאַג „יידישער קולטור קרייז פון רומעניע י. ל. פרץ"
יאס 1947

NOUA POEZIE IDIȘ

EDITURA CERCULUI CULTURAL EVREESC DIN ROMÂNIA
„I. L. PERETZ"
IAȘI, STRADA CUZA VODĂ 35

אינהאַלט

פּירוואָרט	VII
אַ וואָרט פון די אַרויסגעבערס	X
אפרים אויערבאַך	1
מרים אולינאָווער	3
ראובן אײַזלאַנד	4
ש. י. אימבער	6
ברוך אָליצקי	7
לייב אָליצקי	9
מאַטעס אָליצקי	10
ישראל אַשענדאָרף	11
נחום באָמזע	13
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי	14
לעאָן בערטיש	17
יצחק בערלינער	17
משה בראָדערזאָן	19
מרדכי גאָלדנבערג	23
יעקב גלאַטשטיין	23
חיים גראַדע	28
נפתלי גראָס	36
יעקב גראָפּער	38
יונה גרובער	43
א. צ. גרינבערג	44

אליעזר גרינבערג	47
מאַטעס דייטש	51
מ׳ ל׳ האַלפּערן	54
דוד האָפּשטיין	64
ש׳ האַלקין	69
בער האָראָוויץ	72
אלחנן וואָגלער	74
ליינער וואָלף	77
ז׳ ווײַנפּער	80
ה׳ וועבער	83
רייזל זשיכלינסקי	85
י׳ ל׳ טעלער	89
מ׳ ז׳ טקאַטש	91
מישאַ טראָיאַנאָוו	94
מאיר כאַראַץ	96
איזי כאַריק	97
זישאָ לאַנדוי	101
אַ׳ לוצקי	104
מלכה לי	107
ה׳ לייוויק	113
קלמן ליס	124
אַ׳ לעיעלעס	126
יאָסל לערנער	133
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי	134
איציק מאַנגער	141
מאַני לייב	153
פּרץ מאַרקיש	156
ל׳ מילער	161
מנחם (באָריישאָ)	163

מיכאל נאַטיש 168
מענדל נייגרעשל 169
לייבניידוס 171
י. מ. ניימאַן 175
אַ. ניסענזאָן 178
מאָטל סאַקציער 180
אברהם סוצקעווער 181
י. י. סיגאַל 186
חיים סעמיאַטיצקי 191
אַלטער עסעלין 193
י. פאַפּיערניקאָוו 195
איציק פעפער 200
יעקב פרידמאַן 205
אהרן צייטלין 210
רחל ה. קאָרן 215
לייב קוויטקאָ 221
משה קולבאַק 223
אַ. קושנירעאָוו 230
יוסף קירמאַן 235
דוד קעניגסבערג 240
חיים קרול 243
חיים ראַבינזאָן 245
י. ראָגעל 248
מלך ראַוויטש 249
יוסף ראָלניק 256
הערץ ריוועקין 259
שלמה שוואַרץ 261
אשר שוואַרצמאַן 265

יעקב שודריך 268
אסתר שומיאַטשער 270
אבא שטאָלצנבערג 272
אליעזר שטיינבאַרג 274
א. נ. שטענצל 285
ישראל שטערן 287
שלום שטערן 292
יעקב שטערנבערג 294
משה שימעל 299
אריה שמרי 301
בערל שנאַבל 303
בער שנאַפּער 306
ר אַ נ ד ן (במקום אַ נאָכוואָרט) 310
ביאָגראַפישע נאָטיצן 313

פ י ר ו ו אָ ר ט

אַן אַנטאָלאָגיע פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג איז אַ געשעניש. אַזאַ מין סך הכל פון אונזערע פּאָעטישע ווערטן איז פשוט אַן עלעמענטאַרע נויטווענדיקייט.

נאָך דעם גרויסן חורבן וויל זיך איבערציילן און אָפּשאַצן די ירושה וואָס איז אונז פאַרבליבן, די מעגלעכקייטן פון ווייטער שפּינען די פעדים וואָס זענען אַזוי ברוטאַל איבערגעשניטן געוואָרן.

און דאָס וואָס די אַנטאָלאָגיע פאַרמעסט זיך צו זיין אַן אַל־יידישע, דאַרף טאָפּלט באַגריסט ווערן. יעדע יידישע לאַנדשאַפט אין דער וועלט האָט אין משך פון די לעצטע 30־40 יאָר צוגעשטעלט אירע מער אָדער ווייניקער באַגאַבטע זינגערס. פּוילן און ליטע, סאָוועטרוסלאַנד און רומעניע, ארץ־ישראל און אַרגענטינע, אַמעריקע און קאַנאַדע און מעקסיקע.

די אַנטאָלאָגיע דאַרף זיין אַ רעפּרעזענטאַטיווער אָפּקלייב פון דעם רייכן מאַטעריאַל. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונם אָפּקלייב ליגט אויף די צונויפשטעלערס.

איך בין געניגט אָנצונעמען פון פאָרויס אַז די אַנטאָלאָגיע וועט האָבן געוויסע פעלערן. אָבער איך ווייס אויך פאַרוואָס.

ערשטנס ווערט די אַנטאָלאָגיע אַרויסגעגעבן אין יאָס, אַ שטאָט וווּ ס׳איז פאָרגעקומען איינער פון די שוידערלעכסטע פּאָגראָמען. ביבליאָטעקן זענען געוואָרן צעשטערט. נייע מאַטעריאַלן זענען נישט דערגאַנגען צו די צונויפשטעלערס. אויב ס׳פעלן פּאָעטן און לידער אין דער אַנטאָלאָגיע, זענען שולדיק אין דעם די באַדינגונגען פון די לעצטע פאָר טראַגישע יאָר.

אָבער דער אָפּקלויב וואָס קומט יאָ אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע

איז זיכער געמאכט מיט געשמאק און מיט ליבשאפט צום פאעטישן וואָרט. די נעמען פון די צוזאמענשטעלערס זענען א גוטע גאראנטיע.

יצחק פאנער, אן אמתער ראמע פון דער יידישער פאעזיע, וואס איז זיין זשולייעט. ס׳איז אן אמתע ליבע אן דעם בארימטן „זייטן־שפרונג״. די ליבע האלט אן געטריי פון ראזנפעלד׳ס צייטן ביז היינט צו טאג. אט די געטרייע לאנג־יאריקע ליבע, זיין פאעטישע עמפינדלעכקייט פארן פאעטישן וואָרט, גיבן אים די סמיכה צו זיין איינער פון די צוזאמענשטעלערס.

דער א סך יונגערער אליעזר פרענקעל, דער אנדערער צוזאמענשטעלער פון דער אנטאלאגיע, דערגאנצט די גאראנטיע מיט זיין אלגעמיינער בילדונג און מיט זיין ראפינירטן חוש פאר פאעטישע סובטיליטעטן. אן אידעאל פארל, א מין זיווג מן השמים פארן צונויפשטעלן אט די דאזיקע אנטאלאגיע.

די יידישע פאעזיע איז דער שענסטער צווייג פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור. זי איז איר העכסטע און געלייטערטסטע דערגרייכונג. און ווי אזא קען זי זיך דרייסט פארמעסטן מיט דער מאדערנער פאעזיע פון אנדערע פעלקער.

א שפע פון טענער און פארבן. אלע לאנדשאפטן פון דער וועלט גיבן זיך א ראנדעוו אין איר. די פראסטיקע שניי־לאנדשאפט פון סיביר, און די זוניקע לאנדשאפט פון ארץ ישראל. די אורבאניסטישע דיסאנאנסן פון ניו־יארק מיט די פאסטאראלע אקארדן פון דער אוקראיינישער און רומענישער לאנדשאפט. די ליטווישע בעריאזקע, די פוילישע טאפאליע, די אוקראיינישע ווערבע, דער רומענישער עפל־בוים און די ארץ־ישראלדיקע פאלמע.

אלע קלימאטן אטעמען אין דער יידישער פאעזיע, אלע מינים פייגל זינגען אין איר, די קוקאווקע און דער סאלאוויי, דאס רויטברוסטל און דער פאפוגיי, און ווי איז מיר: די סאווע, דער ראב און די קראַ. די אומגליק־פייגל פון אונזער ווירקלעכקייט.

די קלאסיש־יידישע ארנאמענטיק: די טויב, דער הערש און דאס ווילד־טיר, געפּאָרט מיט דער ניי־יידיש־פאלקלאריסטישער ארנאמענטיק: די גאלדענע פאווע און דאס קלאר־ווייסע ציגעלע.

די צעזייט און צעשפּרייטקייט פונם יידישן פאָלק, דעם יידיש־רעדנדיקן פאָלק איז, אויב נישט פון אַנדערע שטאַנדפּונקטן, אַ מעלה פאַר דער יידישע פּאָעזיע. זי קען מיט רעכט זאָגן אַז קיין שום ווינקל פון דער וועלט איז איר נישט פרעמד. קיין שום מאָטיוו איז פאַר איר נישט פרעמד. דער ביבלישער־מאָטיוו און דער נעגער־מאָטיוו. די וואָלעכישע דאָינע און די ליטווישע דאַינע.

די אַלע קרייצונגען זענען נישט קיין שטער פאַר דער אָריגינאַליטעט פון דער יידישער פּאָעזיע נאָר גראָד פאַרקערט. די אַלע קרייצונגען גיבן איר צו אַ באַזונדערן חן און אָריגינאַליטעט. שטעלט אייך פאָר די קרייצונג פון באָדלערס „בלומען פון שלעכטס“ מיט די בלומען אין אַ וואַזאָנע אין פענצטער פון אַ יידיש הויז אין אַ יידיש שטעטל פון פוילן.

אויב טענס טעזע איז ריכטיק אַז אַ קונסטווערק איז אַ שטיק נאַטור אָפּגעשפּיגלט אין אַ טעמפּעראַמענט, לאָזט זיך גרינג אונטערשטרייכן אַז די יידישע פּאָעזיע איז אַ גאַנצע וועלט אָפּגעשפּיגלט אין יידישן טעמפּעראַמענט.

איך האָב אַמאָל איבערגעזונגען אין לאָדזש אַ ליד וואָס איך האָב געהערט זינגען אַ שיכורן אוקריינישן גוי אין אַ לעמבערגער שענק. אַ פּאָר געציילטע ווערטער וועגן אַ קאַטשער וואָס איז געשווומען אויפן דונאַי „און איך ווייס נישט וואָס איך וויל“. דער ניגון לאַנג געצויגן און מעלאַנכאָליש. דער עולם פאַר וועלכן כ׳האָב דאָס לידל איבערגעזונגען האָט אויפגעכאַפּט דעם ניגון. די ווערטער זענען תיכף בטל געוואָרן. אויפן אָרט פון אוקריינישע ווערטער האָט זיך אימפּראָוויזירט יידישע. דער מעלאַנכאָליש־לאַנג געצויגענער אוקריינישער ניגון האָט באַקומען אַ טעמפּאָ און אין משך פון געציילטע מינוטן איז ער געוואָרן אַ טאַנץ, אַ יידישער, אויב איר ווילט אַ חסידישער טאַנץ. אַ גילגול פון אַ ניגון. און וואָס איז דען די גאַנצע וועלט־פּאָעזיע, ווען נישט אַ גילגול פון דעם ניגון מיט וועלכן גאָט האָט די וועלט באַשאַפן.

אַ וועלט־ניגון אָפּגעשפּיגלט אין נאַציאָנאַלע טעמפּעראַמענטן.

איציק מאַנגער

לאָנדאָן העמפּסטעד 1947.

אין יאָר 1945 איז דערשינען אין זעלבן פאַרלאַג אַן אַנטאָלאָגיע, פון דער נייער יידישער דיכטונג אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, צוזאַמענגעשטעלט פון די זעלבע אַרויסגעבערס. דאָס ביכל אַנטהאַלט 112 זייטן און איז דאָס ערשטע יידישע בוך, וואָס איז דערשינען אין דער באַפרייטער רומעניע.

די לאַטיינישע טראַנסקריפּציע איז ווייט ניט פאַר אונז געווען קיין פּרינציפּיעלער אויפטו, נאָר אַ מצוות עשה שהזמן גרמא. קיין יידישע אותיות זענען נישט געווען, קיין יידישע זעצערס אוודאי נישט. אַרום אונז איז רק געווען חורבן און יאוש. ביי אַזעלכע אומשטאַנדן האָט אונזער אַנטאָלאָגיע געוואָלט ברענגען אַ גרוס פון דעם אַמאָל, וואָס זאָל גלייכצייטיק זיין אַ בשורה, אַז דער בלוטיקער הורבן האָט דעם „אַמאָל" נישט אינגאַנצן אָפּגעווישט. דאָס ערשטע וואָס אונזערע פּאַרצייטיקע יידן פלעג טון נאָך אַ חורבן, איז דאָך אויך געווען דאָס ווידעראויפשטעלן די צעשטערטע בתי־מדרשים, די היים פאַר תפילה און בטחון.

מיר רעכענען יענע אַנטאָלאָגיע פאַר אַ וויכטיקן אויפטו, כאָטש זי איז ווייט פון צו זיין רעפּרעזענטאַטיוו פאַר דער מאָדערנער יידישער דיכטונג. ביי דער גרויסער רומענישער איזאָלאַציע וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, און וועלכע הערשט אין אַ געוויסער מאָס נאָך היינט, איז נישט געווען מעגלעך צו האָבן ביי דער האַנט די נייטיקע מאַטעריאַלן. איר חשיבות באַשטייט אָבער אין ערשטער ריי אין דעם, וואָס אַדאַנק דער לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, איז זי אַ מבוא צו אונזער מאָדערנער דיכטונג פאַר יענע לייענער,

וועלכע, כאָטש פֿאַרשטייענדיק די יידישע שפּראַך, קענען זיי אָבער נישט לייענען קיין יידיש.

תיכף נאָכן דערשיינען פֿון דער לאַטיינישער אַנטאָלאָגיע האָבן מיר, און דער „קולטור־קרייז י. ל. פּרץ" אויף זיך גענומען וואָס גיכער אַרויסגעבן אַ פֿאַרגרעסערטע אויפֿלאַגע, אין כ"ב אותיות.

אַלס שותף צו אונזער עקשנותדיקער אָנשטרענגונג איז פֿון דער ערשטער מינוט צוגעשטאַנען די פֿרוי פּראָפֿעסאָר גאָלדע פּישמאַן, וועלכע האָט מיט איר פֿאַרשטענדעניש און ליבשאַפֿט צום יידישן וואָרט, אַ סך מיטגעהאָלפֿן צום דערשיינען פֿון דער איצטיקער אויסגאַבע.

אויך ביים צונויפֿשטעלן די איצטיקע אַנטאָלאָגיע האָבן מיר פֿאַר זיך ווייט ניט געהאַט דאָס גאַנצע נייטיקע מאַטעריאַל. מיר זענען מיינסט געווען אָנגעוויזן אויפֿן מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן געפֿונען אין לאַנד. צום באַדויערן האָבן אַלע אונזערע ווענדונגען צום אויסלאַנד געהאַט אַ שוואַכן אָפּקלאַנג. און דערפֿאַר זענען אַ ריי דיכטער פֿון פֿאַרשידענע לענדער נישט אַריינגעקומען אין דער איצטיקער אַנטאָלאָגיע. אויך בנוגע דעם אויסקלייב האָבן מיר דורך דערזעלבער סיבה נישט איבעראַל געקענט האָבן אַ פֿרייע בחירה.

די פֿאַרשידענע מניעות וואָס מיר האָבן געהאַט בייצוקומען, בלייבט אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך, וועלכעס וועט אַמאָל האָבן זיין בלעטל אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער קולטור טעטיקייט אין דער באַפֿרייטער איראָפּע פֿונם יאָר תש"ז.

דער אָנהויב פֿון יאָר 1947, ווען די אַנטאָלאָגיע דערשיינט, האָט אונטער זיך, חוץ די יאָרן פֿון חורבן און אומקום, אַלס צוגאָב אויך צוויי שווערע פּסעכע־יאָר. נישט קוקנדיק אויף אָט דעם שווערן מצב, וואָס האָט געפֿאָדערט אַז אַלע אָנשטרענגונגען זאָלן גיין אין דער ריכטונג פֿון סאָציאַלער הילף, האָבן זיך דאָך געפֿונען מענטשן, וועלכע האָבן פֿאַרשטאַנען דעם באַדייט פֿון אַזאַ אויסגאַבע. מיר דערמאָנען אין ערשטער ריי די יידיש־פּוילישע דיכטערין האַנאַ קאַוואַ פֿון בוקאַרעשט.

אָבער ביי דעם טעמפּאָ אין וועלעכן דער יקרות האָט טעגלעך געהאַלטן אין איין וואַקסן, וואָלטן מיר זיכער נישט געווען דערפירט די אַרבעט ביזן ריכטיקן סיום, ווען ניט די מיטהילף מצד דעם „פאַ־רייניקטן פאַרבאַנד פון רומענישע יידן“ פון ניו־יאָרק, און די מיט־הילף וואָס זיין קולטור־דירעקטאָר, אונזער לאַנדסמאַן, דער שריפט־שטעלער יצחק האָראָוויץ האָט אונז געלייסטעט, פאַר־שפּרייטנדיק אַ צאָל עקזעמפּלאַרן פון דער לאַטיינישער אַנטאָלאָגיע אַלס פאָנד פאַר דער איצטיקער.

אָן דערדאָזיקער מיטהילף וואָלט בלתי ספק דאָס בוך נישט גע־ווען געקענט דערשיינען.

די אַרויסגעבערס

יאַס, מאַי 1947.

אפרים אויערבאַך / אין בלויען רויך

אין בלויען רויך פון ביטערן ציגאַר
פאַרקרייזלט זיך דער אומעט פון מיין טאָג,
אין בלויען רויך גייט אויף פאַר מיר דער צער,
פון וואָס איך שווייג און וואָס איך זאָג.

דער ציטער פון מיין האַרץ אין בלויען רויך,
וואָס וויקלט זיך און קרייזלט זיך אָן סוף,
געדיכט, ווי כמאַרעס, אין דער הויך,
הענגט איבער מיר מיין משפט און שטראָף.

פאַרגייט דער בלויער רויך אויף שטומע ווענט,
אין טעצל ליגט דאָס אַש — די חורבות פון צייט,
וואָס האָט אין ביטערן ציגאַר זיך אויסגעברענט
און בלוי פאַרקרייזלט זיך אין רויכערדיקער ווייט.

דאָס גרויע אַש פאַרשפּרייט איך אויפן ווינט,
וואָס הונגערט ביי מיין פענסטער גאַנצע טעג,
און מיינע שעהן טראָגן זיך אַצינד,
צעריסענע, אין שטורעמדיקן וועג.

איך קוק זיי נאָך מיט בלינדן ווײ,
מיט וואַקסנדיקן, וואָלקנדיקן צער
און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז איך אַליין פאַרגיי
אין בלויען רויך פון ביטערן ציגאַר.

גרויע פעטערס

אַלע מיינע פעטערס האָבן אָנגעטון זיך גרויע בערד,
האָבן זיך די פנימער צעקנייטשט ווי אַלטע פעל
און זיך אויסגעשטעלט צום ווייטן וועג געקערט
ביי מיין חרובער היים, אויף מיין חרובער שוועל.

אַז זיי האָבן מיך דערזען פון ווייטנס, האָבן זיי געוויינט,
אויפן קול געוויינט: מיר זענען וויכט און גרוי.
אָבער איך האָב ניט געגלייבט זיי און געמיינט,
אַז זיי האָבן זיך פאַר מיר פאַרשטעלט אַזוי.

האָב איך זיך צעלאַכט אויף דעם געוויין און זיי געזאָגט:
טוט זיך אויס די בערד און זייט מיר ווי אַמאָל,
זענען זיי געפאַלן אויף דער ערד און אויסגעקלאָגט
ס׳ביטערקייט פון הערצער אויפן הויכן קול.

האָב איך אויסגעטאַפּט די בערד: גרוי און בייז און האַרט.
און געוואָלט האָב איך זיי ווייזן דאָס מייניקע געוויין.
נאָר אויף מיר האָבן באַן און שיף געוואַרט,
האָב איך זיי געזאָגט: אַ גוטע נאַכט, איך דאַרף שוין גיין.

נעכט אויף באַנען, טעג אויף שיפן, וואַסער־שטויב.
גרויע בערד צעשויבערט הוידען זיך אויף שטריק.
איך, — אין ווינט פון ים, צי ביי אַ לויפנדיקער שויב, —
הער, ווי מיינע בייזע פעטערס רופן מיך צוריק.

(1927)

מרים אולינאָווער / חומש־לידער

1

די באָבע זיצט און קלויבט זכרונות,
און רעכנט אירע זינד און ציילט עונות,
און ווייגט זיך אויס צוויי אויגן רויטע:
זי האָט צעזייט, צעוואָרפן אירע טויטע,
ווו נאָר אַ שטאָט אַ גרויסע,
ווו אַ העק, אַ שטעטל,
ווו נאָר אַ הויכער, שוואַרצער פּלויט
און ווו אַ טונקל, נידריק פּלעטל,
ווו נאָר אַ טויטנשומר ווײנט אַ שלעכטער,
און לאַכט אַ טרוקן און אַ האַרט געלעכטער...
די באָבע ווייגט זיך אויס צוויי אויגן רויטע:
זי האָט צעזייט, צעוואָרפן אירע טויטע.

און עס שוועבט איר בענקשאַפט אויף אַ גאָלד'נע ווייל.
צו דער מערת המכפלה, צו דער חברון־הייל.
דאָרטן ליגט אברהם, נעבן אים זיין ווייב,
דאָרטן רוט זיך יצחק, דאָרט שלאָפט רבקהס לייב,
דאָרטן שלומערט יעקב, לאה אויכעט דאָרט,
דאָרטן האָבן אבות זייער גוטן אָרט.
און די באָבע זיצט אין טראַכטונגען פאַרטון,
ס'פּנים שטראַלט אין אָפּגלאַנץ פון אַ ווייטער זון...
אין ארץ ישראל, אינם טייערען לאַנד,
האָט זי דריי פּאָר טאַטע־מאַמעס,
ליגן זיי ביינאַנד.

2

סדרן זיך די שטערן אין אַ וואָגן אויס,
שאַר איך שטיל אַרויס זיך פון מיין טאַטנס הויז

און מיט יענע שטערן אויסגעשטעלטע שרעג
ווילט זיך מיר פֿאַרפֿאָרן אויפֿן מילך־וועג.

איינמאָל, טיף פֿאַרצייטנס, פֿאַר טויזענטער יאָר
בין איך שוין געווען אויוון דאָרט, פֿאַרוואָר,
ווען דאָס יידנמערונג גאָט, דער גרויסער גאָט
פֿאַר אברהמס אויגן אויסגעשטערנט האָט...
גאָטס נשמה־אוצר אין שטערנגעשטאַלט
האָט פֿון טונקלע הימלען מילד אַריינגעשטראַלט
אין אַ שיינער, דופּטיקער אורכשדים־נאַכט
און צום עלטערפֿאָטער שטיל אַראָפּגעלאַכט...
גינגאָלד־בלימלעך פֿון אַ ווייטער, הויכער גערטנערײַ...
איך אַ קליינטשיקער, צווישן זיי...

וואָס אַמאָל געווען, וועט שוין מער נישט זיין,
ס׳קומט אַ צייט ווען כ׳פֿיל אַ גרויסע בענקשאַפֿט־פּיין,
שאַר איך שטיל אַרויס זיך פֿון מיין טאַטנס הויז,
— סדרן זיך די שטערן אין אַ וואָגן אויס, —
און צום הימל בליק איך בענקליך און פֿאַרטרויט,
כ׳וויל אַרויף־זיך־כאַפּן אויף דער שטערנבויד.

ראובן אייזלאַנד / וואָס איז דען נאָך...

וואָס איז דען נאָך פֿאַרבליבן אונז פֿון לעבן?
אַ שטילער שרעק, אַ בענקשאַפֿט אין די אויגן.
און פֿון דער בענקשאַפֿט — בלויז אַ שוואַכער ציטער,
וואָס איז מיט ווייסע נעפּלען ווי פֿאַרצויגן.

ווי קליינע קינדער זיצן מיר באַטאָג און וואַרטן,
אַז עמעצער זאָל אונז וואָס עפּעס געבן.

ביינאַכט מיר האָרכן נאָר ווי שטיל עס גייט דער אָטעם
און ציטערן פאַר אונזער שטיקל לעבן.

און ווען ס'באַווייזט אַ שטראַל זיך אינם פענסטער,
דאַן וואַרעמען די רוקנס מיר, ווי קליינע קעצלעך, שטילע
און פאַלט דער אָוונט צו, פאַרקלייבט מען זיך אין ווינקל,
ווי שרעקנדיקע קליינע קעצלעך שטילע.

טאַרנאָוו

(פראַגמענט)

סע שמעקט מיט זאַפראַן, נעגעלעך און ענגלישן געווירץ,
מיט זיסע צוקערוואַרג און שאַרפן קימל,
מיט ריחות פון געוואַנדן און מיט ראָסט פון אייזן
און מיט דער קעלט פון לאַנגע שטאַבעס שטאָל;
מיט זעק און צוגעפוילטע שטרוי,
מיט קוישן, שאַכטלען און מיט קאַסטנס, וואָס דערציילן
פון ווייטע שטעדט און פרעמדע מענטשן,
און מער פון אַלץ פון יענע וווּנדערלעכער שטאָדט,
וואָס איז געווען מיין שענסטער קינדער־חלום,
דער טויער צו דער ווייטער וועלט —
טאַרנאָוו.

דו ביזט ניט איבעריק גרויס און ניט איבעריק שיין
דו ליבסטע מיינע פון די שטעדט.
צווישן בערגער צוויי ביזטו צונויפגעדריקט,
ווי א ריזנפויגל, מיט צוויי לאַנגע אויסגעשפרייטע
און צונויפגעשפיצטע פליגל, איינער רעכטס און איינער לינקס.
נאָר גרויס ביזטו
מיט דעם שטאָלץ און טראָט פון די סוחרים דיינע,
און גרויס ביזטו אויך מיט דעם רעש פון טויזנטער,
וואָס קומען האַנדלען צו דיר אין דיינע טויערן.

און גרעסער נאָך פון אַלץ
מיט דיין ברייטן אָטעם
וואָס שפּרייט זיך אויס אויף וועגן און הויכט־אָן לעבן
אין פּערציק שטעדט און דערפער הונדערטער אַרום.
און שיין ביזטו מיט דיינע טעכטער,
די שענסטע פון גאַליציענס שענע טעכטער,
און שיין ביזטו אויך מיט דעם בלויען גלאַנץ
איבער דיינע רויטע דעכער.
דאָך שענער נאָך פון אַלץ
מיט דיינע גרינע פייערן, וואָס צינדן זיך אין רייען,
אין די אויגן פון אַ יינגל,
וואָס קוקט אויף דיר פון באַרג.
און שענער נאָך און גרעסער,
אין דעם ציטער פון מיינע קינדערישע חלומות.
(1919)

ש. י. אימבער / מיין חלום בליט...

מיין חלום בליט אויף אַלע פּלויטן,
ווו ווילדע רויזן רויטלען זיך;
דער גרויער שטויב פון שווערע נויטן
ליגט גרינג אויף מיינע וואַנדער־שיך.

די שטילקייט מאַכט פאַר מיר אַ וואַרע.
מיט טויזנט לידער קלינגט מיין סוד —
מיין זון איז הינטער יעדער כמאַרע,
אויס יעדן דאָרן רעדט מיין גאָט.

זאָגט מיר דאָס פעלד...

זאָגט מיר דאָס פעלד שוין גאָרנישט?
זאָגט מיר דער וואַלד נישט מער,

וואָס ער פלעגט זינגען און זאָגן
מיין האַרצנס יונגן באַגער?

זאָגט מיר די ווייט שוין גאָרנישט,
דער כשוף פון הימלס ראַנד —
לעז איך שוין נישט אין די שטערן
די שריפט פון גאָטס הייליקער האַנט?

בין איך דען שוין אַזוי באַענט,
גאָט, צו דיין לויטערער רו —
אַז כ'זע שוין נישט מער דיינע וווּנדער,
ווייל כ'בין שוין אין זיי, ווי דו —

(1936)

ברוך אָליצקי / בערטשיק גייער

בערטשיק גייער טראָגט אויף לייב די בין־השמשותן פון דערפער
גלייך ווי לייוונטענע העמדער,
און אויף אַקסל — הענגענדיקע קלימעקעס, ווי קראָמיקלעך מיט
מיילער צוגעבונדענע,
וואָס ווייסן ווי בסוד צו האַלטן בילדער הייליקע פון יעזוסלעך
מיט פרומע אַפּאָסטלען.
בערטשיק גייער האָט אַ פּנים געל־בלאָנד ווי אַן אָסיענדיקע יאָדלע
און אַ בינטל שטייפע פינגער, גלייך ווי שטאַרצנדיקע פּענקעס,
נאָר ס'קאָרטשעט אײַן זיין פּנים, אָט למשל ווי אַ יאָזש זיך,
און ס'ציטערן די פינגער בעתן גנבענען אויף בעזמען ביים פויערל
די לויטן.
האָט ער בערטשיק, שטאַרק תּרעומות אויף דער כאָפּטע פּוסטע ווינטן,
וואָס באַגעגענען אומהיימלעך, מיט אַ שלום אַזש אין אַרבל
און פאַרפלעכטן פון די פאות ווי די שוסטערוקעס — דראַטווועס,
אַז דער רוח זאָל זיי נעמען.

נו איז בערטשיק זיך געגאַנגען נאָך הבדלה (ס'הייסט ביי לייטן נאָך פאַר ברכו)

ווי זיין שטייגער, אין אַן אָסיען,
ווען די ווינטן זיך צעמיאַווקען, גלייך ווי קעצלעך וואָס פרירן,
אויף אַ גריעבליע, אַ פאַסקודנע, וואָס האָט משמע נישט געפונען נאָר אַ עובדה
צו פאַרוואַרפן פעטליעס בלאָטיקע אויף העלזער,
נעבעך קראַנקע און געשוואָלענע פון שטיוול —
און געקלערט אַז ער איז זינדיק...
און לאַ־די וואָס ער האָט נישט, כאָטש אַ מעסטל עולם־הבא זיך געהאַנדלט,
ווען דער אורח, וועט אַ קלאַפ טון: „היי רב בערטשיק צי נאָר אויס דיינע לאַפּעס,
דיינע טרוקענע טשומאַקעס.
עפּעס דאָרף מען שוין דיך האָבן, און פאַרשטייט זיך, נישט צו עסן דאָרט קיין גריוון" —
נעמט ער געטער, פרעמדע געטער און פאַרקויפט נאָר פאַר דער איידעלער האָר,
וואָס וואַקסט אַזש אויף די שטינקענדיקע רוקנס פון בכבודיקע חזירים
וואָיען קעצלעך, וואָס פרירן,
נעמען דראַפּען זיך אויף פּאָלעס,
נעמען קלעטרן אויף קאָלנער
און אין הימלדיקער נאָרע שלאָפן כמאַרעדיקע בערן.
שלעפט זיך בערטשיק — אַ שטיק אָסיענדיקער טרויער,
ווו פון זיינע יאָטלעס שניידן זיך די ציין פון וועלט־באַנעמען:
הייסט עס נעמט מען פרעמדע קינדער, יעזוסלעך אַזוינע גוטע,
זויגליגנען פון וועלטנס שאַפן,
און מ'בייט זיי פאַר שטשיטשינעס פון פאַרשטינקענע חזירים —
עולם־הזה, עולם־הזה וואָלט באַדאַרפן כאָטש אַ מעסטל אונזער וועלטל,
אַז דער רוח זאָל עס נעמען.

(1930)

לייב אָליצקי / דער הונט און דער דורכגייער

אַנומלט גייט אַ דורכגייער פאַרביי אַ פּלויט.
פון אינעווייניק טוט אַ הונט אַ ריס זיך פון דער הויט —
כאַטש הימל עפן זיך! מיט איין געבילערײַ.
— כ׳פאַרשטיי, אַז דינען דאַרף מען אמתדיק, געטריי, —
זאָגט דער דורכגייער: מע דאַרף דאָך אָבער וויסן...
— האַוו! איך וואָלט דיך ביזן ביין געביסן!
— ווען עס גייט פאַרביי אַ מענטש אָן זינדיקע כוונות...
— האַוו! אָן חקירות! אָן רחמנות!
— פאַרוועז אָבער? פאַרוואָס?
האָט אַזוי באַפוילן דיר דיין באַלעבאָס?
— האַוו! מיין אייגענער געוויסן...
כ׳וואָלט אויף שטיקער דיך צעריסן!
— אַהאַ!... איך דאַנק דיר, כלב, פאַר דער לערע פון דיין בילערײַ, —
זאָגט דער דורכגייער און שמייכלט שטיל דערביי:
דאָס געוויסן, ווי באַוווסט, איז טאַקע אָרנטלעך און פיין,
ס׳איז נאָר אַ שאלה — ביי וועמען שטייט עס איין?...

דאָס מלבושים־בערשטל

הערט אַ מעשה אויף חידושים.
איינמאָל זאָגט די באַלעבאָסטע צו דעם בערשטל פון מלבושים:
— קום, פוצערל אַהער! איך האָב דיר וואָס צו זאָגן:
איך וויל דיך צוואָגן, —
און זי נעמט דערפולן
איר אַרויסגעזאָגטן ווילן.
גיסט הייסע וואַסער אין אַ שיסל,
שיט זאָדע אויף אַריין אַ ביסל,
און וואַשן, באָדן, רייניקן זי נעמט עס:
פוצט עס, און פאַרקעמט עס.
ביי דעם בערשטל שטעלן ביז זיך אָן די האָר:

— צו וועלכע גוטע יאָר ? !
מיך, דער פּוצער, וואָס איך פּוץ
אַנדערע פון שטויב און שמוץ,
מיך גייסטו מאַכן ריין ? !
נו, זאָג אַליין !
— אמת, — ענטפערט באַלעבאָסטע מיט אַ שמייכל :
נאָר הער מיט קורצע האָר און לאַנגן שכל :
פאַר דיין אַרבעט גיטסו טאַקע ווערט אַ לויב !
נאָר ווען מען האָט צו טון כסדר בלויז מיט שטויב,
גנבענען זיך שטויבעלעך נישט ווילנדיק אַריין צום פּוצער,
און ביסלעכווייז ווערט ער אַליין — אַ שמוצער...

די אַלע, וועלכע רייניקן, ווי בערשט די גאָרע וועלט —
טוט אַמאָל אַ רייניק אויך דאָס אייגענע געצעלט...
(וועגנט האָבן אויערן)

מאַטעס אָליצקי / זונפאַרגאַנג

רויטע פּאַסן הימל האָבן איינגעוויקלט מויערן
אין ראָזע לײַלעכער פון שקיעה,
דורך שמאָלן געסל רינט אָפּ דער טאָג, ווי דורך אַ רינע,
מיט דינע שנירלעך בלוט,
און לאָזן אויף טראָטואַרן לעצטע שטיקער גאָלד.
כ׳קאָן גוט די שעה פון זונענאונטערגאַנג,
ווען אויגן שטייען אויפגעריסענע, ווי האָריזאָנט
אין גלייענדיקן מערב ;
און גליווערן מיט שטילקייט און מיט גליק, —
נאָר דאָ לויפן מענטשן אום מיט אומרו הינטער הויט,
און פילן שוין אין בלוט די שאָטנדיקע טריט

פון טונקעלער נאַכט.
לעם ראָגן שטייען גאַסנהענדלער אויסגעשטעלט ביי וועגעלעך
מיט שטיקער רויטע קאַוועגעס,
ווי די אויפגעמאַכטע ווונדן אין די הערצער,
און הערן טיף אין זיך געוויין פון פינצטערניש
אויף נאַסע ווענט
און פון הונגעריקע קינדער.
יונגע מיידלעך טראָגן זייער ליבע שוין אַרויס דער גאַס
אויף אָנגעפאַרבטע ליפן,
און ווישן אָפּ פון ווענט די לעצטע שטיקער זון...

ל ב נ ה

אין שטאָט איז אויך לבנה דאָ. —
זי ליגט אויף דעכער, ווי אַן אָפּגעבראָכן שטיקל קעז,
און ס'טשירען קעץ אויף איר מיט געלקייט פון די ציין,
און וויינען.
הונגעריקע קינדער מיינען: עס איז אַ פלעק פון טאָג.
וועקן זיי די מאַמעס פונם שלאָף,
און שרייען: עסן! (1935)

ישראל אַשענדאָרף / דער אַלטער שמאַטעקלויבער

אויף די יאָרן עלטערע, וואָס קען ער שוין אַזוינס געפינען,
מער ווי אין אַן אַלטן אַנצוג צעביסן פון מייז:
אַ קאַלענדאַרל פון די בלעטלעך אויסגעפליקט און אויסגעריסן,
אַ נישט באַצאָלטן חשבון אויס אַ גוועלבל פון שפייז.

אפילו אין שענסטן חלום זעט ער נישט קיין ניי בגד,
ווי ער זעט זיך שוין נישט קיין קינד אין יענער שעה.
די קנייטשן אויפן אַלטן בגד קען מען נאָך אויספרעסן,
צו די קנייטשן אויפן פנים, איז שוין קיין הילף נישטאָ.

ביז אייגמאָל וועט דער טויט, דער אייביקער שמאַטעקלויבער,
ווי ער איצט, שפּאַנען אַזוי פון הויף צו הויף.
און שרייען און רופן מיטן הייזעריק־פּאַרדומפּענעם קול:
— אַלטוואַרג, אַלטוואַרג! ביינער, ביינער איך קויף!

וועט דעמאָלט זיך פּאַמעלעך עפּענען אַ טירל פון אַ סוטערינע
און אַרויסדערלאַנגען וועט מען בחינם דעם טויט.
זיין ביסל ביינער — פון כח און מאַרעך אויסגערייבען,
אין אַ קליין, קויטיק זעקעלע פון הויט.

ראַדיאָ

אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, יעדער וועג אַהער און שליאַך
אין פאַרווייעט מיט שניי, מיט שטורעם און מיט נאַכט.
ווערזשע האָט, ווער האָט צעוויסן געגעבן, אַז גראָד היינט
זענען זיך פיר מענטשן צונויפגעקומען אין שטוב ביי אַ פריינט?
און ווער האָט פאַרקערעוועט און וויאַזוי זענען עס דערגאַנגען
צו זיי אין צימער אַרויף, אַ וועלט מיט טענער און קלאַנגען?

נישט מלאכים זינגען עס איצט לעבן אַ קינד אין וויגל,
גאָט האַלט זיי נאָך אַלץ ביי זיך אין הימל אונטערן ריגל
זיי זאָלן אים זינגען דריי מאָל אין טאָג אַ שבח.
נישט קיין פייגל זינגען עס איצט אין דער שפּעטער נאַכט,
זיי באַזינגען נאָך אַלץ דעם זונויפגאַנג יעדן באַגינען
און האָבן פאַרן עלעקטר אין אָוונט, נאָך קיין ליד געפינען.
זיי זינגען נאָך אַלץ צום קלענסטן בערגעלע אַ תפילה
און פאַרן הונדערטגאָרנדיקן וואָלקנקראַצער שטייען זיי שטילע.
זיי באַזינגען נאָך אַלץ דעם בוים און קענען אים נישט פאַרשטיין
ווען ער ווערט אַ טעלעפאָן־סלופּ און הויבט אָן זינגען אַליין.

(מאָנטיק אינדערפרי)

נחום באָמזע / אונזערע מאַמעס שטאַרבן

זיי הערן דורך נעכט דעם טומל פון בוענאָס־איירעס און ניו־יאָרק
און דאָס געוויין פון אייגענע פאַרפייניקטע גלידער.
חלומען זיי: פויסטן, געשריי און בלאַנקע שווערדן,
תפיסה, קינד, געזאַנג פון האָפּערדיקע לידער.

זיי פאַרגלייכן ס׳לעבן צו אַ משל פון דער תחינה:
ווי אַ חתונה אין שטעטל אונזער לעבן. שפּילט אַ פידל,
וויינט די פלייט,
אַרום אונז מעשים, ווי הויפּנס גאָלד, און די מוזיק
שפּילט און שפּילט
נאָר פּלוצים — אונזער טאָג ווי אַ בעטלער פונם שטעטעלע פאַרגייט.

זיי פאַרגלייכן ס׳לעבן צו די ווייזער פונם זייגער,
לאָטען פאַרן מאַן דאָס העמד, גרייטן פאַר די קינדער ברויט;
פאַרטאָג זעען מענטשן: אויף דעם שטרויזאַק פון געלעגער
ליגט אַ מאַמע ווי אַן איינגעשלאָפן הינדל — טויט.

ווי פייגל אין די נעסטן שטאַרבן אונזערע מאַמעס,
שטיל אָן ליאַרעם, אָוונט־צייט, ווען זון פאַרגייט,
הייבן זיי די הענט צום האַרץ ווי צו תפילה
און וויאַנעט לעצטער טאָג, ווי אַ בלום אויף דער בייט.

שטיל, ווי בלעטער אויף די בוימער שטאַרבן אונזערע מאַמעס,
מיניען זיך און זומער־טאָג פון גרין אויף האַרבסטיק-געלע פאַרבן,
הייבן זייערע בליקן צום סופית און שעפּטשען לעצט געבעט:
וויינט נישט קינדער! — און זיי שטאַרבן — — —

קינדער שפּילן זיך

קינדער, איך האָב זיך איצט דערמאָנט:
לאָמיר שפּילן זיך אין שפּילן נייע —

יאָסל הויקער וועט זיין געשטאָרבן,
וועל מיר גיין נאָך זיין לוויה.

בערל קרעציקער וועט גראָבן גריבער
— וואָס־שוע האָסטו זיך צעוויינט?
מיר ווילן שפּילן זיך ווי גרויסע
און האָבן נישט קיין שלעכטס געמיינט.

זלאַטעלע וועט וויינען, ווי די מאַמע.
איציק, יאַנקעלע און בערל בלינדער
וועלן טרויערן ווי די טאַטעס
נאָך די יונגע, טויטע קינדער.

לאָמיר שפּילן זיך אין שפּילן גייע —
קינדער, איך האָב זיך איצט דערמאָנט:
לאָמיר ווי די טאַטעס איבער הייזער
גיין מיט אויפגעשטעלטער האַנט...

(באָרוועסע טריט)

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי / ברידער

ברידער, לאָמיר זיך איינגעוווינען צו וווינען אויף דער ערד־
חערט, —
אַמאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ מלכה...
ס'האָט עמעצער אַן אומעטיקע מעשה אויסגעקלערט
אויף דער אומעטיקער ערד.

ברידער —
ס'איז ניט קיין מעשהלע וואָס ס'איז אונז יעדערן באַשערט —
אַ שעפּעלע טוליעט זיך צו אַ שעפּעלע, די שרעק — פּאָרויס!
אַ בליץ שניידט דורך דעם וועג, אַ שאַרף און — אויס!

מיט פליגל שוועבן אום אין הימל מלאכים אַרום גאָט.
דער וועג צו דער ערד —
טראָט נאָך טראָט.

מיר אַקערן און זייען מיט אונזער שוויס און בלוט.
לאָמיר אָננעמען די קללה אונזערע פאַר גוט —
ס'איז אונזער ערד, ס'איז אונזער היים און אונזער ביסן ברויט,
ס'איז אונזער לעבן און אונזער טויט.

ס'איז ניט קיין מעשהלע וואָס ס'איז יעדערן באַשערט —
— די מלכה איז אָפגעשטאָרבן,
דער בוים איז געוואָרן פאַרדאָרבן, —
די הענט וואָס שטרעקן זיך צום וויַיטן, מלכותדיקן ליכט,
זייווישן גאָר דעם טרויער אָפּ פון אייגענעם געזיכט.

ברידער,
לאָמיר זיך געוווינען לעבן אויף דער אומעטיקער ערד.
מיט וואַרעמקייט קומט אָן דער טאָג, מיט רו — די נאַכט.
ס'האָט עמעצער אַן אומעטיקע מעשה אויסגעטראַכט.
די נאַכט האָט אונז אַ טרייסט, אַ ניגון, איין־און־איינציקן געבראַכט
— לולינקע מיין פייגעלע,
לו־לו, לו־לו — לולינקע מיין קינד.

הינטערן שטאָט

קליינע שטעטלעך טוליען זיך צו ניו־יאָרק,
קרומלעך בייגן זיך די צאַמען;
דערפלעך שרעקן זיך און קומען, —
אַלע רוקן זיך צוזאַמען.

לאַקאָמאָטיוו־רויך און רעלסן
ברענגען נעענטער און צעשניידן;

ווילט זיך זאָגן: שטילע היימען,
קיינער וועט די שטאָט פאַרמיידן.

יאָגט די באַן און ביי אַן אַקער
שטייט אַ פויערל אין זאָרג.
ווילט זיך זאָגן: אַ גוט מאָרגן,
היט זיך, באַלד קומט אָן ניו־יאָרק,

שטאָט קומט אָן פון אַלע זייטן,
פליט אויף פליגל, שפרייזט אויף שטאָלן;
פלייצט פאַנאַנדער און צעגיסט זיך
איבער אַלע בערג און טאָלן.

הייזלעך הייבן זיך אויף פלייצעס,
שפאַנען איבער אַלע צאַמען, — — —
דערפלעך שרעקן זיך און קומען, —
אַלע ווילן זיין צוזאַמען.

אין אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן

פרימאָרגן קריכט אַרום אַ נאַקעטער אויף אַלע פיר.
עס שלאָפט די שוועל פאַרנעפלט ביי דער טיר.

בוים אַרומגעריסן: הויז — ליימיק, שווער,
דאָס קול פון טאַטע־זומער ניטאָ שוין מער.

שטרעקט אָדערדיק פרימאָרגן אויס זיין בלייכע האַנט,
רייסט אַ לעצטן בלאַט — אַ צודעק פאַר זיין נאַקעטקייט און שאַנד.

האַרבסט. אויס שפראַך. אויס בלי. עס איילט זיך ניט די זון
פון וואָלקן אויס — וואָס וועט זי האָבן דען דערפון?

איז, — קריכט פרימאָרגן אום אַ נאַקעטער אויף אַלע פיר,
און קלעפט זיך צו דער שוועל — אַ ממזר ביי דער טיר.

(לידער)

ל. בערטיש / אויפן קלויסטער־דאַך

אויפן שפּיץ פון קלויסטער־דאַך
זיצט זיך אהרן בלעכער,
ער זינגט זיך צו אַ ניגונדל
און פאַרקיטעט לעכער.

ווען ער זאָגט דעם „יהי רצון"
פון ראש חדש בענטשן,
הערן פייגעלעך זיך צו
און אין גאַס — די מענטשן.

גייט ער איבער מיט דער פאַרב —
זאגט ער „השכיבנו",
און קלאַפּט אויס מיטן העמערל
„אָבינו מלכנו".

ביים געוויין פון יום הדין
בלייבן שטיין ערלים,
טוען אַ קוק, טוען אַ זיפץ,
און מאַכן זיך דעם צלם.

קלויסטער־גלאָקן קלינגען שפּעט
און בעטן ווי מחילה,
דער דרויסן קומט מיר דעמאָלט פאָר
עפּעס.. ווי צו נעילה.

(שטילע ווינקלען)

יצחק בערלינער / אַ וואָרט האָט געגליווערט

אַ וואָרט האָט געגליווערט ביי מיר אויפן גומען,
נאָר כ'האָב נ'ט באַנומען פון וואָרט דעם באַדייט —

און אומעכטיק, שטייף ווי אויף צונג פון אַ שטומען,
אַ וואָרט האָט געגליווערט בײַ מיר אויפן גומען, —
איצט רייסט זיך דאָס וואָרט פון מיין מויל און סע שרייט.

רעגיר מיט מיר, גאָט, ווי דו ווילסט מיך רעגירן,
מעג פינצטערניש פאַרבן אויף שוואַרץ מיין געזיכט,
פאַרמאַכט האָסט די זון מיט פאַרשלאָסענע טירן...
רעגיר מיט מיר, גאָט, ווי דו ווילסט מיך רעגירן —
לאָז אָפּן פאַר מיר כאָטש אַ שפּעלטעלע ליכט!

זאָל זיין אַז גערעכט ביסטו, גאָט, און דיין טוען,
ניט לעסטערן וויל איך דיך איצט מיט די רייד, —
אויב ס'איז בלויז אַ חלום, ווי קען מען דען רוען?
זאָל זיין, אַז גערעכט ביסטו, גאָט, און דיין טוען, —
באַשפּריצט האָסט מיין טרויער מיט טראָפּנדלעך פרייד.

געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס דו האָסט מיר געשאָנקען
די אויגן צו זען, צו שרייען — מיין שטים —
אויב ס'איז מיר באַשערט אַזוי אייביק צו בלאָנקען —
געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס דו האָסט מיר געשאָנקען
אַ חלום — כ'זאָל קענען זיך הילן אין אים —

סוף נאַכט — און מיין וואָרט הייבט־אָן ווערן געלייטערט
און פלאַמט אין מיין מויל ווי צעפלאַקערטער קין.
דער חושך ווערט בלאַס און פאַרגייט, זיך דערווייטערט —
סוף נאַכט! — און מיין וואָרט הייבט־אָן ווערן געלייטערט
און קומט־אָן צוזאַמען מיט זון צום באַגין...

דער מענטש — אַ געבויגענער למד

שטייט אַ מענטש אַ געבויגענער למד —
אויסגעשטרעקט זיינע הענד צו די הייכן —

העגנט דער הימל — בלוי־טונקלער סאַמעט —
אויף פּרינאַכטיקע פעלדער וואָס בלייכן...

די זון האָט פון לאַנג שוין געניידערט
אין רונד־האָריזאָנטישע שפּאַלטן...
געבויגענער מענטש, אַזאַ מידער,
קען טרויער אין האַרץ ניט באַהאַלטן —

אַ תפילה אַ שטומע אָן ווערטער —
די העכט זיינע פרעגן — ביז וואַנעט? —
אַ שטיק פון דער פינצטערניש ווערט ער
דער מענטש — דער געבויגענער למד —

(1946)

משה בראָדערזאָן / שטילער וואַלד

און דער וואַלד — אַן אַלטער, ווי געוועזן אין רעיונות שטייט געזונקען,
איינגעהילט אין טיפן שווייגן, ברומענדיק פאַרטראַכט.

אַלע ווידערקלאַנגען, אַלע עכאָס האָבן אין פאַרנאַכט
איינגעדרימלט מיט די לעצטע אָפּגעמעקטע שטראַלן־פונקען.
און עס לאָזן זיך אַראָפּ די מידע בוימער־שפּיצן,
בעת אויף טונקל־פערלדיקע וויטן
אַ צופעליקע צייכענונג אויף הימלען שטילע קריצן —
אַן אָנצוהערעניש אַ גרוס פון נאָענטע דור הפלגה־צייטן,
די שטומע אייליקע זיגזאַגן פון די זומער־אָוונט בליצן.

און ס׳ברומט מיט שלעפעריקער שטילקייט קוים דער וואַלד.
און ציטערט שטיל: פון אָוונט־טוי איז אים, מסתמא קאַלט,
און ס׳פלאַטערט, שאָרכנדיק אַריבער הויכע צווייגן דורך אַ ציטער.

דער הימל שיט זיך אויס מיט צירונג פון די שטערן־שפּליטער,
און די לבנה, שיט אויף אים מיט שימערירנדיקן זילבער־האָפּן —
מיט צאַרטן, הלומדיקן שטראַלן־שטויב...

דער וואַלד־גאָט אין זיין גרינעם זומערדיקן בלעטער־הויב
לייגט זיך אונטער הויפּנס שמעקנדיקן גראָז צוקאָפּן,
מאַכט־אויף די מילד באַוואַקסענע די וואַסער־אויגן ברייט,
און לייגט פונאַנדער זיך בהרחבותדיק צעשפּרייט,
און נעמט זיך שפּילן
די רוישנדיקע וואַלד־געפּילן,
און נעמט זיך שפּילן אויף זיין אַלטער, אַלטער פליי
דעם אוראַלטן, דעם כשופדיקן שלום ושלוה־ניגון
פון בין השמשות, פון דער נאַכט, און אייביק וואַקסנדיקן וואַלד.
און יעדער בוים אין אייגן שאָטן זיך באַהאַלט.
און באַלד — — און תיכף ווערט דער גרעסטער טרויער איינגעשוויגן,
אין קדשי קדשים פון דער רויקייט אַריינגעשטיגן...

עס שפּילט דער וואַלד־גאָט ברייט־צעשמייכלט זיינע זמרלעך
און לאַכט!
צו שטערן, צו לבנה און צו אָנהויב נאַכט —
און ס׳ענטפערט אים מיט בלויקייט־שמייכלען די רו פון נאַכט אַליין:

— — — — — — — — — — — —

ניט לאַנג האָט דאָ אין וואַלד דער טויט געשאַרפט די ציין!
ווי לאַנג צוריק איז פאַרגעקומען אינם וואַלד אַ שלאַכט?...
ס׳איז, דאַכט זיך, ניט געבליבן דעמאָלט שטיין אויף שטיין.
פון גרויס ביז קליין, און בוים און גראָז איז דאָ אין בלוטן אָפּגעגאַנגען
ביז הימלען האָבן ווי־געשריייען דאָ געקענט דערלאַנגען — — — —
און רויק שטיל איז איצטער אינם אָוונט־שטילן וואַלד,
ווי גאָרניט איז דאָ קיינמאָל ניט געשען,
ווי קיינמאָל גאָרניט!... ווי קיינער וואָלט דאָ ניט געווען.
און ווייטער אין דער אייביקייט זיין לחש־שיינקייט קוואַלט.

אַ שטיקה יפה··· און געשטאַלט נאָך אַ געשטאַלט,
ווי פריער, ווי אַמאָל, אַמאָל אין גוטע יאָרן
יאַרליבט אין ייִנגער פרייד אין ווייס געקליידט.
און וואַלד עס שלייכן ייִנגע לאַכנדיקע פּאָרן.
ווען ס׳האָט די נאַכט אַריבער וואַלד איר בלויע שטערן־חופּה
אויסגעשפּרייט,
דאָס זענען ווייסע שאָטנס פון די לעבעדיקע, ליבנדיקע מענטשן.

— — — — — — — — — — — — —

···רבותי, לאָמיר פאַר דער שיינקייט, פאַר דעם וואַלד, פאַר אַלע
מענטשן גומל בענטשן!

בעת מלוה מלכה

ס׳איז אַ פיינלעך אימהדיקער, אומעטיקער, שרייענדיקער לעבן!

טוליען זיך די חסידימלעך צום ייִנגן זינגענדיקן רבין;
און זיי זינגען שמחה־זמרלעך מיט אים צוזאַמען:
און עס ברויזן הערצער, ווי התלהבותדיקע ימען,
און געדאַנקען אין עולמות העליונים שוועבן···

און די הויכע אָוונט־הימלען זענען בלויע, פול־לבנהדיקע בלויע,
און לבנהדיק און פרום־באַלויכטן איז דעם רבינס יעדע תנועה
גייט די שבת מלכתא אַוועק מיט שטילע שמייכלען אירע,
גייט צו גאָט אַוועק, צום רואה ויאנו נראה···
און מיט שירה טוען זי די חסידימלעך באַגלייטן,
טוען זיך די זמירות אין מרחקים ווייט צעשפּרייטן!
חדוהדיק, מלוה מלכות זינגענדיק מיט האַלבן ברומען
טאַנצן זיי די הייסע חסידימלעך אַ ריקודל — אַרומגענומען.
און אליהו נביא איז מיט זיי צוזאַם אין ראָד, אינמיטן.
און, עס דאַכט זיך, ס׳פאַלן תמוז־שטערן, ווי די בלומען־בליטן···

און אין רבינס שטיבל שאָקלט זיך פאַרחושט אין די געדאַנקען

אַ נייער צוגעקומענער…
דאָס ליכט, וואָס טריפט און האַלט אין צאַנקען
וועט באַלד דאָך אויסגיין, ווי די רו, וואָס גייט אַוועק אין זינגען—
— — — — — — — — — — — — — — — —
ערגעץ נאָענט אין שטאָט פאַרשפּעטיקטע טראַמווייען קלינגען,
און פון ערגעץ שניידט זיך דורך אַן אומעטיקער פייף פון באַנען,
ערגעץ שיסט מען — נאָענט, צי ווייט — ווער ווייסט פון וואַנען?
ערגעץ הערט זיך הייזעריק אַ זידלעריי און קולות פון אַ שכור,
וואָס צעררייסט די בלויע שטילקייט, פליקט זי אָנרחמנותדיק
אויף שטיקער…
עמעץ האָט דאָ, גייענדיק פאַרביי אַ טיפן טרויעריקן זיפץ געגעבן
אין דעם פיינלעך-אימהדיקן, אומעטיקן, שרייענדיקן לעבן! —

שוואַרצע שוואַנען

לאַנגזאַם-לאַנגזאַמע אויף בלויע פלאַכן קרויזן שוואַרצע שוואַנען:
גאָלד-באַקרוינטע פרינצן פון דעם אייביק-לעבעדיקן שווייגן
ווייט פון דאַנען איז אַ שוואַנען-לאַנד, אַ טרויער-לאַנד פאַראַנען,
און אַהינצו, צו דער בלויער קוואַלעדיקייט גרייכן זיי און שטייגן.

מנוחה-אומעטן צעשפּרייטן ווייטע, ווייטע פליגלען,
און די אָרעמס פון דער שטילקייט זענען צאַרטע און פאַרשטאַרטע, מידע
און אומענדלעך בלויע זענען אומבאַוועגלעכע די וואַסער-שפּיגלען,
און די שוואַנען זינגען פאַר די פּלוצלינג-אומגעקומענע אַ טרויער-ודוי.

לאַנגזאַם-לאַנגזאַמע די שטומען שווימען אויף די בלויע פלאַכן,
און אַן עצבותדיקע-שיינקייט בלייכט אין שטילן אומעט.
שטילער, שטילער שווימען אַלץ די שוואַנען, ווי אַרום
אַ הילפלאָז שוואַכן,
ווי אַרום אַ חולה: ס׳איז מסוכן קראַנק די ווייטע וועלס אַרומעט

———
(איבערגאַנג

מרדכי גאָלדנבערג / וואָלקנדלעך

וני זילבערנע שעפעלעך, עלנד פאַרלאָזענע
טראָגן זיך וואָלקנדלעך אום אין דעם רוים.
די נאַכט האָט פאַריתומט זיי — בלאָנדזען זיי טרויעריק
זוכן משיחןביים טויער פון רוים...
זיי שיפן פאַרביי זיך די שטערנדלעך, שטיפערלעך —
גליקלעכע קענען קיין צער נישט פאַרשטיין! —
דאַן פלאָנטן צונויף זיך אַרום דער לבנה זיי —
האָט זי איר צער און איר בענקשאַפט אַליין,
זי זעט ניט די עלנדע, זילבערנע כמאַרעלעך
שווימט אין איר אייגענעם טרויער פאַרטראַכט, —
די אָרעמע כמאַרעלעך! נעבעכדיק בלייבן זיי
שטייען די הענטלעך פאַרצווייפלט אָן מאַכט...
יאָגט זיי אַ נאַכטיש־ביין ווינטעלע אָן:
מאַרש ווייסע חברהלעך! גייט זיך אייער וועג!
טראָגן זיך, איילן זיך קינדערלעך־כמאַרעלעך
שווימען, זוכן נעכטיקע טעג... (1921)

יעקב גלאַטשטיין / דער שטאָלצער קיניג

ווען דער שטאָלצער קיניג איז אין שונאס שטאָט אַריינגעריטן,
האָט זיין רויטע באָרד געפלאַמט אין דער אויפגייענדער זון,
ווי די בלאַנקע שווערדן פון זיין סוויטע.
און ווען ס'האָט דער שטאָלצער קיניג באַשיינפערלעך געזען
ווי ס'האַלט דער טויט די שטאָט אין זיינע אָרעמס, —
און ס'זענען אויסגעשטאָרבן אַלע ציגל אין די הייזער,
און אַ מינדסט ווינטל קאָן די הייזער צעבלאָזן אויף דינעם שטויב —
האָט ער געלאַכט.
און אומגעדרייט האָט ער זיין שטאַרקן קאָפּ

אַ קוק צו טאָן אויף זייערע ייִנגעך,
וואָס האָבן מיד און טעמפּ געשלעפּט אַ פֿאַרמאַטערטן דעם זיג.
און דער קיניג האָט באַפֿוילן,
אַ ס׳זאָלן די ייִנגסטע זכרים פֿון דער שטאָט
קומען אים אַנטקעגן מיט ברויט און זאַלץ.
באַלד האָבן געגענט דעם קיניג צען אַלטע לייט מיט לאַנגע גרויע בערד

און אויף די קני געפֿאַלן:
שטאָלצער קיניג, מיר זענען די ייִנגסטע זכרים פֿון דער שטאָט
און קיין ברויט האָבן מיר ניט,
ווייל ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס ברויט ביי אונז, שוין איבער צוועלף חדשים.

עדות זייגען אונזערע הענט די אויסגעצערטע,
אונזערע גומענס די אויסגעטרוקנטע,
אַ ביסל זאַלץ האָבן מיר געבראַכט,
בלויז אַ ביסל זאַלץ האָבן מיר געבראַכט.
ווידער האָט דער שטאָלצער קיניג אַ קוק געטאָן אַהינטער אויף זיינע ייִנגעך,
וואָס זענען פֿון די פֿיס געפֿאַלן, שלעפּנדיק אַ פֿאַרמאַטערטן דעם זיג.
ס׳האָט דער קיניג באַפֿוילן
זאָלן אייערע שענסטע ייִנג־פֿרויען קומען באַגריסן מיינע ייִנגעך,
זאָלן זיי שפּרייטן בלומען פֿאַר די טריט פֿון אונזער זיג.
אין וויינענדיקע רייען האָבן באָרוויסע געשפּאַנט די ייִנג־פֿרויען מיט גרויע קעפּ,

און געשפּרייט פֿאַרוועלקטע בלומען־בלעטלעך.
און ס׳האָבן זיך פֿאַרנייגט די ערשטע פֿיר פֿרויען פֿאַרן שטאָלצן קיניג
און אַזוי געשפּראָכן:
ס׳האָט דער אָטעם פֿון טויט אויסגעטרוקנט אונזערע וואַסער־קוואַלן

ווי די וואָרצלען פון אונזערע האָר,
אויף אונזערע הימלען זעגען געוואָרן שטיין.
האָבן מיר דען געקאָנט מיט לערע קרוגן שטילן דעם דורשט
פון די בלומען?
און ס'איז אויפגעשטאַנען דער עלטסטער מאַנסביל פון דער ערד
און אַזוי געשפּראָכן:
שטאָלצער קיניג,
גיט קוק, וואָס געבוקט איז מיין קאָפּ און מיין טריט ניט זיכער.
דאָס האָבן יאָרן מיר געגעבן אַ שטעקן אין האַנט
און מיין קאָפּ צו דר'ערד געבויגן.
יאָרן וועלן אויף דעם קאָפּ פון דיין שטאָלץ מיט אַש באַדעקן
און אים הייסן גיין ווי אַ בעטלער.
דער שטאָלצער קיניג האָט פאַרשטאַנען,
אַז דאָ דאַרף זיין גרימצאָרן ברענען, ווי זיין רויטע באָרד.
אָבער ער האָט ניט געצאָרנט.
זיינע אויגן האָבן בלויז געקוקט אויף די פאַרוועלקטע
בלומען־בלעטלעך,
וואָס די יונג־פרויען האָבן געשפּרייט פאַר די טריט פון זיין זיג.
און אַראָפּגעריסן האָט פון זיך אַלע שמאַטעס איינע פון די
יונג־פרויען.
איר נאַקעטקייט האָט געוויינט, ווען זי האָט אַזוי געשפּראָכן:
זע, שטאָלצער קיניג, מיינע גלידער, וואָס האָבן געוווּסט אַ מאַן,
העגנן איצט פאַרשעמטע,
ווייל ס'האָט די בענקשאַפט אין מיר נאָך דעם טאַטן פון מיין קינד
פאַרצערט אין מיר אַלע פרויען זאַפטן —
אַזוי זאָל פאַרטרוקנט ווערן די טראַכט פון דיין ווייב אויף אייביק.
ווידער האָט דער שטאָלצער קיניג פאַרשטאַנען,
אַז ער מוז פריי לאָזן זיין צאָרן, ווי אַ ווילדן יונגן אָקס.
אָבער ער האָט ניט געצאָרנט.
זיינע אויגן האָבן אַלץ געקוקט אויף די פאַרוועלקטע
בלומען־בלעטלעך,

וואָס די יונג־פרויען האָבן געשפּריים פאַר די טריט פון זיין זיג.
אַ פּינצטערע מורא האָט זיך געלייגט אויף די הייזער.
דערשראָקענע קינדער האָבן פון די פענצטער זייערע מאַמעס גערופן.
פון קלויסטער אַרויס האָט זיך דערטראָגן דער געוויין פון
די פרומע בענק,
נאָך די יונגע טאַטעס פון דער שטאָט.
דער איינגעשלאָפענער בלינדער גלאָקן־ציער האָט פון זיין
שלאָף דערוואַכט.
זיינע אַלטע געלע הענט האָבן ווי אימער געבעטן דעם
קלויסטער־גלאָק אָנצוזאָגן,
אַז ס'איז געקומען די שעה פאַר דער אָוונט־תּפילה,
אָבער די שטומע צונג פון גלאָק האָט אויסגעקלונגען
אַ טויטן־קלונג.
אַ טויטן קלונג.
די זון איז איינגעשרומפּן.
אַ שלאַקס־רעגן האָט אויסגעבראָכן.
דער רעגן האָט באַנעצט די קעפּ פון די פריינט, ווי די קעפּ
פון די פיינט.
די ציטן אַלטע לייט האָבן אומגעקערט זייערע רוקנס צום קיניג
און זיך צום קלויסטער געלאָזט גיין.
און דער שטאָלצער קיניג האָט אַלץ געקוקט,
ווי אין וויינענדיקע רייען שטייען באָרוועס די יונג־פרויען
מיט גרויע קעפּ.
און שפּרייטן פאַרוועלקטע בלומען־בלעטלעך פאַר די טריט פון זיין זיג.

פּ אַ ר צ ו ק ט

פאַרצוקט איז באַלד די גאַנצע סטאַדע.
רעשטלעך פון ניט־דערסמאַזשקעטעביינדלעך
וואַלגערן זיך אין פאַרדאַרטע שוואַרצע פלעקן בלוט.
און זי, די פאַרבליבענע שאָף,

האָט אַ קוק געטאָן אין זיינע וואָלפישע אויגן
און ציטערנדיק האָט זי דערזען:
אַז שיין, ווי פלאַקערדיקע שטורקאַצן, ברענען זיינע אויגן,
און די פלעקן בלוט אַרום דעם שטאַרקן קאָפּ
דערמאָנען אָן די העלדן־מעשהלעך פון איר מאַמע־שאָף,
וואָס האָט פאַרוויגט איר אַמאָל ביים בלינדן שיין פון לבנה;

אַז איבער בערג און איבער טאָלן,
שטייט ער מיט בלוט באַשפריצט,
און צעשרייט ער זיך —
פאַרטרינקט ער דעם עכאָ פון הויכע בערג.
בלינד איז שוין די שאָף.
פייער־בליצן פון דעם וואָלפיש אויג.
באַלד וועלן זיך נאָר וואַלגערן אַ פּאָר האָר פון איר פעל.
אָבער —
אין חלשות־ציטער
זינגט זי אַ ליד צו אים,
וואָס האָט פאַרצוקט די גאַנצע סטאַדע;
צו זיינע שיינע שטאַרקע פיס,
צום כשוף־פייער פון זיינע רויט פאַרפלאַמטע אויגן.
צו אים.

פאַרצוקט אין שוין די גאַנצע סטאַדע.

אַ תּפילה!

דער רויש פון דיין מאַנטל־זוים בין איך,
אָ, בראַמאַ!
דער עכאָ פון דיין ניגון אין אַ זון פאַרגאַנג.
דיין חלום אין אַ נעפּל־נאַכט.
דו האָסט, אי מיך,

אי דאָס וואַסערל, וואָס שפּיגלט אָפּ מיך,
אויסגעטראַכט —
אין אַ נעפּל־נאַכט.
אַ זייפן־בלאָז האָסטו מיך אויף דער וועלט אַראָפּגעשיקט.
אָ, בראַמאַ!
פּלאַצן וועט דער זייפן־בלאָז אַמאָל.
אויסשפּינען וועט זיך דער חלום אַמאָל.
זאָל מיך דיין קאַפּריזנער מח
מער ניט חלומען, אָ בראַמאַ!

(יעקב גלאַטשטיין)

חיים גראַדע / קידוש לבנה

א

עס שווימט די לבנה פון וואָלקנס אַרויס —
אַ דערטרונקענע נאַקעטע מיידל —
און קוקט טעמפּ אַראָפּ אויף אַ הויז.

בויגט איין דאָס הייזל איר האָרן —
אַ קוימען פון האַלץ אויף אַ פּליכיקן דעכל —
און מורמלט מיט רויכיקן צאָרן:
— דאָ פּוילן שוין טעג און חדשים און יאָרן,
אַ טאַטע, אַ זון אויך קינדערלעך קליינע אַ סאַך —
פּוילן אַזוי ווי מיין דאַך...
און איך מיט אַ בלינדלעכער אויג און אַ מאָכיקן אויער,
וואַך
איבער קינדישן יאָמער און עלטערנס טרויער:
— ברויט! ברויט!
און ס'גייט דורכן טויער
די נויט:

און אָפּט דורכן פענצטער —
דער טויט...
איז שווער מיר דאָ, שווער;
אַז דו וואָלסט מיר וויזן, לבנה, דעם וועג,
אַוועקהינקען וואָלט איך אין וואַלד ווי אַ בער.

ווערט ווייסער לבנה פון שרעק
און קריכט אויף אַ דעכל אַוועק
צו אַ שוואַרצער פאַרקרעציקטער קאַץ.

הייבט אויף די קאַץ איר באַפּלעקטן געזיכט
צו דער מילך אויפן זילבערנעם טאַץ —
נאָר קאַלט רינט, ווי גיפט, דאָס לבנהקע ליכט,
און איר שטומע פאַרטראַכטעניש נעמט אין אַ מיאַו צערינען...

רוקט די לבנה זיך אָפּ אין אַ ווינקל פון הויף
(פשוט — זי קען זיך קיין אָרט נישט געפינען),
שטייט דאָרט אַ ייד מיטן פנים פאַרריסן אַרויף;
— איז היינט אַ לבנה אַ פולע!
שלום עליכם — גיט זיך דער זקן אַ בויג
צו דער צייטיקער בתולה.
קוקט זי אים אָן מיט איר קעלבערנער אויג
און אַנטלויפט ווי אַ דולע.
— שלום עליכם — גיט ער זיך נאָכרעם אַ קער
צו דער קרעציקער קאַץ און דעם אָרעמען הויז —
און שלום עליכם, מיין עלנט און טרער,
ביינאַכט אויפן בעט און בייטאָג אין דער קלויז...

וויל די לבנה און קען ניט אַרויס פון פאַרכישופטן קרייז,
ווי דאָס הויז, ווי די קאַץ, ווי דער גרייז.

ב

ס׳איז דאָס לעמפּל אין צימער מתפּלל צום באַלקן מיט רויך.
אין קיך רינט דער עמער מיט קופּערנע טראָפּנס און וויינט.
מיר דאַכט זיך: מיין מאַמע פון שלאָף שעפּטשעט אויך,
אַז זי האָט גאָר אַנדערש געמיינט.

ביי מיין בעט ליגט די נאַכט מיט אַ שוואַרצן פאַרשלאָסענעם פּיסק,
ווי אין זיין הייל אַ פאַראומערטער, האָריקער בער:
און ווען עס גייט אויף אין דעם הימל דער זילבערנער דיסק,
גייט אַ זעאונג אויך אויף אין מיין אויג ווי אַ טרער.

איך דערזע אין דער ווייט אַ לבנהקן פעלד.
אין מיטן דעם פעלד — אַ פאַרוואַקסענעם שטיין,
און ווי דאָס פאַרגליווערטע האַרץ פון דער וועלט,
שטומט ער ווי איך אין מיין צימער אַליין.

ג

ווען איך בין אַ ברונעם אין ערגיץ אַ פויערשן הויף,
וואָלט אַ לבנה, אַ פולע געוואַכט מיר צוקאָפּן,
און וואָלט איך געווען נאָך אַ קוועלכל אין זילבערנעם לויף,
וואָלט אַ לבנה געווען איצט מיין יעטוועדער טראָפּן...

אַפילו דער בוים אויפן שטאָטישן שטיינערנעם מאַרק,
שפּרייט אויס ווי אַ גילדענעם פינגער זיין מינדעסטן ריטל;
ווען איך בין אַ דאָרפישער שגצל, מונטער און שטאַרק,
וואָלט איך זיך אָוועקגעלאָזט כאַפּן די זון אין מיין היטל...

ס׳איז פריילעך פאַרשמייעט דער יונגיקער שוואַלב,
אַ נעסטעלע קלעפּט ער פון שטרוי און פון שטראַלן;
ווען איך וואָלט געווען אַ היי־יאָריקע קאַלב,
דערלאַנג איך אין בלויען באַגינען אַ שפּרונג פון די שטאַלן...

איבעריק איז מיר מיין גוף, וואָס איך טראָג אַזוי שטייף.
מיין פּנים האָט ווייניקער זון פון אַ גרעזל...
ביינאַכט פּויזעס אום אויף מיין בעט אַ לבנהקער שטרייף,
און איך רייד אין מיין קישן אַריין, ווי אַ שיכור אין גלעזל...

יאָ

עס ליגט דער אויסגעשטערנטער אין־סוף געפאַנגען,
אין די שייבעלעך פון אונזער הויז.
מיין פּנים איז אין פענצטער אויפגעגאַנגען,
ווי אַ לבנה קיילעכדיק און גרויס.

איך קוק אַרויס, ווען הייבט שוין אָן צו טאָגן,
עס נאָגט מיין האַרץ דער אומעטיקער בלאָ;
איך מוז זיך דורך דער נאַכט — דער שלאָפלאָזער דערשלאָגן
דעם קומענדיקן טאָג צו זאָגן: יאָ!

דער הימל האָט אין מיינע שייבעלעך געגעכטיקט,
און איך האָב אויסגעטרונקען ביזן דעק
מיין ווייטאָג אין דער נאַכט — און שוין באַרעכטיקט
מיין ווייטאָג אין די קומענדיקע טעג.

יאָ! — דאָס איז דער ענטפער פון מיין יוגנט,
ווען זי באַדאַרף פון אייגן הויט אַרויס.
יאָ! — דאָס מיינט: מיין גורל איז מיין טוגנט;
מיין פאַטום איז דער מילכוועג צו מיין גרויס.

מיין ליידנשאַפט פאַרטיף איך ביז צו איבערצייגונג,
פאַר מיר איז אַלץ אין לעבן אומבאַדינגט.
איך קען ניט זיין דער פויגל אין די צווייגן,
וואָס וויגט זיך סתם אַזוי און זינגט.

דער פויגל אין זיין פרילינגפליִ אַפילו,
איז דאָך אויך ניט פריי אין זיין געזאַנג.
איך, דער אייניקל פון דער גאַרילע,
זע די גאַנצע וועלט אין איר צוזאַמענהאַנג.

גאָטס זינגענדיקער גוף אין העכסטן פורעם, —
בין איך דער קראַנקער מענטש ביים בלויען שויב.
יאָ! — דאָס איז דער פרייד־געשריי פון שטורעם, —
צו דעם גרויען ווערעמל אין שטויב.

יאָ! — דאָס ענטפערן די שטערן: אמן.
אויף מיין יאָמער, וואָס פאַרקלײדט זיך אין געזאַנג.
אַלץ, וואָס האָט אי יאָ אי ניט קיין נאָמען,
קעמפט אין מיר אַנטקעגן אונטערגאַנג.

יאָ! — אָט די באַשטימונג ווערט צו מיר געשליידערט
פון ים מיין מוטער־טראַכט און וואַלד — מיין וויג.
אַלע ברואימלעך געדענקען נאָך אין ווייט דאָרט,
מיין אויסזען מיט יאָרטויזנטער צוריק.

אַ בריק פון די יאָרטויזנטער ווערט ווי אַ רעגנבויגן,
פאַרוואָרפן פון מיין פענצטער ביז צום וואַלד,
די חיות — מיינע אורזאָטערס — מיט שטויבענדיקע אויגן
באַשמעקן פאָרזיכטיק מיין איצטיקע געשטאַלט.

זיי צערטלען מיך מיט הייסע צֵיין און שאַרפע נעגל:
מיר האָבן דורות זיך געראַנגלט, דו זאָלסט זיין;
דער דזשונגל איז צו מיר איצט עולה רגל,
און איך גיי העכער אויף צום שטערן־שיין.

איך ווייס: די שטערן זענען ווייט און אייביק.
נאָר איך, דער קראַנקער מענטש, ביים בלויען שויב

וועל מיין האַרץ, וואָס איז ניט מוטיק און ניט גלויביק,
אַפילו מיט געוואַלד באַפעלן: גלויב!

גלויב! עס נעמט די גרויסע ליכט באַלד שיינען,
אַזאַ פזרנזתהדיקע ליכט — און זי איז אויך ניט פריי.
ס'איז דאָ אַזוי פיל איף דער וועלט, וואָס קען ניט טענהן,
און וואָס באַוועגט זיך צו איר ציל געטריי.

גלויב! — די פינגער מיינע ציען זיך ווי שטראַלן,
ווי טרערן רינט פון מיין געזיכט דער בלאָ.
מיין האַרץ, דערשלאָג זיך צו דעם קוואַל פון אַלע קוואַלן —
דערשלאָג זיך צו דעם ערשטן זאָגנדיקן: יאָ!

(יאָ)

ש ל אָ ף - ל י ד

אַלו־לו־לו, — שוין פינף און צוואַנציק יאָר,
וויגט די נאַכט זיך אין מיין פוסטע וויגל,
איצט פאַרוויגט דאָס זעלבע ליד אַ קאָפּ מיט גרויע האָר,
און נישט קיין מלאָך מיט קיין ווייסע פליגל
שטייט ביי דעם צוקאָפּן, —
דער בלאָנדער זון פאַרוויגט זיין גרויער מאַמען,
און אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן,
פאַרוויגט ער זיין געוויין מיט איר צוזאַמען...

אַלו־לו־לו, — מאַמע ליגט שוין וויפלטן מעת־לעת,
און אַז דער דאָקטער קומט נישט צו דער קראַנקער פרוי צוגיין,
וואַרט דער זון אויף דעם משיחישן און לעצטן נס, —
גאָט זאָל קומען אין דעם קראַנקן הויז אַליין...

אַלו־לו־לו, — מאַמע ברענט ווי אַ פאַרטרוקנטע שטיק ערד,
און דער זון — דער זון וואָס טוט?

זײַנע אויגן הענגען איבער איר פֿאַרטרערט,
ווי אַ רעגן רױשט זײַן בלוט, —
דער זון, ער קאָן מיט זײַנע טרערן נאָך באַפֿײַכטן
איר צעפּיבערטן געזיכט.
איר קאָפּ דער גרויער אויף דעם בעטגעוואַנט זאָל לײַכטן
ווי אַ ליכט...

אַלו־ליו־לו — מאַמע קאָן נישט שלאָפֿן,
זי ווײַנט אַרויס פֿאַרשטיקט און דין:
— מײַן קינד, איך האָב געזען ווי דו ביסט אַ פֿאַרבלוטיקטער
געלאָפֿן,
און בלינד האָט דײַן געזיכט געפֿרעגט: „וווּהין?“
אויף אַ שייד־וועג האָסטו דײַנע ברידער אָנגעטראָפֿן, —
דײַנע ברידער די פֿאַרוואָגלטע — דײַן טאַטנס זין,
זיי זענען אויך ווי דו פֿאַרבלוטיקטע געלאָפֿן,
מיט פֿרעגנדיקע הענט: „וווּהין“?

אַלו־לו, — דאָס ליד פֿון אָנהויב איז מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען,
בלוט און וואָגל איז דאָס ליד פֿון סוף,
אײביק וועלן דײַנע קינדער וואַנדלען,
און ווי בידנע שאָף
וועלן לענדער זיי פֿאַרהאַנדלען, — — —
שלאָף מײַן מאַמע, שלאָף... (1936)

דער נביא שטאַרבט

דער נביא שטאַרבט... ס'ברעכט זיך דער ערדענער פֿורעם,
זײַן גוף איז אַ חרובער נעסט נאָך אַ שטורעם.

דער שטורעם, וואָס פֿלעגט פֿאַר די לאָקן אים טראָגן,
איז וועק צום כּסא הכּבֿוד זיך קלאָגן.

דער נביא איז אַלט און שוין מיד פונעם מענטשן,
וויל ער דאָ שטאַרבן און שטאַרבנדיק בענטשן.

יחזקאל פאַרהילט זיך אין צער ווי אַן אָבל,
און קניט אויפן גילדערנעם טייכברעג פון בבל:

— גאָט, לאָז מיר אויפנעמען רויק די רגע,
ווי ס'נעמט אויף די שקיעה — דער בלוי אין די ברעגעס.

מיין קערפער — באַשטענדיק אַ צייכן פון שרעקן —
האָט פריידיק געטראָגן דעם פיין פון אַנטפּלעקונג.

איצט וויל ער, מיין אָרעמער קערפער בלויז... שווייגן.
זע מיינע הענט — אָפּגעבראָכענע צווייגן.

זע, ווי איך גראָב טיף אין זאַמד איין מיין שטערן —
פאַרוואָס קען איך אַלץ נאָך אַנטשווייגן ניט ווערן?

עס ליגט אויף מיין האַרץ אַ פאַרחלשטער דרימל,
דאָך זע איך ווי וווּנדערלעך שטיל ס'איז דער הימל.

ווי גיי איז פאַר מיר אָט דער לעצטער חזיון:
צום ערשטן מאָל זע איך ווי שטיל הימלען בלויען.

די שטילקייט זי קושט אויס מיין אומרו און כוח,
אָט הייב איך זיך אויף ווי אַ פלאַם פון מזבח.

פאָרויס איבער מיר גייט דער האַר פון אין־סופן,
עס איז נאָך דער טויער פון הימל האַלב אָפן...

עס האַלטן מיך גרויסע פיר פייער־געשטאַלטן,
וואָס האָבן דעם כסא הכבוד געהאַלטן...

די פינצטערניש ווערט אַרום מיר אַלץ געדיכטער,
איך גיי צו דיר, וועלט, מיט פיר פייער־געזיכטער...

קומט לאָמיר גיין מיט געברום און געשרייען,
דער זאַמד און די ברעגעס אַהינטער אונז גייען.

עס גייען אויך מיט אויפן טיף־גרונט די שטיינער,
דער שטראָם און די וואָלקנס.. נאָר איינער — איך איינער,

איך איינער בלייב הינטער... איך ציטער... איך וואַקל...
ס׳ין לעשט זיך מיין לעבן אין זאַמד ווי אַ פאַקל...

עס האָבן איין מענטשן געטראָגן פיר כרובים...
און דאָך ניט דערטראָגן אַפילו צום גרוב אים...

די כרובים זיי גייען אַרויף ווי אויף שטאַפּלען
און בלינד ווי די נאַכט ווערן מיינע שוואַרצאַפּלען.

איך פאַרגיי ווי אין מדבר די פוסטריט פון קעמל,
איך פאַרגיי ווי דער זיפץ פונעם ווינט, ווי אַ פלעמל.

איך פאַרגיי און ס׳פאַרגייט אויך מיין פיין... ווער וועט בלייבן
דעם גלות מיט אייגענעם בלוט צו פאַרשרייבן ?...

(יחזקאל)

נפתלי גראָס / פון מיינע וויזיעס

I

ווי שאָטנס שלייכן זיי זיך אויף דעם וועג
צו אײנצקע פאַרביי. און ווי אַ פלעק
פון רויט אויף רויטן זייד, אַזוי פאַרציט
זיך אומרו אויף מיין רולאָון געמיט.

II

מיר בעטן: פיר שוין, פיר אונז צו דיין שוועל,
דער וועג פאַר אונז מאַך גלייך און לייכט און העל ;

מיר קומען קניען פאַר דיין אָנגעזיכט
דאָרט אויפצוגיין דערלייטערט פון דיין ליכט.

III

לייכט אויף פאַר אונז, לייכט אויף אין גלאַנץ און פּראַכט,
ווי ס'לייכט פאַר שמעטערלינגען אויף אַ ליכט ביינאַכט;
ווי שמעטערלינגען ביי דעם ברענענדיקן ליכט
לאָז פאַלן אונז דערלייטערטע פאַר דיין געזיכט.

IV

די שפּיצן פון די בוימער ביי דעם וועג,
די וועלדער און די בערג פון ברעג צו ברעג,
אַנטקעגן אונז און אומגעריכט
זיך האָבן אויפגעצונדן מיט אַ העליש ליכט.

V

דער נביא זאָגט:
איך בין געווען דאָ, ווען ס'איז גאָרנישט נאָך
געווען, איך בין געווען, ווען אונטערן יאָך
פון זיין באַפעל האָט אַלץ זיך שוין געדרייט;
און איך בין ווידער דאָ, דעם יאָך פון זיין
צו העלפן טראָגן אין דער אייביקייט
אַריין.
(1920)

אייביקייט

ווער קען דעם סוד פון אייביקייט באַגרינדן?
דער ווינרעב בליט אַ גאַנצן זומער אויף די ווענט.
ער ברוינט און גאָלדיגט זיך אין האַרבסט און ווערט פאַרלענט
די פייגל בייטן זיך, זיי קומען און פאַרשווינדן,
די ווילדע גענז — זיי פליען אין אַ וואַרעמער לאַנד...
און טיפע שפורן ווערן ביסלעכווייז פאַרמעקט.
מיין אייגענער פּאָרטרעט אין צימער אויף דער וואַנט

ווערט אָפּגעבליאַקעוועט; דער שפּיגל ווערט געפּלעקט.
און אויב איך בין נאָך יונג און שטאַרק אַצינד,
וועט באַלד זיך אָנרוקן אויף מיר די עלטער ווי אַ ווינט.
און — פון דער ראָזער פּוילעדרוילע אויף מיין טיש
דרישטע אייביק רוישענדיק אַרויס דער רויש פון ים.

די האַנט

פאַר די הויכע בערג אין מערב
נעמט דער טאָג זיך בייגן,
שטילע שאָטנס צו דעם מזרח
נעמען אויף זיין וועג זיך לייגן.

אויף די הויכע בערג אין מערב,
שטרעקט ווער אויס אַ ווייסע האַנט,
נעמט די זון, דעם טאָג אַריבער
ערגעץ איבער יענעם ראַנד.

שטיל, נשמה מיינע, שטילער,
ס'וועט אַמאָל אַן אָוונט קומען,
ערגעץ ווערן צוגענומען
וועסטו פון דערזעלבער האַנט (1921)

יעקב גראָפּער / סביבה

(פראַגמענט פון אַ מאָלדאַווישן פּייסאַזש)

פלעג ר'מאירל פון פּרעמישליאַן ביים טיש אַזוי, צומאָל אָט
וואָס אַליין אַזוי

ווי פאַר זיך זאָגן:
פרי און שפּעט,
ביים אויפשטיין און ביים לייגן זיך,

גאַנץ פרי, פאַרנאַכט, ביי טאָג, צומאָרגנס, ביינאַכטן און פאַרטאָגן
גאָטס גנאָד, זיין ליבע, דעם נס וועט קען דערזאָגן,
וואָס מיר וועלן ניט איידן טאָג צעריבן אויף דער העלפט.

אַליין, און איינער צווישן זיי, און אַנדערש: און זיי די זיבעציק,
דניאל אין גרוב מיט לייבן, איינער און ניט קיין שבטים צוועלף —
און „זיי" די זיבעציק
און זיבעציק און הונגעריק און אויפגערייצטע וועלף...

און דו אין מיטן מאַרק, אין מיטן רעש, און פול אַרומגערינגלט,
אַנזיכטיק, ציכטיק, קלוג און... שוואַך
און רייך אַרומגערינגלט
און שרייסט, שלעפּסט קונים, רופסט און צינגלסט
אַרומגערינגלט:
סחורות, משקה, ראַפּטן, פּאַצערקעס (און פרעמדס גאָר העכער העלפט).

און ער, דער בער איז פראָסט און דאָרשטיק, גלוסטיק,
פון ווייט אפשר צופוס, באַפּראָשעט, מיסטיק — צופוס געגאַנגען,
זיך מעגלעך ביי אַ דושל אָנגעכאַפּט, זיך אָנגעהאַנגען
געשלעפּט מער, ווי געגאַנגען, זיך נאָכגעשלעפּט, זיך אָנגעהאָנגען
און איצט פאַרדראָסיק, — פראָסט...

היינט זיין זוכת אבות, זיינע, זיידעס, באַבעס,
זיידע — ווילדער באַרג און גרויער וועלדער־וואָלף
חיה־רעה און קוק פון פראָסט
און פריער פראָסט און האַרבקייט, לעבנסהאַרטקייט אויף זיין קאַרק
און דו — אים פאַר די אויגן, און דו — אין מיטן מאַרק...

— — — — — — — — — — — —

— כאָטש אַזוי,
כאָטש זיי שיקסלען נאָר און פּיסקלען
און דעם ייִד זיי צַלך, דעם יידן אונטערריסקלען

— — — אַלדינגס רעכט זיי גוט און וויל...
זעען דעם אפּגרונט נישט פאַר זיך, קיין בלויז, קיין הויל,
פיר צו אייגענער שיטה זיי אַפּילו
צו זעלבספאַרדאַרב צו זייערן
צו בראַנד, צו קויל —
איז וויל ביי זיי און רעכט, איז פאַרב, איז חן.

און אַלץ אויף זיך, אַלדינגס אויף זיך מקבל...
און עיקר:
אישה און פּיסטויל! —
אויב יאָ, שוין וויל, שוין ווידער וויל;
אי רעכט, אי וויל.

און אַלדינגס רעכט ביי זיי און ביי גדולים זייערע, און אַלץ
פאַרענטפערט, אַלצדינג:
התלהבות אימפעט, גזל... אַ פאַרמיש! אַן אויסגעמיש...
אי בלוט, אי ליד, אי גרויל,
פאַרענטפערט און באַזונגען, געהייליקט!?...
גזל, אימפעט, בלוט.
באַזונגען און באַפּרעפלט!!
פון אַלע זייטן צדדים, זייטן אַלע.
מיט איינמאָל,
אַלע
קיינס נישט פויל.

און... רעכט דעם רוב דאָס ערשט, דעם רבים זייערן, באַטעמט און גוט
אים רעכט, גערעכט אים און אי וויל.

אַבי נאָר נישט צו לאַנג, צו טרוקן זיי ניט לאָזן,
אַ זשליאָקע כאָטש אין מויל — — —
זיי אַלדינגס רעכט און אַלדינגס וויל.

קיין שווידערשרעק, ניט פויל,
נאָר גלאַט, נאָר וואויל...

און זיי די אַלע,
די אָנגעטריבן־אָנגעצויגענע זיי אַלע,
באַפרידיקט אָנגעצויגן, אָנגעטריבן, אָנגעצוויקטע,
די אַלע, די פילע, דער סך
זיי אַלע פּה אחד — פול דאָס מויל...
און גלי און קויל.

אײן אָנוווינז, אויפרייק, אָנטרייב, איינטונק בלויז,
שפּיצפּינגער שטויס־וואָרט: מאָרד און גרויל —
שוין וואויל, שוין ווידער וואויל און רעכט!

— — — — — — — — — — —

און עפּעס ווידער נאָך, נאָך איינס,
(כאָטש ס׳מוז ניט זיין,
און אויב ס׳איז יאָ איז פיין)
נאָר ניט צו טרוקן לאַנג — — — —
— אַ זשליאָקע כאָטש אַ טראָפּנדל אין מויל
און — וואויל
וואָס האַרץ, ווער גרויל?!...

בראָנפן, אישה און פּיסטויל
— איז וואויל,
איז גרויס!...
ווי דער וועלט, דער ערד, דעם בויך וואָס טראָגט דאָס אויס...
צו אונז, צו זיי — ווי!
ווייסן דען וואָס איז צו זיי?!
חיה, פּשטות זענען זיי.

כאָטש זיי שיקסלען נאָר און פּיסקלען

און דעם ייד זיי אַלץ נאָר, יידן! נאָר אונטערריסקלען
פּשטות זענען זיי, און זענען — עולות...
און די וועלט נאָך וואַרט אויף גדולות —
די וועלט, — וואָס ווייסט זי וואָס איר פעלט, וואָס איר גילט — —
— פרעגט דעם באַראָן. פרעגט צו ווייסט דער לויפער
אַז ער טראָגט מיט זיך אַ שופר — — (כתב־יד)

ס ל י ח ו ת
(פראַגמענט)

בלומענזומער, יוגנדס זומער!...

און עס גייט מיט דיר מיין לעבן
וואָס דער זומער האָט גענומען
קאָן דאָס מיר דער ווינטער געבן?

קאָן ער דען אין קולות זיסע
נאָך מיין האַרצנס דרעגנען הילך,
אַ פאַרגליווערט קאַלטן אָטעם
אין אַ בשמים־הויך אַ קילן;

אָדער ברענגען אין די אָרעמס
מיר אַ גאָלדיק ריינעם שטראַל,
קאָן דאָס דען אויף דאַרע צווייגן
זינגען נאָך די נאַכטיגאַל?

קלאַפּט דערפאַר מיין האַרץ און ציטערט
ווי צעדרעשט פון בייזע שליחות,
הער איך דאַכט פון ווייט אַ ברומען...
גיסן מיינע אויגן שפוכות.

און מיר דאַכט אַז נאָך די טרערן
גראָבן איין זיך טיפע קאַרבן.
ס׳ שפּילט אין ווינט אַרום די שלייפן
שוין אַ האָר מיט זילבער־פאַרבן.

און אַ טאַטש נעמט ביים הענטל
אָן פֿאַרטאָג בן־יחיר זיינעם:
ניט איין שטערן, — נאָר לאַמטערן,
הוסט און טריט, און נאַכט שלינגט איין אים.

שופר־קול אויף טוי־דערציטערט
גראָז, אויף דאַך און אינדערפֿריען.
ציטערן איצט די פֿיש אין וואַסער,
זיירעס אויפֿן פֿעלד זיך מיען.

אַנטלען ליידיק וואַרטן בייכיק
נאָך וויין „אַראָנצו" זיך צו לאָזן,
הויערן איבער זיי און קראַקען
ראָבן — שוואַרצע לופֿט־מאַטראָזן.

פֿליען הויפֿנווייז די שוואַלבן...
שכוּמער בלייבט מיין זעל און שטומער
און עס וויאַנען מיינע צוויטן
און עס גייט אַוועק מיין זומער...

סליחות קלאַפּט מען, הערסטו זומער,
קאַלטער ווינטער וויל אונדז שיידן,
אייביק קלויבט מען ניט קיין בלומען
תמיד בליט ניט דער גן־עדן.

(אין שאָטן פֿון אַ שטיין)

יונה גרובער / צו מיין מוטער

האָסט צופֿיל געזיפֿצט
געוויינט ביי מיין וויג,
איך בין שוין לאַנג
אַנטשלאָפֿן געוואָרן,
און ס׳האָט דיין וויינען
מיך אַלץ נאָך געוויגט

אומזיסט זיך געשראָקן
האָסטו זיך ביינאַכט
ווען ס'האָט זיך דיר ווייגען געדאַכט.
עס זענען דאָך דאָס
דיינע טרערן געווען
וואָס האָבן געוואַכט ביי דער נאַכט.

איצט וויינען זיי אַלע
פון מיינע הענט אַראָפּ,
איצט וויינען זיי אַלע
פון מיין טרויעריקן קול.

מיינע אויגן צווי טרערן
ווי־טרערן פון דיר,
זיי זוכן דיך איצט
און מענהן צו דיר:
האָסט צופיל געזיפצט,
געוויינט ביי מיין וויג,
איך בין שוין פון לאַנג
אַנטשלאָפן געוואָרן,
און ס'האָט דיין וויינען
מיך אַלץ נאָך געוויגט. (1936)

אורי צבי גרינבערג / בת־ישראל

האָסט שוואַרצע אויגן, שוואַרצע, לאַנגע האָר
און צעפּ געפלאָכטן צוויי,
און אין די אויגן רוט דער שוואַרצער צער
פון דורות־לאַנג,
דער האַרצעדיקער פרומער אויגן־צער
פון נעסט־באַרויבטע פייגל,
און ס'עצבותדיקע גוטסקייט פונעם פאָלק.

דיין שווייגן איז מיר טייערער אַ סך
פון בלאָנדע מיידלעכס זאָגן הויך: כ'האָב ליב!

האָסט שוואַרצע אויגן שוואַרצע לאַנגע צעפּ,
אַ קליין־פאַרשלאָסן מויל —
אַ הייליק שלאָס.

איך טרוי מיך נישט גענענען צו דיין שוועל.
און כאָטש איך גלוסט —
איך טרוי מיך נישט מיט לעפּצן צו באַרירן דיך
און קושן שטיל דיין קאָפּ — —

ביסט הייליק ווי מיין מאַמע, און אַזוי
איז אויך געווען איר מאַמע מיידלוויז.
און דו וועסט אויך אַמאָל אין זייד געקליידט
שטיין און בענטשן שבתדיקע ליכט
און מיט די ווייסע, קליינע, צנועה־הענט
פאַרדעקן ס'בלייכע פּנים דיינס און מורמלען פרום און שטיל...
איך שטיי פון וויט
און בענטש דיך פון דער וויים
און שפּרייט די הענט
צום תפילה־טון. — —

לויב צו מיין ליד

טוליע דיך, פריינד, ס'איז אַ שכינה מיין ליד
און אונטער איר פליגל רוט הייליק אַ נאַכט
מיט אַ זילבערנעם שטעג, וואָס פירט ווידער צוריק
צום פאַרלוירענעם שלאָס.

דערצייל־אויס דיין האַרץ, וואָס וויל ווערן אַ שטיין

אוּן לערן מיין שיר, ווי אַ תּפילה צוּ גאָט,
צוּ אַן אייביקן גאָט.

פאַל אויף דעם קוואַל! ס'איז אַ קוועלע מיין ליד
אוּן טרינק פוּן דעם קוואַל, אויב דיין נפש איז קראַנק
אוּן פוּן מדבּר פאַרבּרענט...
אוּן רוּ דיר אַ שעה פוּנעם לעבּנס געיעג. — —

דאַרפסט האָבּן אַ פריינד, אַחוּץ מיך אוּן מיין ליד,
אין דיין שטיינִיקן וועג אוּן אין לעבּענס געוויש —
אַחוּץ מיך אוּן מיין ליד, וואָס איז אייבּיק אַזוי?!

טוּליע דיך, פריינד, ס'איז אַ שכינה מיין ליד
אוּן אוּנטער איר פליגל רוּט הייליק אַ נאַכט,
וואָס היילִקט דיין צער אוּן פאַרשלעפּערט דיין זעל
ווי אַ בּלימל אין פעלד...

אַ הפקר־מיידל

פאַר דיין נעבּוּכטער מיידעלדיקער צניעות
שטיי איך, ווי איך שטיי פאַר זוּנען־שקיעות!
פאַר דיין אַנטקרוינטן מלכּות־קאָפּ, דעם בּלאָנדן,
בּרעך איך וויינאַגעל צוּנויף די הענט,
ווי פאַר אַ מקדש, וואָס אַ שונא האָט געשענדט,
אוּן כ'שטיי פאַר דיר, אַ וואַרבּעכורם, געבּויגן,
אוּן טרערן גייען־אויף אין מיינע אויגן.

דוּ בּיזט די לעצטע וואָנט פוּן יענעם פראַכטשלאָס.
כ'וויל הייליקן דיין שאָטן, כ'וויל מיין האַרץ־כּוס
פוּלן מיט די טרערן, וועלכע פליסן
נאַכט אויף נאַכט פוּן דיינע זיסע אויגן — —

דעמאָלט שטייען זקנים אויף און קלאָגן
און הינט אין הויף און הינט אין גאַסן בילן
און קענען נישט פאַר עלנדקייט זיך שטילן...

אומעטום...

אומעטום איז פאַראַן אַ באַהאַלטענע האַרף
און אַ האַנט איבער סטרונעס, וואָס ציטערט.
אומעטום פאַנגט דאָס ליד פון אַ מיידל מיין האַרץ,
ווען דער ערשטער פאַרנאַכטשטערן פליטערט.

אומעטום איז פרהאַנען אַ היזל אַ היילקס,
ווו הערצער פאַרגיסן דאָרט תפילה.
און ס'זענען פאַראַן אומעטום נאָך פיר איילן
פאַר וועגגייערס מידע און שטילע...

(פאַרנאַכטנאַלר)

אליעזר גרינבערג / שטאָט לאַנדשאַפט

הויכע, ריזיקע פאַבריק-קוימענס
קריצן מיט רויך-געשריפט —
אויף שטאָלערנעם הימל, אַן אָפרו־ליד, אַן אייזערן געבעט.
דער אָוונט נידערט שטיל, געהיימניספול און טריפט —
מיט פייער,
פייער,
פייער.

עס לויכטן אויף לאַמטערנס.
שילדן צינדן זיך

יעדע שויב צעבליט זיך העל ווי אַ ראַקעט.

די שטאָט איז איצט אַ פֿלאַקערדיקער שײַער
וואָס צערט און ווערט פֿאַרצערט פֿון אייגן פֿײַער.

די רייען מויערן מיט קעפּ פֿאַרריסענע צו רוימען
זעען אויס אַצינד ווי שטיינערנע אָדלערס —
וואָס גרייטן זיך צום פֿליִען.

פֿון ווייטנס הערט זיך דאָס שווערע סאָפּען
פֿון אַ הודיענדיקער באַן.
און איבערן הימלס שמאָלע, שפּאַרעוודיק־צעפּאַטשטע זוימען
גליטשט זיך ווי אַ ריזיקער גליוואָרים —
אַ באַלויכטענער עראָפּלאַן.

באַלאַדע

— און נאַכט נאָך נאַכט ווען זי פֿלעג ליגן ביי זיין זייט
און אומרויק זיך וואַרפֿן ווי אַ שלאַנג,
איז ער געשלאָפֿן און ניט געוווסט ווי ווייט
זי איז פֿון אים געווען — אין איר געדאַנק.

און נישט געוווסט ווי ס'האָט דער רויש פֿון אומרויקן ים
איר האַרץ פֿון בעט געהויבן און איר די פֿיס באַשווערט,
ווי די נאַכט פֿלעג זי פֿאַרוואַנדלען אין אַ פֿיינענדיקן פֿלאַם —
ווען וואַך ווי די לבנה איז זי געלעגן און געהערט — — —

דעם אומרו אין איר האַרץ. דאָס שלאָגן פֿון איר בלוט.
דעם אָטעם פֿון איר מאַן — זיין היב־און־פֿאַל פֿון ברוסט:
ביז צעפֿלאַקערט האָט די קנאה אין איר האַרצן זיך מיט גלוט —
אויף דעם מענטשן ביי איר זייט, וואָס האָט פֿון קיין זאַך
נישט געוווסט.

וואָס איז געשלאָפֿן און ניט געוווסט, אַז אַ צווישנשייד
פֿון אַ העמד

קען אָפּטמאָל מער צעשיידן — ווי די צווישנשייד פון אַ וואַנט.
אַז אויף פוך פון קישן וואַכט נאָר דער גוף אַמאָל פאַרשעמט,
ווען ערגעץ אַנדערש וואָלט געגוג געווען צוקאָפּנס בלויז אַ האַנט.

ווען ערגעץ אַנדערש וואָלט איר גוט געווען צו זיין אַצינד אַ שיף,
פאַראַנקערט מיט איר ווילן אין דעם קלאַמער פון אַ ברעג.
און ליב וואָלט דאָרט געווען איר די שפּעדיקע טריף —
פון הייס־אָטעמדיקע נעכט און זינגענדיקע טעג.

אַזוי איז זי געווען ווי אַ שיף דאָ אָן אַ מאַסט,
ווי שוואַרצע, רייפע ערד אומבאַרירט פון אַקערס טראָט.
און געטראָגן האָט זי פאַרכטיק איר גורל־קרייץ פון לאַסט —
ווי אייגער טראָגט אום הייליק אַן אָנפאַרטרויטן סוד.

ביז איינמאָל אַ באַנאַכט — איז זי אַליין אין איר העמד,
פאַרכשופט ווי אין וואַנדל, צום נאָענטן ים אַרויס;
זיך אָפּגעגעבן דער טיף האַלב־מיידלש און פאַרשעמט —
און אויף אייביק זיך געזעגנט מיט אייגן־פרעמדן הויז...

(פון אומעטום)

צווישן טאָג און נאַכט

פריער אָוונט. צווישן טאָג און נאַכט —
ווען אַפילו מענטש אין וואַלד פון שטיין
בלייבט שטיין אינמיטן רויש פאַרטראַכט —
און וואָלט ער נישט געשעמט זיך וואָלט ער זיך צעלאַכט,
צו אפשר אויסגעבראָכן גאָר אין אַ געוויין.

ווען עלנט וויינט אַראָפּ פון מידע פּלייצעס
אַ מידער אומעט, ווי פון מערבדיקע זוימען;
ווען אַ מענטש אין שווייגן פרעגט אַן עצה

בײַם לײַלעכ־רוים, וואָס ציט זיך, ווי פֿון קײמענען,
און גאַפֿט אַליין אין שרעק צו אייביק־שטומע רוימען.

ווען יעדע גאַס ווערט אַ פֿאַרבאַרנדיקער בעק,
און יעדע צווײַג אַ רײַצנדיקער סוד;
זיי שלייכן זיך פֿאַרבײַ געהיימניספֿול, ווי קעץ;
דו ווערכסט וואַכזאַם צו זייער יעדן בויג און טראָט,
און פֿון די הימלען, דאַכט זיך, נידערט גאָט!

די הײַזער ווערן בלינד און בלינדער.
ביז אַן אימה נעמט אַרום דאָ יעדער הויז:
אין פֿענצטער שטייען אײַנגעראַמטע קינדער —
מלאכימלעך אַראָפּגעפֿלויגענע פֿון הימלס שויס —
און קוקן פֿאַרחושטע אויף דער גאַס אַרויס.

צווישן טאָג און נאַכט נעמט אַ מילדקייט ווייען —
פֿון רייד, פֿון שווייגן, און פֿון מענטשלעכע געזיכטער:
אַ בליק, אַ האַנט־באַוועג — און ס׳נעמט צעגייען
פֿאַרדראָס אומזיסטער; און אומבאַהאָלפֿן שטייט דער ריכטער,
דער פֿאַרמשפּטער, דער פּראָפֿאַן און דער דיכטער!...

קומענדיקע דורות

איר אַלע ערשט־געבוירענע און נאָך־ניט־געבוירענע,
איר אַלע וואָס שטייט אַצינד אויף שוועל פֿון לעבן:
— פֿאַרגעסט דאָס קול פֿון אַ דור אַ פֿאַרלוירענעם,
וואָס בויגט פֿאַר אייך דעם קאָפּ מיט שולד און בושה
פֿאַר אונזער שווערער, פֿאַר אונזער בלוטיקער ירושה
וואָס מיר זענען גרייט אין אייער רשות איבערצוגעבן!

— משפּט אונדז! און זאָל ניט זײַן צו שווער קיין שטראָף
פֿאַר אונדז! און זאָל אונדז דער אייביקער שלאָף

נישט אויסלייזן מיט פאַרגעבן! ווי ס׳האָטביים לעבן
אונז נישט געשוינט דעם גורלס ביטערע רוט!

מיר זענען אויפגעגאַן אין אַ וועלט פון ליגן און פאַרראַט
און צווישן איין קאַטאַסטראָפע און אַ צווייטער
אין דער טויט געוועז אונזער שטענדיקער באַגלייטער!
און אונזער זונפאַרגאַנג — אַן אָפגייענדיקע שיף און טייכן בלוט!

— מיר לאָזן אייך איבער אַ חרובע ערד! אַ הימל אָן אַ גאָט!...
— משפט אונז! און זאָל אייער אורטייל פאַלן שאַרף,
ווי אַ האַק, אויף אונזער באַנקראָט!
— משפט אונז! און זאָל נישט זיין צו שווער קיין שטראָף
פאַר אונזער ירושה! און זאָל דער אייביקער שלאָף
אונז נישט אויסלייזן מיט פאַרגעבן! ווי ס׳האָט ביים לעבן
אונז נישט געשוינט דעם גורלס בלוטיקע רוט!...
(די לאַנגע נאַכט)

מאַטעס דייטש / שרה בת טובים

אָ, שרה בת טובים, דו פרום יידיש האַרץ,
דו פייערלעך־הערלעך תפולהדיק מויל,
פון אלמנות און עקרות, דו געלייטערטסטע זעל,
האָסט געגרינגט דאָס געמיט זיי מאַמעדיק־וויל
אין שעהן פון פיין מיט פרומקייט אין קעל.

אין כלהשאַפט זיי געלינדערט מיט אַ טרער אויף דער באַק,
אין שוואַנגערשאַפט זיי אָפגעבונדן די פאַרקניפטע בענד,
צו אָרעמע־לייט אַרייגעלייגט דעם חלום פאַר זיי אין זאַק,
פאַר דינסט־מיידלעך דערשלאָגענע — אַ געחלומטער טרייסטנ־
דיקער בלענד,
די גייטאָרינס און בעקערינס — אין פאַרטאָגן געזאָלבט זיי די הענט.

אָ, שרה בת טובים דו זעליקע, הייליקע מוטערשאַפט־געשטאַלט!
אַ געזאַנג פון אָנערקענטשאַפט האַרציקט אויס צו דיר אַ ייִד,
וואָס פאַרלירט זיך צווישן ים און בערג און שטעט.
מאָנאַ ליזאַ האָט באַצויבערט דעם מאָלער, מוזיקער און פּאָעט —
שרה בת טובימס איין האַרציקע תחונה פליסטערט פול מיט
פאָלקס־געבעט.

איך קען זינגען צווישן וועלדער און בערג און ימען, —
שרה בת טובים האָט זינגען געקענט צווישן יידישע מאַסן,
וואָס זענען צעהויקערט ווי בערג, צעשטורעמט ווי פלאַמען — אבי ווי
זיך צעגאַנגען איבער דער וועלט פון מיטלאַלטערלעכע קרומע גאַסן —
אָ, שרה בת טובים, איך זע דיך לעם פאַסיפישן ברעג, דו
ווייבליכע עלי׳־נביא.

אַלע פאַרביטערטע געמיטער צו דיר ציען זיך מיט הערצער
צעעפנט און הויל.
און דו, מיט דיין שעפטשענדיקן זאָג, צעשטרייעסט די פיינלעכע גרויל
אַלע פאַרוואָגלטע נשמות ווי קעמלען מיט משא זיך ציען צו דיר, —
דו טוסט זיי אויסלאָדן מיט אַ גלעט: מיר פאַר דיר און פאַר דיר...
אָ, שרה בת טובים, דיין תחינה אויף יידישע ליפן איז דעם בורא באַריר.

דו ביסט פייערדיק, ווי דער שמע ישראל, טיף אין מיר אַריין
און באַגלייטסט מיך מיט דיין זוניק ווערק יידישדיק צעשטראַלט;
דו זעליקע, דו הייליקע מוטערלעך, שרה בת טובים געשטאַלט.

אָ, שרה בת טובים, דו פרום יידיש האַרץ.
דו פייערלעך־הערלעך תפילהדיק מויל.

אברהם, יצחק און יעקבס קינדער...

צו מיינע אור, אור אוראייניקלעכס
קינדסקינדער און צו זייערע
אור, אור, אוראייניקלעכס קינדער.

ווער וועלן זיי זיין?

און צי וועלן מיר נאָך אָנגערופן ווערן אייגענע?
צי וועלן מיר נאָך זיין בלוט פאַרוואַנדטע?

וואָס פאַר אַ שייכות וועלן זיי האָבן צו מיר?
און צו וואָס מיין איצטיק טראַכטן וועגן זיי
אַז זיי וועלן דאָך ניט זיין מיינע —
נאָר ישראלס קינדער; דעם פאָלק ישראלס קינדער
פון אברהם, יצחק און יעקב — זייערע וועלן זיי זיין...
די קינדער פון די אבות, ווי איך און מיינע ברידער:
דאָס פאָלק הייסט עס, וועלן זיי זיין.

ווען פאָלק ישראל פון אַמאָל ווערט אויס,
ווערט עס פאָלק ישראל פון איצט;
און ווען פאָלק ישראל פון איצט ווערט אויס,
ווערט עס פאָלק ישראל פון מאָרגנדיקע מאָרגנס, —
פון דער אייביקייטס צוקונפט.

צו מיינע אור, אור, אורא־ייניקלעכס
קינדסקינדער און צו זייערע
אור, אור, אורא־ייניקלעכס קינדער, —
מיין יידישער גרוס צו אייך.

עס שיקט אייך שלום עליכם
אַן אַמאָליקער זיידעס זיידע,
מיין טראַכט פון גאָלע טראַכטשאַפטן,
אַן אַמאָליק, לאַנג אַמאָליק טראַכטן וועגן אייך:
קינדער מיינע, קינדסקינדער פון מיינע אורא־ייניקלעך
וואָס זענען שוין ניט מיינע
נאָר אברהם, יצחק און יעקבס קינדער,
דאָס פאָלק ישראל פון מאָרגנדיקע מאָרגנס:

פֿאַרנעמט מײַן װײַטיק פֿון מײַן װײַטיק טראַכטן:
איך גריס אײַך, ייִדישע קינדער מײַנע, —
תּמידיק פֿאָלק ישׂראל פֿון דער אײביקײטס צוקונפֿט.
גליקלעכער פֿון מאַטעסעס קינדער
װעט איר שױן דעמאָלט געװיס — גליקלעך זײַן.

(1946)

מ. ל. האַלפּערן / מײַן אומרו פֿון אַ װאָלף

מײַן אומרו פֿון אַ װאָלף און פֿון אַ בער מײַן רו,
די װילדקײט שרײַט אין מיר, די לאַנגװײַל הערט זיך צו.
איך בין נישט װאָס איך טראַכט, איך בין נישט װאָס איך װיל,
איך בין דער צױבערער און בין דאָס צױבער־שפּיל.
איך בין אַ רעטעניש װאָס מאַטערט זיך אַלײן,
אַ פֿלינקער װי דער װינט, געבונדן צו אַ שטײן.
איך בין די זומער־זון, איך בין די װינטער קעלט,
איך בין דער רײַכער פּריץ, װאָס װאַרפֿט מיט גאָלדן געלד
איך בין דער יונג װאָס שפּאַנט, דאָס היטל אױף אַ זײַט,
און גנבעט פֿײַפֿנדיק בײַ זיך אַלײן די צײַט.
איך בין דער פֿידל אױך דאָס פּײַקל און דער באַס
פֿון אַלטע קלעזמער דרײַ, װאָס שפּילן אױפֿן גאַס.
איך בין דער קינדער־טאַנץ, און בײַם לבֿנה־שײַן
בין איך דער נאַר װאָס בענקט אין בלױען לאַנד אַרײַן.
און אַז איך גײ פֿאַרבײַ אַן אײַגעפֿאַלן הױז,
בין איך די פּוסטקײט אױך װאָס קוקט פֿון דאָרט אַרױס.
אַצינד בין איך די שרעק אין דרױסן פֿאַר מײַן טיר,
די גרוב די אָפֿענע װאָס װאַרט אין פֿעלד פֿאַר מיר.
אַצינד בין איך אַ ליכט, אַ יאָר־צײַט־ליכט װאָס ברענט,
אַן איבריק בילד, אַן אַלטס, אױף גרױ־פֿאַרשטױבטע װענט.
אַצינד בין איך דאָס האַרץ — דער אומעט אין אַ בליק

וואָס האָם נעכענקט נאָך מיר מיט הונדערט יאָר צוריק.
אַצ־ינד בין איך די נאַכט וואָס הייסט מיר ווערן מיד,
דער שווערער נאַכט־טומאַן, דאָס שטילע אָוונט־ליד.
דער שטערן איבער מיר דאָרט אויבן אין דער הויך,
דאָס רוישן פון אַ בוים, אַ גלאָקן קלאַנג, אַ רויך.

נישט זיין שיקסל

משה־לייב, משה־לייב,
ס'איז נישט פון זיידנס פעלד דאָס שיקסל, וואָס דו זעסט.
פון וואַנען דען? פון הי.
דאָס הייסט — אַ פויגעלע פון אַ בראָדווייער נעסט
איז זי? — — — —
קען זיין.

און אפשר גאָר
איז זי אַזאַ וואָס טאַנצט די האָנאָלולו־טענץ
אין קוני־איילאַנד דאָ.
און אַלע נאַכט באַוואַרפט מען זי מיט גאָלד און קרענץ,
אַ יאָ? — — —
קען זיין.

און אפשר גאָר
האָט זי אַ מאַן אַ לאָרד, וואָס טראָגט אַ ווייסן באָרד,
און וווינט אין אַ האָטעל,
וווּ שטייף, ווי וואַקס־פיגורן, שטייען די דינער דאָרט
ביים שוועל? — — —
קען זיין.

אויב יאָ אַזוי,
פאַרוואָס־זשע קומט דער לאָרד נישט אויך אַהער צוגיין

פאַרוואָס? וווּ איז ער, וווּ?
צי איז ער אויך אַליין, משה־לייבל? אַזוי אַליין
ווי דו? — — —
קען זיין.

שפּיל איך זיך

אין דער מענטש אַ נאַר אַ בלינדער, —
בין איך מיר אַ קינד מיט קינדער,
הייס איך מיר אַ וועגל קויפן
אויף פיר רעדער זאָל עס לויפן,
וועל איך אויפן וועגל פאָרן
מיטן טאַטן קיין סאַמאָרן,
וועט דער טאַטע האַנדלען, וואַנדלען, —
קויפן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
וועט ער קויפן, וועל איך עסן,
און דעם מענטש דעם נאַר פאַרגעסן.

בענקט זיך מיר צו זיין אַ טאַטע —
מאַך איך קינדער מיר פון וואַטע,
מייטקעס מאַך איך זיי פון סאַמעט
און איך דינג זיי אַ מלמד.
גיב איך אים שכר־לימוד קנעפּלעך, —
לויבט ער זייערע גוטע קעפּלעך.
הייסט אַ קינד זיך שפּילכלעך קויפן, —
קויף איך אים אַ גאַנצן הויפן;
וויינט אַ קינד עס וויל אַ מאַמען, —
וויין איך מיטן קינד צוזאַמען.

דער זייגער גייט

דער זייגער גייט, דער זייגער גייט.
און פויל ווי האַרבסט, און גרוי ווי בליי,

קומט שעה נאָך שעה און גייט פאַרביי.
און ווי אַ קאָרטן־הויז צעפאַלט
די בריק, וואָס פירט פון יונג צו אַלט,
און קראַנקע שטאַרבן יונגערהייט,
דער זייגער גייט.

דער זייגער גייט, דער זייגער גייט.
און שטום ליגט דאָ, און שטום ליגט דאָרט —
אַ דאָרף, אַ שטאָט, אַ וויסטער אָרט.
און דורך דער פינצטער, שווער און לאַנג
קומט אָן, און שטאַרבט אַ גלאָקן־קלאַנג,
און קלינגט און קלאָגט נאָך טויטערהייט —
דער זייגער גייט.

דער זייגער גייט, דער זייגער גייט.
און ווי אַ הויפן שטויב אין וועג,
ליגט ערגעץ־ווו אַ בינטל טעג,
און קלאָגט, ווי אויף דער האַרטער שוועל,
אַ מערדער אין זיין טויטן־צעל
און ווי אַ הונט אויף פרעמדער קייט —
דער זייגער גייט.

דער זייגער גייט, דער זייגער גייט.
און וואַקלענדיק, און שוואַרץ און שווער
אַ טויטן־וואָגן קומט אַהער,
און ווי אַ גרויער שווערער שטיין,
ליג איך אין אים אַליין און וויין,
פון זיך אַליין אין וועג באַגלייט —
דער זייגער גייט.

ווער ווײַנט

ווער וויינט אַזוי? ווער זינגט אַזוי? וואָלט כאָטש אין אַזאַ נאַכט
אַ בלאָנזשענדיקער נויט־סיגנאַל פון ערגעץ זיך געבראַכט.

וואָלט כאָטש אַ ווייטער פייער־שיין אַ בלאַנק געטון אַהער׳
דאָס אייגענע געזאַנג איז שווער — איז ווי אַ מיל־ראָד שווער
אין אַזאַ נאַכט׳ דאָס אייגענע געזאַנג איז קאַלט און גרוי —
איז קאַלט און גרוי׳ ווי אַ פאַרוואָרלאָזטע אין פרעמדע פרוי׳
וואָס זיצט און נעפּל איינגעהילט׳ רעם קאָפּ אויף ביידע הענט׳
מיט אויגן׳ שוין פון ווייַנען רויט׳ צום ים אַרויסגעווענדט׳
דאָס אייגענע געזאַנג — דאָס איז די אייביק־בלייבנדע שרעק׳
וואָס רויבט דיין רו ביי דיר און נעמט ביי דיר דיין שלאָף אַוועק
און טראָגט אים׳ ווי אַ וואָלקן ערגעץ אין דער נאַכט אַרום׳
דאָס איז דאָס קול פון אַ פאַרשאָלטענעם׳ וואָס קלאָגט זיך שטום
אין בלוט ביי דיר׳ דאָס איז דיין בלוט׳ וואָס קלאָגט פון זיך אַרויס
די שווערקייט פון דער וויסטעניש׳ וואָס שפּרייט אין דיר זיך אויס׳
דאָס איז דאָס רעטעניש פון זיך אַליין — די גרויע פּיין׳
וואָס דו וועסט קיינמאָל׳ קיינמאָל שוין פון איר דערלייזט נישט זיין׳

אַ נ אַ כ ט

III

און ברענגען וועט פרידן און רו פאַר דער ערד
אַ קיניג׳ וואָס קומט אויף אַ שניי ווייסן פערד׳
צי דאָס איז אַ בענטשונג׳ צי דאָס איז אַ פלוך —
אַזוי שטייט געשריבן אין הייליקן בוך׳
— והיה באחרית הימים׳

געגליט האָבן שטערן און בלומען געבליט׳
געזונגען אין וואַלד האָט דער פויגל זיין ליד׳
געוואַרט האָט דאָס לעבן אַן אייביקייט לאַנג
דעם קיניג אַנטקעגן צו גיין אויף זיין גאַנג׳
— והיה באחרית הימים׳

דורך פייער און בלוט און פאַרוויסט איז די ערד
און וועמען האָט איבערגעלאָזן די שווערד?

אויף וועמען וועט פאַלן זיין הייליקע שיין,
וואָס וועט ווי די זון אַזאַ לויטערע זיין?
— והיה באחרית הימים.

אָ, קיניג, מיין דורות פאַרהייליקטער, דו,
פאַר וועמען דיין פרידן? פאַר וועמען דיין רו
דאָס בלוט פון די דורות פאַרגאָסן פאַר דיר
וועט קומען און מאָנען אַן ענטפער פאַר מיר.
— והיה באחרית הימים.

(אין ניו-יאָרק)

משה נאַדירס לייזער עליע, דער פון דער אַלטער היים

וועגט איבער לייזער עליע נאָך אַ מאָל די הון אין האַנט,
בלאָזט נאָך אַ מאָל ביים הינטערטייל די פעדערן פונאַנד
וואַקסט אויס אַ רעטעניש פאַר אים
אין לעבן פון דער הון.
ווער דאַרף זי דאָ
און וואָס האָט ער, דער מענטש, מיט איר צו טון?
און ווער האָט דאָס ביי איר די אייער, וואָס זי לייגט, באַשטעלט?
צי לייגט נישט עמעץ אויף די טעג
ווי אייער אין דער וועלט?
אָט דאַכט זיך ערשט אויפגעכאַפּט —
ווו קומט אַהין דער טאָג?
אַ זעקל אַלטן ווייץ געקויפט ביי יאַשקען אויף דער וואָג,
אַ וועגל האָלץ אַהיימגעשלעפּט,
אַ נאַריש ביטל שטרוי,
און נאָכדעם בלויז אַ טאַפּ געטון
אַ קעלבל ביי אַ גוי
און שוין — זאָל גאָט נישט שטראָפן פאַר די ריידי...
קומט ווידער אויס:
כאָטש לאָז אַזאַ מציאה דאָ די הון

פון האַנט אַרויס.
און ווידער לויף צו מנחה שוין
ווייל דו, אַ מאַנספּאַרשוין,
דאַרפסט אייביק זיך באַוואָרענען מיט עולם־הבא־לוין,
און ווייל שוין נאָך אַ טאָג האָט אויסגעטרונקען —
גאָט ווייסט ווער...
להבדל ווי אַן איי טרינקט אויס דער חזן יעקב־בער.
און אַז אַזוי,
דאָס רעטעניש, די הון, אין ביידע הענט,
די מערב־צייט אין הימל ברענט,
און לייזער עליע שטייט און קוקט זיך איין
ווי כביכול לייגט די זון צוריק אין פוטערפאַס אַריין.
און איינציקווייז, מיט שטרוי און שטויב
אויף אַקסל און אויף באָרד
פאַרזאַמלען זיך אין רעדלעך שוין
די סוחרים דאָ און דאָרט.
און עמעץ צינדט שוין אָן אין שול צום דאַווענען די ליכט
און אויך דער אַלטיטשקער וואַסיל,
דער שרייבער פון געריכט,
גייט שוין אַהיים...
און לייזער עליע שטייט
און שטרעקט אַרויף
דעם האַלדז,
דעם קאָפּ,
און ציט די אויגן ענגער נאָך צונויף,
און קוקט צום וואָלקן אין דער הויך, וואָס נעמט די זון אַרום
און הערט דעם זשום פון פליגעלע
וואָס רינגלט אים אַרום,
און שטילער ווערט,
און לייריקער אין מאַרק...
גיט זיך אַ הויב אַ שטרוי אין ווינט,

אַ בלאַט,
אַ פעדערל,
אַ רעדל שטויב.
צעבומקעט זיך אַ קלויסטערגלאָק׳
לאָזט אָפּ אַ טויב אַ זערנעלע פּאַר שרעק
און פליט אַוועק...
צלמט זיך אַ גוי וואָס נעמט אַוועק דאָס היי ביים פערד,
פאַרנייגט זיך אויך און צלמט זיך
אַ בעטלער אויף דער ערד׳
זאָגט אויך די גויע פון דער הון
איר אַוונטלעך געבעט׳
און לייזער עליע שטייט נאָך אַלץ
און שאָקלט זיך ווי אין אַ הינערפּלעט...
און קוקט אויף איר, אויף זיך,
און אויף דעם זעלנער אויך וואָס שטייט אין מיטן מאַרק׳
דער זעלנער האַלט אַ ברויט ביים בויך
און קוקט אַרויף ווי ער,
און קנייפּט אין מויל אַריין דאָס ברויט
מיט הענט — פאַרהאָרעוועט ווי באָרקעס רויט,
און לייזער עליע האַלט די הון, פאַרטראַכט אַזוי ווי פריער
און וואָס אים פעלט איז אפשר בלויז אַ שרייבפענדל,
אַ בלעטל שרייבפּאַפּיר — —
נאָר וואָס וואָלט זיין, ווען ער וואָלט שוין געהאַט
און וואָלט טאַקע שוין אויסגערעכנט אַקוראַט,
אַז ס׳איז דער טאָג אומשטייגס געזאָגט
געגליכן צו אַן איי?
אַז אַלצדינג איז דאָך סיי ווי סיי
אומזיסטער קאָפּגעדריי,
ווייל וואָס איז שוין, אַז ס׳האָט דער טאָג אַ געלעכל אויך —
די זון?
און אַז דער זעלנער איז דער בלוטסטראָפּן —

איז וואָס דערפון?
צו וואָס וועט ער מיט אַזאַ גריבלעניש דערגיין,
אַז אויך דאָס ראָד וואָס ער האָט אויסגעטראַכט,
וויל זיך ניט דריי׳ן?
און אַז ער וועט אַרויסבאַקומען דעם פּאַטענט אויף מ׳נט —
וואָס טויג דאָס אַלץ,
אַז ווידער ליגט דאָס ווייב אין קינפּעט מיט אַ קינד?
און אַז דער דאָקטער וואָרנט אים,
ער זאָל זיך היטן גוט,
סע זאָל דאָס מלה זיין,
דעם קינד נישט קאָסטן צו פיל בלוט?
און אַז ער האָט גאָט ווייסט ווי לאַנג
קיין גילדן ניט געזען?
קומט דאָך אויס,
אַז ער איז שטילערהייט גערעכט טאַקע ביי זיך אַליין
בעת ער פרעגט זיך אַלע מאָל: צו וואָס? צו ווען?...

די מעשה מיט דער וועלט

— איך באַפעל מען זאָל איינעמען די וועלט,
האָט דער קיניג געזאָגט.
איז דאָס לאַנד געוואָר געוואָרן דערפון,
האָט די מאַמע איר ליבעדיקן זון
ווי אַן אמתן טויטן באַקלאָגט.
אָבער דאָס אַקער-אייזן אין פעלד,
און די וויל אונטערן שוסטערס האַמער,
און די מייז אין קאַמער
האָבן שטילערהייט געלאַכט
ווען מען האָט זיי די בשורה געבראַכט —
די דאָזיקע פינצטערע בשורה.

איצט האָט מען איינגענומען די וועלט.
וואָס זאָל מען טון מ׳ט איר?
זי קאָן ניט אַריין אין דעם קיניגס שלאָס,
מען האָט פאַרגעסן צו נעמען אַ מאָס
פון דער וועלט — ווען מען האָט געמאַכט די טיר.
אָבער דאָס אַקער־אייזן אין פעלד,
און די זויל אונטערן שוסטערס האַמער,
און די מויז אין קאַמער,
קייקלען זיך פאַר געלעכטער שוין.
סע ציטערט אַזש ביי דעם קיניג די קרוין
פון זייער פאַרשייט געלערטער.
די הויפלייט טענהן, די וועלט זאָל דערווייל
אַ באַוואַכטע אין דרויסן שטיין.
נאָר דער קיניג איז ווי דער טויט אַזוי בלאָס.
ער האָט מורא די וועלט קאָן נאָך ווערן נאַס
ווען סע וועט אַ רעגן גיין.
אָבער דאָס אַקער־אייזן אין פעלד,
און די זויל אונטערן שוסטערס האַמער,
און די מויז אין קאַמער,
לאַכן אַזוי, אַז ס׳איז שוין אַ שרעק.
זיי שטאַרבן שיער פאַר געלעכטער אַוועק
וואָס די וועלט שטייט נאָך אַלץ אין דרויסן.

(די גאָלדענע פּאַווע)

די זון וועט אַרונטערגיין...

די זון וועט אַרונטערגיין אונטערן באַרג
וועט קומען אַ שטילע די ליבע צו גיין.
וועט קומען אַ שטילע די ליבע צו גיין
צום אומעט, וואָס זיצט אויף אַ גאָלדענעם שטיין
און וויינט פאַר זיך איינעם אַליין.

די זון וועט אַרונטערגיין אונטערן באַרג
וועט קומען די גאָלדענע פּאַווע צו פליען.
וועט קומען די גאָלדענע פּאַווע צו פליען
און מיטנעמען וועט זי אונז אַלע אַהין,
אַהין ווו די בענקשאַפט וועט ציען.

די זון וועט אַרונטערגיין אונטערן באַרג
וועט קומען די נאַכט און וועט זינגען ליו־ליו.
וועט קומען די נאַכט און וועט זינגען ליו־לו
אַריבער די אויגן, וואָס פאַלן שוין צו
צו שלאָפן אין אייביקער רו. (אין ניו־יאָרק)

דוד האָפּשטיין / אַוועק דער שבת שוין...

אַוועק דער שבת שוין...
אויף ווייטע שניייען
אַ גרויסער עמעצער
שיט גרויען אַש...
אין קליינעם קלייטעלע
שוין וואַרטן צווייען:
אַ טונקל מיידעלע,
אַ שוואַרצע פלאַש.

די בייטש איז אויסגערוט,
דאָרט צווישן אײַוון
איז זי מיט פינצטערניש
געדיכט פאַרשטעקט.
אַ נעפּל־טיישטעכל
האָט דאָרטן אויבן
דאָס לעצטע קוילטשל
שוין שטיל פאַרדעקט...

דער טאַטע האָט אָפּגעריכט
די דריטע סעודה,
און ווערט מיט טונקלקייט
מיט טיש פאַרוועבט,
און צווישן שוועסטערלעך
און שאָטנס מידע
אַ מורמל־פּעדימל
זיך וועבט און וועבט...

די מאַמע זוכט אין שויב
אַ ווייטן שטערן,
און ניט געפונען אים
און זיצט פאַרטראַכט...
איך זינק אין אומעטקייט
און וויל ניט קלערן,
אַז ס'וואַרט די קו אויף מיר,
אויף היי, אויף נאַכט...

אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!

אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!
ווו קאָן מען זיין עלנדער, ווו קאָן מען זיין עלנדער?

אַ פערדל אַן אַלטינקס, אַ סקריפּענדער שליטן,
אַ שליאַך אַ פאַרשנייטער — און איך בין אינמיטן.

פון הינטן, אין איינציקן ווינקל אין בלאָסן,
נאָך לעשן זיך טרויעריק טליענדע פּאַסן.

פון פאָרנט פאַרשפּרייט זיך אַ מדבר אַ ווייסער,
און ווייט דאָרט צעזייט איז אַ צענדליקל הייזער —
דאָרט דרימלט אַ כוטער, פאַרזונקען אין שנייען...

צום יידישן הייזל פיל סטעזשקעלעך גייען.
אַ הייזל ווי אַלע, נאָר גרעסער די פענצטער,
און צווישן די קינדער דאָרט בין איך דער עלטסטער.

און ענג איז מיין ווענטל, און קליין איז מיין רעדל,
אין צוויי וואָכן — איין מאָל פון כוטער אין שטעטל,

און בענקען און שווייגן פון פעלדער פון ברייטע,
פון וועגן און וועגלעך פאַרשנייטע, פאַרווייטע...

און טראָגן אין האַרצן פאַרבאָרגענע ווייען
פון זומען, וואָס וואַרטן און וואַרטן אויף זייען...

אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!
ווי קאָן מען זיין עלנדער, ווי קאָן מען זיין עלנדער?...
(פעלד)

ביי וועגן ביי ווייטע

ביי וועגן ביי ווייטע,
ווי רערער, ווי בלינדע,
פאַר ווינטן פאַרשייטע
אַלץ מאָלן און מאָלן די היימלאָזע שטויבן —
דאָרט האָב איך אויף פעלדער פון הפקר מיין זייונג געקליבן

איך האָב אויף מיין אַקסל אַ משא גענומען
פון זומען באַפייכטע מיט האַרבסט־טויען קאַלטע,
מיט זיידנס ירושה, מיט שטעקן מיט אַלטן,
מיט אַלטן פאַרשטויבטן, פאַרשרומפּענעם לאָגל
געלאָזט זיך אויף וועגן, אויף וואַנדער, אויף וואָגל...

צום הימל צום הויכן,
פון היימען פון פרעמדע געגאָן זיינען רויכן...

ביי נידריקע פּלייטן
געוואַרט האָבן פרישע צעאַקערטע בייטן...
מיט עלנד־געבעט און מיט פּחד־געהיימען
געזייט האָב איך זוימען ביי ווילד־פרעמדע היימען.

אויף ערדן, אויף ווייכע איצט שטיי איך ביז קנעכל
אויף אייגענע בייטן, אין ליידן פאַרזייטע...
כ׳באַשווער אייך הייגט, פויגלען, אייך ווינטן, אייך האָגלען!
מיין זייונג נישט קלייבן, מיין זייונג נישט שלאָגן!
איך האָב מיר מיין זייונג אויף אַקסל דערטראָגן
פון וועגן פון ווייטע, פון וואַנדער, פון וואָגל...

איך בין מיד שוין

איך בין מיד שוין
פון שוועבן,
פון שווינדלען,
פון שווימען,
פון וויקן אין וואַסערן פרעמדע —
און אייגנס זאָל מיך נאָך רייצן?...

— — — — — — — — — —

נו געווען איז אַמאָל אין מיין לאַנד
אין גרינגעם,
אין טאָליקן ווינקל
אין גליל —
נו געווען איז אַ יידישע מאַמע,
און די מאַמע געהאַט האָט אַ קינד,
און פון קינד
איז געוואָרן אַ מאַן מיט שאָפענע גלויביקע אויגן...
איז וועמעס עסק?

— — — — — — — — — —

איז ביז וואַנען

קענן הימלישן חלל
אויף קלויסטערשע שפּיצן
וועלן גאָלדענע פּאַסן זיך קרייצן ?...
ביז וואַנען וועלן בליקן באַטריבטע
מיר פּינקלען
אויף יעדן מיין מידן,
מיין בלוטיקן טראָט ?...

און האָט דאָרט אַ צווייטער
אַ טונקלער
געקלונגען אין בלינדן און ניכטערן בוזים
מיט דרייסיק זילבערנע שטיק...

— — — — — — — — — —

זייט זשע פאַרשאָלטן,
איר אַלע וואָס דרינגען !
פאַרטרייבט און פאַרוואָגלט זיך
איינער דעם אַנדערן,
איר אַלע, וואָס שעפּטשען
פון אייביקע שווערבלענע האָגלען,
פון אייביקן וואַנדערן,

— — — — — — — — — —

מיין גלייכגילט, מיין גרויסער —
ער גילט דאָ פאַר אייך ניט
פאַר קיינעם !
קיינער דאָס ווייסט ניט
פון מיין האַס, מיין הייסן,
פון מיין ליבע, מיין ריינער !

— — — — — — — — — —

איר, זיכערע אומות —

פון הערשער און הענקער!
עס איז מיר שוין נמאס
געדענקען,
ווי איר היט
מיינע ווייטע פאַרלוירענע טריט
אויף אייערע שטילע געצירטע בית־עולמס
אין שטעט פון טויטע,
אין טויטע שטעט!

— — — — — — — — — —

פליטים געשענדעטע
מיט ציטעריקע לייבער
מיט קינדער, מיט ווייבער
רייסן די לעצטע גרעניצן,
די לעצטע קייטן.

(אין טאַוול פון ווענט)

ש. האַלקין / דער שמיד ביי זיין פייער

„מיין גאָט, דו ביסט באמת אומגערעכט״, —
געטענהט האָט אַמאָל אַ יונגער שטאַלטנער שמיד
פאַרנאַכטלעך, ווען געוואָרן איז ער מיד
פון לאַנגן זעכצנשעהיקן געפעכט
מיט שווערן האַמער און פון פונקען־שיט,
וואָס האָט זיין הויט געבראָטן און געבריט.

פון פרי ביז נאַכט געשמידט האָט ער אַן עקס,
און ערשט פאַרנאַכט פאַרענדיקט איינשניידן דעם שרויף;
איצט שטייט דער שמיד אינמיטן ברייטן הויף
אַרום אַ ריזיק־הויכן וואָגן פלאַקס
אין צעפּ געפלאָכטענעם ווי זילבער־גרוי,
ווי אַטלעס גלאַט, און שמעקט מיט האָר, מיט פרוי.

„פאַרוואָס פאַרטראַכט האָסטו אַזוי די וועלט ?“ —
געטענהט האָט דער שמיד אַ שטיל, אַ הויך :
„דעם פייער דינען סט׳מיך אָוועקגעשטעלט,
און כ׳זע מיין לעבן נאָר, ווי דורך אַ רויך ;
און גאָר מיין שטאַרקייט איז — דער האַמער־שוווּנג,
און גאָר מיין רייכקייט איז — דער פייער־פונק.

פון וואָס איך טו אַ טראַכט — עס ווערט באַלד שוואַרץ
און שוואַרץ, מיר דאַכט, ווערט אויך דאָס בלוט פון האַרץ.

נאָר ווען די זון — זי קייקלט זיך אַראָפּ
אַהינטער טייך — די שוואַרצקייט טוט זיך אָפּ
פון מיר — מיין האַנט ווערט, ווי דער מולד, קלאָר,
כאָטש לאָז זיך שווימען מיט אים גלייך אין פּאָר ;
און מיטן ערשטן שפּרונג כ׳בין שוין אינמיטן טייך ;
צום ברעג מיר קומען מיטן מולד גלייך.
און גאָר מיין שטאַרקייט איז — אין אָט דעם שפּרונג,
און גאָר מיין רייכקייט איז, וואָס איך בין יונג“.

אַזוי געטענהט האָט דער שמיד פאַרנאַכט אין הויף ;
פון מידקייט שליסן זיך די אויגן אים צונויף,
די גאַנצע וועלט — ווי איינגעהילט און רויך,
דער שווערער וואָגן פלאַקס ווערט גרינג אין הויך,
און בלאָס־לבנהדיק עס ווערט דער פלאַקס,
און ס׳וואַקסט. דער וואָגן אַלץ און וואַקסט, און וואַקסט...

שוין ניט קיין וואָגן מער — אַ ריזן־סטויג,
און שיינט אַזוי — כאָטש נעם פאַרשטעל דאָס אויג.

און ס׳האָט דער שמיד נאָך טיפער זיך פאַרטראַכט :
„ווער האָט דעם וואָגן פלאַקס אהער געבראַכט ?
ווו איז דער גליקלעכער ? ווער איז ער דער,

וואָס האָט דעם סטויג מיט שיין פאַרפירט אַהער ?
אויב ער איז אויך אַ מענטש — פון בלוט און הויט —
וואָלט ער מיר אפשר אָט דעם סוד פאַרטרויט :

פאַרוואָס איז פייכט דער פלאַקס און שמעקט מיט לייב ?
כאָטש ביזן האָנעו־קריי ביים סטויג פאַרבלייב...

נאָר פלוצים האָט דער יונגער שמיד דערפילט,
אַז ס'ווערט זיין הייסער שטערן אָפגעקילט,
אַז ערגעץ פריש פון טייך אַ ווינטל ציט,
אַ קלאַפּ פון רעדער האָט דערהערט דער שמיד,
פרימאָרגן־שויבן האָבן זיך אין גאַס צעהעלט,
און ס'האָט זיך אָנגעהויבן פונדאָסניי די וועלט :

פאַרנאַכט פאַרבראָכן שטייט דער וואָגן פלאַקס,
און ס'שמידט דער שמיד פאַר אים די צווייטע אַקס.

דער וואָלקן

ס'איז מיר אַזוי גוט צו טראַכטן וועגן דיר,
ס'איז מיר אַזוי ליב אויף דיר זיך ריכטן.
מיר דאַכט, איך וואָלט איצט אַלע קרומקייטן פאַריכטן
און שטרענג באַטראַכט מיין יעדן קער און ריר.

דער וואָלקן, וואָס פון טונקלקייט הייבט אָן זיין לעבן,
און וואָגלענדיק בלייבט יונג, און בלאָנזשענדיק ווערט אַלט,
ווען ער פאַרשליגגט דעם מולד און אין זיך באַהאַלט
איבייִנעם מיטן וואַך־שטערן, וואָס ברעגט דערנעבן, —

ווער וועט דעם וואָלקן חושד זיין אין דעם,
אַז ליב איז אים צו האַלטן זיי אַ נאַכט אין קלעם ?
אַ קינד אין וויג, מיר דאַכט, עס ווייסט :
דאָס זוכט דער וואָלקן זיך באַנאַכט אַ טרייסט.

ווייל ווי טונקלייט זאָל אימ ניט וויכטיק זיין --
ער וויל, אַז ערגעץ טיף אין אים זאָל ליכטיק זיין.
איז ווער וועט זאָגן מיר: דו טוסט ניט רעכט.
איך זוך דאָך אויך, ווי ער, אַ טרייסט זיך אין די נעכט.

(1944)

בער האָראָוויץ / דער בעל־שם אין די בערג*)

און איך, מיין חנהלע, זאָג דיר:
די כאַטע איז די שענסטע היים —
גינגאָלד פירסטו קיין קיטעוו,
גישט אַ וועגעלע מיט פשוטן ליים...

און איך, מיין חנהלע, זאָג דיר:
דאָס געלע קוקורוזע־מעל
איז טייערסטער מן פון הימל,
גישטאָ אין אים קיין פעל...

און איך, מיין חנהלע, זאָג דיר:
גישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט
אַ טייל פון מיין נחת פאַר געלט...
אַזאַ עושר, וואָס קאָן קויפן.

גישט פלאָגן זיך בין איך געקומען,
גישט פאַסטן פון וואָך צו וואָך —
איך בין פון גאָטס פראַכט אַנטלאָפן,
פון טעמפן טאָג־טעגלעכן יאָך —

איך מוז דאָ צייטיקן, ווייב מיינס,
גרונטפעסטיקן מיין פרייד,

---

*) חנהלע איז געווען דעם בעל־שמס ווייב. לויט דער חסידישער לעגענדע, האָט זי געפירט ליים אין די קאַרפּאַטישע דערפער כדי צ דערנערן די משפחה (אברהם ביק: הסידות־מאַטיוון ז. 106)

כדי זי זאָל קענען טראָגן
די ברידער ווייט און ברייט.

העי, שמעטערן וועט מיין בשורה!
כ׳וועל פרעסן אין הערצער און הענט
דאָס גרויסע, דאָס גליקלעכע פייער,
וואָס אין מיין בוזעם ברענט...

די צייט איז נישט ווייט. אָ, ווייב מיינס!
דו וועסט מיך באַגלייטן אין טאָל —
דעם אַרענדאַר, דעם בעלפער, דעם קאָניאַר
פון דעם פאָלק ישראל...

גאַליציען 1914

ס׳שמעטערן די טרומייטערס,
וויוואַט-קולות שאַלן —
פוילישע זעלנער זינגען:
פוילן איז נישט פאַרפאַלן!

ס׳שמעטערן די טרומייטערס,
הויכע הוראַ-שרייען!
דאָס גייען די אוקריינצן
אוקריינע באַפרייען...

אַז מיינע ברידער זענען
אין שלאַכט אַריין געגאַנגען,
פון זייערע לידער האָבן
טרערן אַראָפגעהאַנגען — — — —

דאָס נייע לעבן

לעבן, לעבן איבעראַל...
ס׳עפענען זיך די קנאָספן
אויף דיביימער אין מיין סאָד!...

אין וואַסערל ביים פּלויט
רודערן די זשאַבעס אין דער זון:
זיי לייגן אייער
אויף קומענדיקע דורות —
און שוין שפּאַצירט דער בושיק
איבער די פעלדער...

עס גרינט זיך מיין גאָרטן!
אָ ריח פון פרילינגסליים פון פרילינגסגראָז,
וואָס מאַכט מיר ברייט די לונגען!

אָ פרייד צו טרעטן
איבער אייגענער ערד,
ביז אין די טיפסטע טיפענישן אייגן —
וואַנדערן איבער אויפקומענדיקע גראָזן,
ווי דער גורל
איבער מענטשלעכע לעבנס
און מענטשלעכע חלומות...

(פון מיין היים אין די בערג)

אלחנן וואָגלער / אַ חתונה

(פראַגמענט)

דעם הונט ליבט די צויג, דעם קאָטער — די קאַץ,
נאָר מיינע פריינט זעבען די אותיות;
מיין לאַנד איז דאָס ליד: יעדער שטראָף — א פּאַלאַץ,
מיין גוססע מאַמע — דאָס ליכט אויף מיין טישל — זי ווייס עס.

דאָס האַרץ מיינס — אַ וווּנד, די ליבע אין יאַד —

כ׳האָב חתונה היינט מיטן פרילינג;
מיט מיין כלה — דעם ווייסן, דעם בליענדן סאָד
— וועל איך האָבן די נאָענטסטע באַציונג.

דעם ברוינעם באַראַן, און דעם באָק וואָס איז בלינד,
אויף מיין חתונה האָב איך פאַרבעטן;
כ׳האָב פונאַנדערגעשיקט דורך מיין חבר — דעם ווינט
פאַסיעקעס*) פאַר זיי מיינע גרינע בילעטן.

איך האָב געוויינט... און דורך נאַכט איז אַ יעדער
גאָרטן פאַרשריבן געוואָרן מיט גראָז;
איינגעטונקט אין מיין טרער, איבער זיי איז געלאָפן מיין פעדער
— אויף די לאָנקעס אַן אונטערגעצונדענער האָז.

„— מחותנים געשעצטע! — שרייב איך זיי, קאָמע.
איר אַלע, וואָס קאָנט — ווי איך שטומען;
איר וועט נישט מיין שמחה פאַרשטערן מסתמא,
— און אויף מיין חתונה קומען.

ביי מיר זענען אַלע קרובים גלייכע;
סיי די אָרעמע שקאַפע — מיין פעטער דער בלינדער,
סיי די יאַלאָווע קו — מיין מומע די רייכע,
סיי די קעלבער און לאָשעקלעך — זייערע קינדער.

מחותנים געשעצטע, קראַצט אויס די בערד!
מחותנתטעס פוצט זיך אין אייערע שפיגלען — די קערניצעס;
לעמאַנעשעם פעטערל — אָרעמע פערד,
נעם־מיט די לאָשעקלעך — מיינע פלימעניצעס.

חתונה האָבן גייט וואָגלער אלחנן בן מאיר,

*) פאַשע־ערטער.

דער שווייגער, וואָס איז נע־ונד,
מיט דער יתומה: הבתולה — דעם סאָד אינם ווייס־נקן שלייער
און חודש אייר שנת תרצ״ד. (1935)

זעלבסטמאָרד־ליד

איך הענג, און איבער מיר אַ ליכט פון וואַקס —
אין לייכטער ערדענעם איצט ברענט די שקיעה;
עס איז מיין שטריק געווען דאָס פעלד מיט פלאַקס,
און דער פלוימען בוים — מיין בלאָע תליה.

איך הענג און אונטער מיר מיין ווילדער פערד — דער טייך
וואָס איז צוגעבונדן צו מיינע געלע הענט — פון ליים די ברעגן;
ווען ער וועט געבן זיך אַ ריס צו אייך —
וועט דאַן מיין גוף שוין זיין צו גאָר אַ נייער וועלט — די וועגן.

איך הענג. מיינע אויגן פיקט די נאַכט — די קראָ
און בויט אַ נעסט צו מיין געדיכטן שטויב דעם גרויען;
ווו איז מיין הונט — דער טאָג, ער איז נישטאָ? —
איבער מיין טויטן גוף וועט ער זיך מיט א רויטן צונג צעוואָיען.

איך וועל הענגען ביז דער טאָג — מיין הונט וועט זיך צעבילן
איבערן דאָרף — מיין קליינעם סידור
וועט ער אָנטאָן כמאַרעס — מיינע שוואַרצע תפילין —
און דונערן און בליצן — דאַווענען מיינע לידער.

און מיין חברל — דער ווינט, ער וועט אָן אָטעם
לויפן פרעגן ביי די מיידלעך מיינע — ביי די פרילינגען:
— אָ, ווו איז ער ווו, געזען ווער האָט אים
וואָגלערן — מיין פריינד דעם שטילינקן? — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

איך וועל הענגען ביז עס וועט אָנהויבן צו טאָגן...
ביז די נידעריקע ווערבעס וועלן אָנטון גאָלדענע קרוינען;
די ברוינע שעפסן וועלן נאָך מיר קדיש זאָגן
און די ווייסע ציגן וועלן מיך באַוויינען.

וויטעק

אָ, וויטעק, וויטעק, דיינע פינגערלעך ווו זענען? —
עס וואַכט די פאַסטושקע אונטערן בוים;
זיי פליגן טוליענען זיך צו איר הויקערל
ווי שעפסן צו אַ בערגעלע פון ליים.

אָ, וויטעק, וויטעק, די וועלפּעלעך האָבן דיר אויפגעפרעסן
ווען דו ביסט געגאַנגען קלויבן מאַלינעס:
דיין פייפעלע איז נאָר פאַרבליבן
און אין טאָרבעטשקע — די פרישע בלינעס.

עס וויינט די פאַסטושקע נאָך וויטעקן —
ווייל זיינע ביינדעלעך זענען פאַרלוירן;
פון אירע טרערן איז די נידעריקע גריקע אויסגעוואַקסן אויף די פעלדער
און פון זיינע ביינדעלעך — דער הויכער קאָרן.

(1936)

לייזער וואָלף / דער ווילנער גאון און דער בעש״ט

דער ווילנער גאון זיצט און לערנט
אין דינעם דורשט און ווייסן ברען
און ניט דער הימל, ניט די שטערן
די זכיה האָבן אים צו זען.
ער שלאָפט נאָר אַ שעה
און ווידער איז דאָ

זיין מח צו פאָרשן, צו קלערן.
בייטאָג און ביינאַכט דורך מעת־לעתן —
דאָס ליכטעלע פלעמלט און טריפט.
דאָס ווייב און די קינדער פאַרגעסן —
ער זוכט אין דער הייליקער שריפט.
אָפט דאַכט זיך אים אויס,
אַז ער איז גאָטס הויז,
אַז ער איז אין אים דאָ געזעסן.

און אָפט ווען ער שטייט אין די תפילין
און דאַוונט מיט האַרץ און געבעט,
דערהערט ער אַ קול אַזאַ שטילן
אין זיך, ווי אַ טויב וואָלט גערעדט:
„הער גאון, גלויב מיר —
דיין מויל איז מיין טיר.“ —
ער נעמט זיך אין טלית פאַרהילן.

דער גאון לערנט. ס׳ווערן בלאָ אים
די אַלטע אותיות ערב נאַכט
און ס׳קומען אָן די שטאָט־גבאים —
וואָס האָט זיי גאָט אַהער געבראַכט?
— אָ, רבינוּ, העלף!
די חסידים די צוועלף —
זיי טאַנצן אין קלייזל ווי גוים!

דער גאון שטייט בליציק: די פראים!
ישראלקע בעל שם זייער גאָט!
איך רוף אויס אַ חרם, גבאים,
אויף זיי און צעהענגט עס אין שטאָט!
איר הערט וואָס איך זאָג?
א חרם, אַ קלאָג!
אַ קלאָג צו די חסידישע גויים!

דער גאון ליגט, דאָס ליכטל גוססט,
אַ זילבערנער לבנה־שטראַל
באַלייכט זיין שלאָף, די בלויע כוסות,
דער וועג איז ווי אַ ווייסע שאַל.
ער פאָרט דורך אַ וואַלד
מיט יידן, ס׳איז קאַלט,
עס גליען די שטערן ווי אותיות.

און פלוצלונג — אַ שענק... פון באַנדיטן ?
ניין, חסידים אין ראָד פון אַ טאַנץ,
און איינער אַ ייד איז אינמיטן
מיט אויגן אין גויאישן גלאַנץ.
עס פלאַטערן הענט,
עס וויגן זיך ווענט,
אַלץ ווערט פון אַ ניגון צעשניטן.

נאָר פלוצלונג באַמערקט מען דעם גאון.
ער שטייט אין אַ זייט און ער קוקט.
און איינער שרייט אויס : אַ בזיון !
אַ ייד זאָל זיך שטעלן פאַררוקט !
קום טאַנצן, ר׳ ייד !
זיי נעמען אים מיט.
ער דרייט זיך מיט זיי אין שגעון.

ער פאַלט, בעת ער עפנט די אויגן,
דערזעט ער זיך הויך אויף אַ באַרג.
עס קומט אָן אַ ייד איינגעבויגן
מיט פרייד און מיט האַלץ אויפן קאַרק.
אַ פייער געמאַכט —
ער טאַנצט אין דער נאַכט,
די פונקען ווי בינען צעפלויגן.

דער גאון באַמערקט : יענעמס באַק גליט

אוּן רוּקט זיך מיט ליפּן צוּ אים.
ער ציטערט: איך בין אַ מתנגד!
אַוועק! — איז צעצאָרנט זײַן שטים.
נאָר יענער באַקוּשט
זײַן פּנים, זײַן בּרוּסט
אוּן זינגט אַזוי הייס, אַזוי נאַקעט...

דער גאון וועקט זיך אויף אין שווייסן,
דערשראָקן פוּן דעם ווילדן ייִד.
ער פילט נאָך ווי אַ קוּש אַ הייסן —
ער זיצט אין שטערן דאָרט אוּן גליט.
אַ ניגון אין קאָפּ,
ער לאָזט אים ניט אָפּ,
אַ ניגון, וואָס חסידים נאָר ווייסן...

ז. ווײַנפּער / ווען רבי עקיבא האָט געגידערט קיין רוים

ווען רבי עקיבא האָט געגידערט קיין רוים צום קיניג דאַמאַציאַן,
כּדי ביי אים אויסצובעטלען פאַר זײַן פאָלק אַ נדבה,
אוּן ער האָט דערזען וויפל פרייד עס איז פאַראַן,
אוּן וויפל הרחבה
אין אָט דער שטאָט,
זײַנען אויפגעשטאַנען פאַר אים די חורבות פוּן זײַן אייגן לאַנד,
אוּן עס האָט זיך צעציטערט זײַן טראָט.
ער האָט אַ הייב געטאָן זײַן ציטערדיקע האַנט,
אוּן מיט איר זײַנע שײַנע אויגן פאַרדעקט.
ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר נישט געקלעקט
האָט דאָס וואָרט אין זײַן מויל.
אַ ווייל איז ער געשטאַנען אויף זײַן אָרט,
אוּן דורך טיפער גרויל,

האָט ער מיט די אויגן געקוקט,
און מיט די אַקסלען געצוקט.

אָבער, ווען די, וואָס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען,
זענען אין אַ שלוקערכצדיק געוויין זיך פאַרגאַנגען,
האָט זיך רבי עקיבא געשטאַרקט און געזאָגט,
צו זיי אַזוי צו זאָגן:
— נישט וויינט און נישט קלאָגט,
ווייל פון ווייגען און קלאָגן,
וועלן מיר אונזער צעבראָכענע בריק
נישט אויפבויען צוריק!
רוים האָט געיובלט מיטן זאַקרויב פון אירע צוריקגעקערטע קריגער,
די לופט איז געווען פול מיט צעווייעטע פאָנען פון זיגער,
און פונעם גרויסן טיטוס-טויער
האָבן אין שטילן, צאַפלדיקן טרויער
די צייכנס דערציילט
פון דער יידישער ווונד, וואָס איז נישט פאַרהיילט,
ווייל אין איר איז נאָך אַלץ געשטאָכן די רוימישע שפיז.

רבי עקיבא האָט דערפילט אַ ווייטיק, ווי פון אַ שלאַנגעגנביס,
אָבער ער האָט דעם ווייטיק נישט באַוויזן.
מיט אַ טאָן, אַ דורכגעטראַכטן, און אַ קילן,
האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן ריזן,
וואָס גייען צו זייערע צילן
פאַרביסן און עקשנותדיק,
און זיי ברענגען דעם זיג
אויף די אַקסלען פון זייער געלייטערטן גלויבן.

פלוצלונג האָבן אין דער לופט זיך צעפליגלט צוויי טויבן
אַזעלכע ציכטיקע און ווייסע.
און רבי עקיבא האָט אָנגעהויבן דערציילן אַ מעשה

פון דער זון, וואָס רייסט זיך שטענדיק פונעם וואָלקן אַרויס,
און פון אַ דערשלאָגענעם, וואָס גלייכט דעם רוקן אויס
סוף כל סוף,
און פון אַ שאָף,
וואָס וואַרעמט זיך אין אייגענער וואָל.

עס ציט זיך רבי עקיבאס קול,
און אָטאָ די מעשה נאָך איצט
אויף יעדן שייד־וועג שטייט אַ קריצער און קריצט
זי איבער ווידער, און ווידער
אין צעליכטיקטע לידער.

נישט טויט איז רבי עקיבא,
און מיר, זיינע אייניקלעך, זיצן נישט קיין שבעה
אויף דעם, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן.

דאָס לעבן איז טייג, וואָס ווערט אָן אויפהער געיווירן, —
קנייטן מיר דאָס טייג אין די מולטערס
שולטערס צו שולטערס
ביז עס וועט ווערן פאַרטיק צום באַקן,
און דעמאָלט וועלן מיר דאָס מלחמה־כלי־זין צעהאַקן,
כדי דער אויוון פאַרן ברויט זאָל זיך העלער צעברענען,
און ביים אָפּגעבאַקטן ברויט וועט מענטש מיט מענטש זיך
בעסער דערקענען.

פ אַ ר ו ו אָ ס ?

אַמאָל איז יעדער פון אונז אַ צווייג פון אַ בוים,
וואָס ציטערט פונעם הינט,
אַמאָל איז מען אַ ביסל שוים,
וואָס טראָגט זיך בלינד
איבער דעם תהום
פון ים'יקן טיף,

אָבער אין זיין טרוים
איז יעדער פון אונז אַ שיף,
וואָס טראָגט זיך,
און שלאָגט זיך
ביין און בלינד
מיטן ווינט.

אין די איצטיקע טעג און נעכט
זענען מיר אַלע אין געפּעכט
אַזוי ביטער און עקשנותדיק.
דאָ צערייסן מיר אַ שטריק,
דאָרט צעוואַלגערן מיר אַ בריק,
און אָפּטמאָל רייסן מיר אויס
פונעם אייגענעם גאָרטן אַ רויז,
און צעטרעטן זי מיטן אייגענעם טראָט.

אַזוי איז דאָס געבאָט
פון די איצטיקע נעכט און טעג!
דאָס באַוווסטזיין שרייט, אַז מען מעג,
אַז אַזוי באַדאַרף צו זיין,
אָבער נישט איין מאָל, ווייגען מיר פון פּיין,
פאַרוואָס באַדאַרף אַזוי צו זיין!
(דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן)

ה. וועבער / לאַנדשאַפטן

אויף אַ פאַרנאַכטיקן וועג־פאַרבויג
פלאַמען אויף געוויקסן טויזנט אייגלדיק,
און אויפן הימל בלוין־און־בלאָקייט
ס׳ציגיינערישע וואַנדערטייגל —
די לבנה.
פאַרקעמט איר שוין די שוואַרצע לאָקנס אָרעמקייט

פֿאַר אונטערוועגנסדיקע הייזלעך באַנגע;
מאַכט שלום צווישן קלויסטערל און הונגער אַקער.
איך פּיל: מ׳וויל מיין וועג פֿאַרשפּינען אויך אין לאַנדשאַפֿט.
נאָר ס׳קאָן מיין אויג איר גלאָז,
וואָס באַלד־אָ קנאַקט עס.

ה אָ ר ב ס ט

צווישן בוים און בוים שטייט הימל, צווישן הימל און הימל — שטערן,
(אין פֿאָרמען מוז אַלץ צעלויכטן און פֿאַרלאָשן ווערן...)
דורך בלייכע וועגן פֿירן אין שטובן אַריין.
דאָ — אַ דערמאָנונג, דאָרט — דעם שטיינס בלויער שיין
אויף שיידוועגן גייען פֿונאַנד איינזאַמע געדאַנקען:
פֿלאַנציק, מיט שטילן דרוק פֿון פֿרייַנטלעכער האַנט.
איינער פֿון זיי קוקט דערנאָך אויף זיך דורכן פֿענצטער:
אַ גאַס אַ בלאַנקע.
דער אַנדערער בלעטערט נאָך טיף אינם
דורכגעשטרעקטן באַנד.
און אַז אַ נישט דערטראַכטער גיט ער אין שויב אַ פּלאַטער,
און נעענטער זיך צוגעקוקט, דערקענט ער: אַ דרויסנדיק בלאַט.
שטאַרבט ער אין גאָרטנס זשאַווער, פֿאַרקנוילט זיך ווינטיק,
פֿאַרמאַטערט.
און טרינקט זיך אָן אירע טריט, אירע ווייסע טריט צו דער זאַט.
(1935)

אָפּרו אין מיין שטאָט

פֿאַרדעק דעם אויטאָ־לאָמפּ — ווי אַ שפּיגל...
זיין ווייטן זוניקן בליק דערוואַרג איצט
דאָס איז מיין שטאָט, זי שמייכלט פֿריידלעך
און פֿילט נישט, אַז ז׳איז אַ שטיינערנע קרקע.

כאָטשע זי לענגערט זיך נאָך צו דער זון
מיט ליכטיקער בריק און שטילן האָרן.

דורך טויטע לעכער פון בעטאָן
קוקן מיך אָן מיינע יינגלשע יאָרן.

נאָך דער, וואָס איך האָב דאָ געליבט, איז אין האַרץ
אַראָפּגעקריצט שוין לאַנג דער זכר.
און אין איר טאָגטעגלעכער ווייטער געשטאַלט
טראָגט זיך אַ הוילקייט ווי נאָך אַ שׂרפה...

פאַרדעק דעם אויטאָ־לאָמפּ ווי אַ שפּיגל,
זיין ווייטן זוניקן בליץ — פאַרשפּאַר איצט.
מיין שטאָט איז דאָס, זי שמייכלט פרידלעך
און פילט נישט, אַז ז׳איז אַ שטיינערנע קרקע.
(1936)

רייזל זשיכלינסקי / צו שפּעט

כ׳האָב נישט אויסגעהערט דעם רעגן
ביזן סוף.
כ׳בין איינגעשלאָפן.
און אַז כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט —
איז שוין געווען
צו שפּעט.

די בענקלעך האָבן זיך
געסודעט מיטן טיש —
דער טיש — כ׳קאָן שווערן —
ער האָט אַ וואָלקן אויפגעפרעסן —
— ער האָט די ליפּן אָפּגעווישט —
דער אויוון האָט הויך געכליפּעט
פאַר מיין לאַטש —

אין גאָרטן האָבן די בלעטער אַראָפּגעהאָנגען
שווערע קעפּ
אונטער די לעצטע טראָפּנס.

אומזיסט האָב איך זיך געבעטן —
געבעטן ביי דער ווערבע —
זי, די אַלטע באַבעטשינע,
זי האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ.
אומזיסט געוואָרפן שטיינדעלעך
אין טייך.
בול — האָט עס געמאַכט —
בול.

טרויעריק און באָרוועס
לויף איך אַרום
בול — האָט עס געמאַכט
בול. (1935)

מ אַ מ ע

מאַמע,
דו האָסט פייער געמאַכט,
האָסט פון דאַרע שטיקלעך האָלץ צעבלאָזן אַ זון
אין מיין בלאַסן פרימאָרגן,
הערסט ווי מייגע שוואַרצע האָר שויבערן:
אַ דאַנק, אַ דאַנק...

נאָר אין דרויסן ווייִנט נאָך אַלץ דער ווינט,
נעם אים מאַמע אין דיין שירץ אַריין
און וויג אים איין...
דער ווינט ער וועט דיר גלויבן,
און ווי אַ שעפסל צומאַכן די אויגן.

אָרעמע ווייבער

קומען אָרעמע ווייבער אין וואַלד אַריין
אין קלויבן שישקעס אין די זעק,
בלייבן איבער אויפן מאָך —
ווערטער,
וואָס גלאָצערן צום הימל
מיט אָפּגרונטן פון שוואַרצע טעפ
און הונגעריקע מיילער...

און אויפגעשויבערט בלייבן שטיין די בוימער,
ווי נאַסע הינער,
וואָס טוליען זיך לעבן אַ וואַנט
ווען ס'פאַלט אַ מוטנער קאַלטער רעגן...

(1931)

פרימאָרגן

כ'רייס אויס דאָס ווילד־גראָז אין גאָרטן,
געגנוג זון און זאַפט זאָלן האָבן די קאַרטאָפל.
די זון זעט מיינע הענט,
איז שטיל אין מיר —
און אַלע מיינע שלעכטע רייד און געגנג,
וואָס זענען אַ גאַנצע נאַכט
געלעגן וואַך אין מיינע ברעמען,
ליגן איצט אויסגעריסן אויף דער ערד,
און טויט —
אין פרימאָרגן.

מינוטן

ליגט אַן אַלטער טאָפּ אין מיטן וועג,
דאָס שוואַרצע מויל צו מזרח —

דאָס אויפגעבראָכענע אויער צום הימל.
— — אַ וואָרם קריכט אויף דער ערד!
מיט דיגע בלינדע הערנער
רירט ער אָן די זון,
אַ וואָלקן האָט זיך אויסגעצויגן
אויף אַלע פיר,
און ווייס נישט:
אויסדרייען דעם האַלדז —
אָדער נישט? — —
אַ פויגל פליט —
באַלד וועלן זיך באַווייזן
צוויי אַלטע פרויען־הענט
און איבערצלמען די וועלט.

נ אַ ר צ י ז ן װ י אַ נ ע ן

נאַרציזן וויאַנען —
און שטילקייט האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער זון,
און דרימלט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן ווי אַ הונט.
נאַרציזן וויאַנען —
און בעטלער טרעפן זיך אין פרעמדע טירן
און מעסטן גרויע טאָרבעס אָפּ —
מיט אויגן ליידיקע ווי אויסגעהוילטע ברויט,
און שטעקנס, אַרומגעוויקלטע מיט וועגן
ווי מיט שלענג,
קלאַפּן, קלאַפּן אָן די שוועלן.
נאַרציזן וויאַנען —
און פערדישע אַראָפּגעלאָזטע קעפּ
פּלאָנטערן זיך מיר מיט צוגעמאַכטע אויגן —
אַ פרוי אַ שוואַנגערע גייט פּאַמעלעך דורך די גאַס
און ס׳לעשט די זון זיך — אויף אַ נישט פאַרענדיקט הויז.

נאַרציזן וויאַנען —
פון ווייסע בלעטלעך פאַלט אַ שטילער שניי;
בלינד און באָרוועס איבער שפּיציקן שטיין
גייט אום דער נס איבער דער וועלט.

(1933)

י. ל. טעלער / דער סוד פֿון דער וועלט

אַזאַ טבע האָבן טעג:
כאָטש מען בעט זיי ניט אויף כּיבוד קומען זיי צו גיין...
איז אַ מענטש אַמאָל פון זיינע טעג אַנטלאָפן,
אַ בוידעם־שטיבל געדינגען און אַהין פאַרקראָכן,
אויף אַ זאָפע צעשטרעקט, מיט אַ ליולקע אין מויל,
און געוואַרט, עס זאָל זיך צו אים
דער סוד פון דער וועלט אַנטפּלעקן...

האָט דער צער געוויינט אונטער זיין טיר,
ווי אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר,
און יאָרן האָבן דורכגעצויגן
דעם גרויען זקנה־פּאָרים דורך זיין לעבן,
און ער איז נאָך אַלץ נאַזנדיק אויף דער זאָפע געלעגן,
געצויגן דעם רויך און געוואַרט אויפן סוד פון דער וועלט...
אין איין פאַרנאַכט איז ער פלוצים פון פאַלאַץ אויפגעשפרונגען.
און זיין באָרד — איינגעאַנצן ווייס, ווי אַ צוגעקלעפּטע פּריזע,
און אַזוי האָט ער איבער גאַסן געשפּאַנט,
מיט גרויקייט אין באָרד און טרויער אין די אויגן,
און אויף אַ קויטיקן שטריקל אַרום האַלדז —
דעם סוד פון דער וועלט אויפגעצויגן...

געהאַנגען איז אַ זון אויפן הימל,
ווי דאָס האַרץ פון אַ געקוילעטן גאָט.

און מענטשן זײַנען פון דער אַרבעט געגאַנגען:
יונגע —
וואָס האָבן קיינמאָל ניט פאַרזוכט נאָך זעמלדיקע ליידנשאַפטן,
און פון ת״יר זיך געגריזשעט אין ראַזנווער תאוה,
און אַלע — מיט פאַרמעקטן כתב פון יאָרן אויפן שטערן...

און זיי האָבן אים פון אויג־ווינקלען געמאָסטן,
און עמעצער האָט זיך ביים האַרץ געכאַפּט, —
„משיח!‟ — האָט מען אויסגערופן,
און שוין האָבן גאַסן נאָך אים זיך געצויגן;
האָבן הענט מיט קוויטלעך זיך געשטרעקט,
זענען קאַליקעס פאַר אים אין שטויב געפאַלן,
זייערע וווּנדן אויפגעוויקלט,
און זייערע קרעציקע שאַנד
אויפקעדעקט.
און ער האָט געשמייכלט,
געפילט ווי עס בויגט זיך די קני,
זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט
און פאַרגאַנגען...

איז מענטשן גאָרנישט איינגעפאַלן אַז אַ מת זאָל טראָגן
דעם סוד פון דער וועלט
אויפן לייב אויפגעהאַנגען...
זענען זיי ווייטער אַוועק — און אויף אַ האָר ניט קליגער געוואָרן...
האָט דער דרימלנדיקער זייגער אויף אַ קלויסטער־טורעם
פלוצים נערוועז מיט די הענט זיך צעצלמט
ווידער די אויגן פאַרמאַכט,
און אויף אַ האָר ניט פרימער געוואָרן...

ל י י ד נ ש אַ פ ט ן

ווי פאַרוווּנדעטע און גוסדיקע זעלנער,
אין דער שפּעטער נאַכט־שעה

אויפן איינגעשטילטן שלאַכטפעלד,
וואָיען אונזערע בלוטן מיטן אָנקום פונם אָוונט;
און זיי יאָמערן, ווי חצות פאַרביי,
קעץ וואָס ראָיען אין די מיסטן...

פויזעט אַ מענטש אויפן בויך,
גראַבלט די ערד מיט די נעגל,
דריגעט מיט די פיס,
העשעט מיט אָטעם פון וואַנזין,
און זיינע ליפן סלונען מיטן אָפּשוים פון אוראַלטע תאוות...

לויפט אַן אַנדערער מיט בלוטיקע לאַפּעס דעם מערב אַנטקעגן,
און פאַלט ווי אַ געשאָסענער לייב, מיט אַ בריל...
קלינגט דער אומרו אין די גלאָקן...
ווי שאַרפע פייפן
שנײַדן בליצן דורכן חושך;
דערנאָך, הענגט די נאַכט אין קרישטאָלענע סטראָמפּעס...
פון דעכער קאַפּעט טראָפּנווייז די שטילקייט...
און...
אין אַ צעל,
ביי אַ פענצטער דורכגעשטרייכט מיט גראַטעס
שטייט אַן אויסגעבלייכטער דאַרער נזיר,
און דריקט מיט ביידע הענט אַ הייליק ספרל צום האַרץ...

מיטן אָנקום פונם אָוונט קריגן בלוטן לשון... (1929)

מ. ז. טקאַטש / נאָכן מבול

פון וואָלקן טרייסט דער רעגנבויגן:
אַנטרונענער, הויב אָן אויפסניי, —
נאָר נח שטייט אין שולד געבויגן
פאַרוואָס דער טויט אין אים פאַרביי.

ער גראָבט שוואַרץ־ערד, שוואַרץ פון מבול,
די ערד איז נאָכן מבול פעט,
נאָר ווו ער זאָל ניט טאָן קיין גראַבל,
שטייט אויף אַ ביין פון אַ סקעלעט.

און נח יאָמערט: ווײ די מתים,
נאָר אויך די לעבעדיקע ווײ,
וואָס מוזן פלאַנצן, ווען זיי ווייסן,
אַז אויף בית־עלמינ׳ס פלאַנצן זיי.

פאַרוואָר, מיר איז באַשטימט צו אַרבן
אַ נחלה, וואָס איז פעט פון גרויל,
די פרוכט, וואָס וואַקסט פון טויטן שאַרבן,
זאָל שפּייזן ס׳לעבעדיקע מויל.

פאַרגיב מיר גאָט, ווען איך וועל פלאַנצן
אַ ווייַנגאָרטן און טרינקען וויין
און וועל זיך אָפּדעקן אינגאַנצן,
אין גאָר מיין שאַנד, דער שאַנד פון זיין —
(בלוט שרייט פון דער ערד)

צו דער לעצטער פון די אמהות

מוטער לאה, לעצטע פון די פיר אמהות,
כאָטש די דריטע ביסטו פון די פיר, —
יעקב האָט פאַרזען דיך און דעם זעלבן טעות
מאַכט דאָס פאָלק ישראל וועגן דיר.

מוטער פרוכטבאַרע פון האַלבן טוצן שבטים,
נאָרן יעקבן האָסטו געמוזט —
קומען ווי אַ גנב, זיין דיין שוועסטערס שאָטן,
דיך אַליין האָט יעקב ניט געוווסט.

מוטער פון מלכים, כּוהנים און לוויים,
קאָן מיט פּרות זיך פאַרגלייכן צוויט?
דאָך האָט יעקב פאַר דיין שוועסטערס בליען
פערצן יאָר דיין טאַטנס שאָף געהיט.

און געוועזן ביסטו ניט פון געבוירן מיאוס, —
האָסט געהערט — וועסט ווערן עשוס ווייב,
האָסטו אָנגעוויינט זיך יאַטערדיקע וויעס,
נישט צום רשע האָט געגלוסט דיין לייב.

אָבער, ווען צו יעקבן האָט דיך געצויגן
ווי עס ציט אַ שטראַל צו ריינעם שניי,
האָט געזען דער צדיק דיינע קראַנקע אויגן,
דיין נשמה ניט געזען אין זיי.

נאָר דו וויינסט ניט מוטער לאה, אויפן טעות,
ביסט געוועזן באַשיידן אלעמאָל,
שמייכלסט גאָר — די לעצטע פון די פיר אמהות
איז די מוטער פון דאָס רוב־ישראל.

לאה צו יעקבן

יעקב, רחל איז דיין חלום,
מיר איז גוט דיין וואָר צו זיין, —
זיין דיין טעגלעך ברויט און וואַסער
און דער שאָטן פון דיין שיין.

יעקב, רחל איז דיין הימל,
איך וועל ווי די ערד זיין פעסט.
פלי דיר, ווי אַ פרייער פויגל,
איך וועל וואַרטן אין מיין נעסט.

פֿלי דיר, יעקבֿ, ווי אַ פֿויגל,
בלויע הימלען ווערן שוואַרץ.
יאָ, קאַפּריזנע איז דער הימל,
ווי דיין שיינער רחלס האַרץ.

מיד פֿון שטורעם, וועסטו זוכן
רו אין מיינע טרייע ווענט
און באַגעגענען מיין שמייכל
און די פֿלאַטערדיקע הענט.

און דערפֿרייטע וועלן פֿליען
דיר אַנטקעגן צו דער טיר
מיינע קינדער, ווי די פֿייגל,
די געראַטענע אין דיר.

(1946)

מישאַ טראָיאַנאָוו / אַ פֿאַרנאַכט

היינט איז דער פֿאַרנאַכט אין בלויקייט אָנגעגאַנגען,
הימלען קלאָרע האָבן איינגעוויגט די ערד אין אַ חלום.
און לויטער איז געוואָרן אין יעדן ווינקל — ווי אין האַרץ פֿון אַ קינד.
איז אַ וווּנדער — אַז מען הערט מענטשן אין הייזער
שעפּטשען פֿאַרחלומטע פֿרומע תּפֿילות:
דער מענטש דאַרף דאָס אייגנקייט וואָס ער האָט אין פֿאַרמעג —
אָפּהיטן פֿון אַ שלעכט אויג — צערטלען ווי אַ וווּנדערלעכן אוצר.
איז אַ וווּנדער — אין אַזאַ לויטערן פֿאַרנאַכט —
אַז דאָס האַרץ ווערט פֿאַרגאָסן מיט גלויבן:
עס וועלן די שלעכטע — נישט אויסשטעלן די וועלט צום שלעכטס.
איז אַ וווּנדער — אין אַלע אויגן אַזאַ תּפֿילה:
עס וועלן די גוטע מענטשן דאָס לעבן לויטער מאַכן — — —

אין אַזאַ לויטערן פֿאַרנאַכט —

האָט דײַן אַנדערש געקאָנט זיין —
ווי אַ ליכטיקע דערמאָנונג אין מיין זיידן
דעם צדיק משה לייב סאַסעווער,
וועלכער איז געלאָפן צום טייך ברענגען אַ עמער וואַסער
אָנזאָגן אַ דאָרשטיק פערד אין מאַרק —
וואָס האָט געלעקט מיט אַ טרוקענער צונג דעם ליידיקן עמער.
איז אַ וווּנדער — אַז איך בין געווען אין דעם פאַרנאַכט
לויטער און מילד ווי אַ טויב, ווען זי קוקט אַרויף פון דאַך
פאַרבענקט צום קלאָרן הימל.
האָט דען אַנדערש געקאָנט זיין —
אַז איך בין געווען גרייט אין אַזאַ שעה
וואַשן די פיס פון אַלע מענטשן —
פון אַלע, וועמען איך האָב אַמאָל געטאָן שלעכטס,
און פאַרבונדן מיט ריינע לייוונטן זייערע ווונדן — — —

האָט דען אַנדערש געקאָנט זיין אין אַזאַ לויטערן פאַרנאַכט,
ווען שטילע געבעטן נידערן פון די הימלען —
און מענטשן און הייזער זענען פאַרחלומט אין תפילות,
און אַלע הערצער זענען ריין — ווי דאָס האַרץ פון אַ קינד.

קילער לבנה־אָוונט

קילער לבנה־אָוונט,
היל מיך איין — אין דיין לויטערן ליכט.
ווי לאַנג נאָך וועל איך אַ טרויעריקער
גיין אויף וועגן האַרבסטיקע
מיט באָרוועסע פיס.

די פעלדער זענען נאַקעט
און די ביימער זענען נאַקעט.
און מיין האַרץ — אויך אַזוי.

און מיין האַרץ — ווי אַ שוואָם —
טרינקט זיך אָן מיט טרויער,
מיט דעם טרויער פון די וועגן.

פון אַ שטרויענער כאַטע אין פעלד קוקט אַרויס
אַ טונקל־באַלויכטן פענצטערל אין דער ווייטער נאַכט
מיינע טונקלע אויגן פון אומעט — קוקן אויך אַזוי —
מיט קאַרג־ליכט אויף די איינזאַמע וועגן.

אויף דעם זילבערנעם לבנה־וועג
פירט עמעץ אַ שטומע שאָף פאַר אַ שטריק
אין דער ווייטער נאַכט אַריין,
ווער פירט אַזוי בלינד מיינע טריט
דאָרט ווו די נאַכט איז אויך — אַליין.

בלייכע לבנה־נאַכט,
היל מיך איין אין דיין לויטערן ליכט.
ווי לאַנג נאָך וועל איך אַ באָרוועסער —
גיין אויף וועגן האַרבסטיקע
מיט טרויעריקע טריט.

(1936)

מאיר כאַראַץ / אַ יידענע

וויינענדיקער אָסיען־רעגן.
אַלע גאַסן, אַלע דעכער
טרינקען אויס די קאַלטע טרערן
פונם פולן אָסיען־בעכער.

שטייט אַ יידענע אויפן מאַרק
אין אַ שאַל געהילט אַ נאַסן

אויסגעשטעלט צום זעלבן גורל
ווי די דעכער און די גאַסן.

האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
אין דער האַנט אַ קויש אַן אַלטן,
פֿול מיט שווערע צרות גראָע
אונטערן נאַסן שאַל באַהאַלטן

און דער קויש די שווערע מאַסע,
ציט אַראָפּ זי ביז צו דער ערד, —
אין דער בלאָטע טאָפּטשען גויים,
גויים טרייבן זייערע פֿערד.
(1935)

איך האָב דאָס בוך

איך האָב דאָס בוך געהאַלטן אין פֿאַרמאַכן
אין מײַנע אויערן רוישן שטילע טײַכן,
לבנה־שײַן און אויפֿן טיש די זאַכן
לבנות קליינע דורך די געכט זיי וואַכן.

אינדרויסן שטייט פֿאַרמאַכט אַ שורה שטיבער
און אויף די גראָזן וואַכן שטילע לידער,
זיי ענדיקן זיך, הייבן אָן ווידער
און חזרן אַ גאַנצע נאַכט זיך איבער.
(1943)

איזי כאַריק / אויף אַ פֿרעמדער חתונה

נגידישע חופּות, גבירישע שמחות, מײַן זיידע גייט אום אויף די טישן...
דאָס האָט ער זײַן סיווינקע שיטערע בערדל פֿאַרבראָכן אַזש ביז צו דער סטעליע.

ער שלינגט איצטער שווערדן, ער הוליעט אויף שטאָלצן, ער טאַנצט מיט אַ קישן.

עס ווילט זיך אים זינגען, ער ציט פון מויל סטענגעס... וואָס
ביסטו אַנטשוויגן, קאַפּעליע?

— העכער, קאַפּעליע, שטאַרקער, קאַפּעליע, דער שד זאָל מיך
נעמען אינגאַנצן,
אויף אויסגעסטרווירטע נגידישע טישן לייזער דער בדחן גייט טאַנצן...
ס'האָט לייזער פאַרהויבן די קורצע קאַפּאָטע, ווייל שמאָל די
קאַפּאָטע אין סטאָן איז,
אַרום און אַרום קוקן פריילעכע צורות, נישט צורות, נאָר פולע לבנות.

— שפּילט קלעזמעריקעס, יהושע־די־פרימע אין ריפּסענעם קורצע
ספּינדזשאַק
און אַבע־סעקונדע, רב אַבעלע־קצב אין קאָרטענעם קרומען טורדוטל,
יונה די פּליטע, און יאָשע באַנדירע, איז מאַכט איצט דעם
רעכטן שהכל,
שפּילט זשע אַ פריילעכס, עס זאָלן אַוועקגיין אַ הייסן קאַדריל
די גישטגוטע.

די קעלישקעס זענען מיט ספּירעטעס פולע, מיט ווייִנען,
אויף פולמיסקעס — קאַרפּן און העכט צעגייען אין אייגענעם תענוג...
דער שוחט האָט כשר די ברכה געמאַכט, דערנאָך ערשט געשאָכטן
די אָקסן,
זיי קוקן מיט גאָלדענע אויגן אַצינד פון טעלער מיט וואַרעמע לאָקשן...

די מאַנסביל ביים טיש, די ווייבער — דערנאָך, זיצט מען
דערווייל אין די קאַמערס,
כדי מען זאָל אויבעט אָפּהיטן דאָס האַרץ, געניסט מען דאָ
אויבעט דערווײַלע,
זיי טונקען כאַמעלעך דעם לעקעך אין בראָנפן מיט אַלע דריי
פינגער צוזאַמען,
דער לעקעך, דער טאָרט און דאָס קלעפּיקע טייגל צעגייט אַזוי
זיס אין די מיילער.

האָט אויסגעטאָן לייזער שוין אויך די קאַמזעלקע, דאָס היטל
איז אויכעט שוין שווער אים...
ער זאָגט איצטער גראַם, און דער גאַנצער עולם נעמט פון
געלעכטער זיך קייקלען,
עס לאַכן די סמיקן, עס וויינען די פידלען אויף זייערע צאַרטע געדערים.
לייזער נעמט צוהעלפן גיך אויפן צימבל און דרייען, און שטורכן אין פייקל.

— שפילט, קלעזמערוקעס, פאַר חתן און כלה, דער ניגון,
ווי ספּירעט זאָל ברענען.
גאָט זאָל זיי געבן, און זיי זאָלן נעמען... וויפל זיי וועלן באַר קענען...
ווי האַלט מיט די גבירים? די גבירים איז גוט, אָבער אונז
איז מיליאָסן מאָל בעסער:
זיי עסן די טייערסטע מיני־מאכלים, און מיר לעקן אָפּעט דעם מעסער..

שפּילט, אַז די ניכפע זאָל וועלן אונז נעמען, דער קאָפּ ווערט
צעריסן אויף שטיקער.
זאָל אייך נישט אַרן, וואָס לייזער דער בדחן איז איצטער
אַביסעלע שיכורי.
ביי מיר אויפן האַרצן איר שפּילט מיט די סמיקן. צו קאָן מען
אַ ווייטיק פריטשמעליען,
ס׳וועט לייזער דער בדחן, פאַרבלייבן אַ בדחן, נישט מער ווי אַ
בדחן, קאַפּעליע...

כ׳האָב אַ ווייב — אַן אַרורה, אַ האַרץ — אַן אַרורה, דאָס שטעטל
— איז אויך אַן אַרורה,
שפּיל אויף דער סאַמע צעיאָמערטער סטרונע, מיין טייערער
יאָשע־באַנדורע...
שפּיל, עס זאָל מוזן דער זיידענער חתן אויכעט אַוועק אויף די טישן,
אָט גיב איך אים אָפּעט די הילצערנע קוליעס, דעם הילצערנעם
שווערד און די קישן...

זאָל ער זיך טאַנצן, דער איידלער חתן, זאָל ער זיך זאָגן זיין דרשה.

אַ פּיטאַק — אַ קאַדריל, אַ קאָזקע — אַ שער, דאָס בדחנישע
לעבן — אַ גראָשן,
ווי האַלט מיט די גבירים? די גבירים איז גוט, נאָר אונז איז
מיליאָסן מאָל בעסער:
זיי האָבן די קלייטן, די גראַבע קאַמאָדן, און מיר היטן אָפּעט
די שלעסער...

די מחותנתטע איטקע, די ווייצענע קיטקע, די קוקסע געפלאָכטן
אין דרייען,
האָט פאַרהויבן די בופעס פון זיידענעם יאַקל און געלאָזן זיך
הייזעריק שרייען:
— זע־נאָר, הער־נאָר — אַ הוק. ס'איז די פלוימע שוין דאָ.
ט'מיר צעברעכן די שויבן, הולטייעס!
און דער גלאַוונער מחותן האָט לאַנג געקיפּייעט און שטיל
הויפן בדחן געפייערט.

— הער נאָר, דו בדחן, דו פריילעכע כלי, דאָס האָב איך
געבראַכט דיך אַהערצו,
דו זאָלסט מיר פאַרשטערן די גאַנצע שמחה און גיסן נאָך בליי
אויף די הערצער.
מאַך אונז דאָ פריילעך. איך וועל דיר באַצאָלן, דאַרפסט פאַר
אונז רעדן צום גוטן.
לייזער צופּט לאַנגזאַם דאָס סיווינקע בערדל: — אינגאַנצן
גערעכט, רב־מחותן.

אָט וועל איך, רבותי, דערציילן אַ מעשה, וואָס איז אין
אַ שטעטל פאַרלאָפן,
אַן אמתע מעשה, אַ וואָרע געשיכטע, וואָס האָט דאָרט אַנומלט געטראָפן.
אייגער אַ קייסער, אַ מלך בן מלך, אַ גוואַלדיקער גראַף און אַ שררה,
לאָזט צו זיך רופן די גרעסטע הכמים: עס האָט אים פאַרשאַדט
די עין־הרע.

ער האָט דאָך אַ שלל מיט מאַיאָנטקעס און קראָמען און קלערליי
מיני־פּאַלאַצן.
ער פּאָרט אויף יאַרידן, פּאַרדינט ער אַזויפיל, אַז ס׳נעמען די
קעשענעס פּלאַצן.
רופט ער צו זיך זיינע גלאַוונע חכמים:—אומעטיק,—זאָגט ער,—רבותי,
— אומעטיק, זאָגן די גלאַוונע חכמים, — קאָנסטו ווערן אַ לץ,
פּאַני קייסער...

טאָ שפּיל־זשע, קאַפּעליע, דעם פריילעכן וויוואַט פון אמתע,
כשרע קלאַנגען,
לכבוד דעם חתן, לכבוד דער כלה, לכבוד דער חופּה מיט שטאַנגען,
לכבוד דעם רב און לכבוד דער שוויגער, לכבוד די פּני־מחותנים,
יהושע און אַבע און כלערליי קלעזמער, באַווייזט זיי אָקאָרשט
וואָס מיר קאָנען.

אַ בדחן איז פּונקט ווי אַ בעזים אין מרחץ: מען בעזימט זיך
אויסעט און — יוצא...
נאָר ווען עס איז בלייבט נאָך אַ גרינינקע בלעטל אויף
אַ נגידישער פּלייצע...

(1935)

זישאָ לאַנדוי / פאַר אונזער

פאַר אונזער חרוב יידיש לעבן
פאַל איך און בעט פאַר דיין גנאָד!
איך וויין אויף אונזער מאַמע ווילנע,
אויף קאָלאָמיי און אויף בראָד;

אויף וואַרשע, קאָוונע, קאַליש, לעמבערג,
אויף גרויסע און אויף קליינע שטעט,
וואָס איז דער שונא שוין באַפאַלן,
וואָס שפּעטער נאָך באַפאַלן וועט;

אויף יעדן יידיש שמיציק געסל,
אויף יעדער קראָם ווײַן איך און קלאָג,
אויף יעדן שענק, לאָמבאַרד און קרייטשמע,
אויף אונזער פּאַלשער מאָס און וואָג;

אויף יעדן יידיש פריילעך הײַזל
וואָס אין אַ גויעש שטעטל שטייט —
אויף אַלץ וואָס איז געווען אונזערס
און מיטן רויך אַצינד פאַרגייט.

ס'איז ריין און העל אַלץ וואָס איז יידיש —
דאָס אָרעמע לעבן בוי צוריק,
און די פאַראָמערטע נשמות
מיט אַ בישט־דאַיק וואָרט פאַרוויג!

(1929)

מלכה שבת

קומט צוגיין די מלכה שבת
בונט אַזוי ווי אַ רעגנבויגן;
די אַראָפּגעלאָזטע אויגן
פול מיט תאוה גליען, ברענען, —
קענסט אין טומטום'ס אויג דערקענען,
אַז ס'איז דאָ די מלכה שבת.

ווען עס קומט די מלכה שבת,
פינקלען אויף די אויגן ווידער,
וואַכיק ווערן דײַנע גלידער,
און אין אַלע, אַלע עקן
הויבט מיט ווײַבער פלייש אָן שמעקן,
ווען עס קומט די מלכה שבת.

ס׳אַראַ רחבֿת, מלכּה שבּת,
בּרענגסט מיט זיך אין אַלע זייטן;
יעדעס האַרץ וויל זיך צעשפּרייטן,
וויל זיך מערן און פאַרמערן,
און אין רויך פון די באַגערן,
ווערסט פאַרבּרענט דו, מלכּה שבת!

(1919)

מיט וויפל טרויער...

מיט וויפל טרויער קוקן פרויען אויגן
אויף זייערע רייצנדע און רונדע גלידער
אַ פוילער נעפּל שטענדיק איז פאַרצויגן,

ניט איינמאָל גייסט אַוועק פון זיי אַ מידער,
דאָך איידער ס׳שלאָגן דיינע לעצטע שטונדן
נישט איינמאָל וועסטו זיין בּיי זיי נאָך ווידער.

דו ביזט צו זיי אויף אייביק צוגעבּונדן,
ווייל אומפאַרגענגליך, אייביק איז דער טרויער,
און ס׳איז דיין בּלוט מיט בּענקשאַפט אָנגעצונדן.

און אָפטמאָל לייכטן אין דיין וועלט דער גרויער,
פון צוגעזאָגטן לאַנד די ווייטע זונען
און ס׳איז די פרוי צו יענעם לאַנד דער טויער —

אַז וויל איז דעם, וואָס האָט דעם וועג געפונען.

פאַראַנען ווערטער...

פאַראַנען ווערטער, ווונדערבּאַרע, דינע,
קוים זאָגסטו זיי, ווערט לייכטער דיין געמיט.
זיי זאָגן אָבער זאָגסטו קיינמאָל ניט,

אַמאָל נאַר, ווען דו הערסט אַלײן ניט דײַנע רייד,
דיר פאַלן זיי גלייכגילטיק פונם מויל.
דו ווייסט אַפילו ניט דערפון: ערשט שפּעט נאָכדעם
דערזעסטו, אַז מיט דיר איז ווונדערבאַרס געשען:
דו רעדסט אַזוינע רייד, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט געהערט,
דו זעסט אַזוינס, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט געזען,
און אַלץ, צו וואָס רירסט זיך צו, איז
פרייד און פרייד —
אַ, ווערטער ווונדערבאַרע, דײַנע.
(1916)

א. לוצקי / וואַסערן

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט —
אימפּעטיקע,
קרעפּטיקע.

— — — — — — — —

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט
און זוכן,
לויפן מיט זון,
מיט לבנה,
מיט פינצטערניש
און שרייען

— — — — — — — —

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט —
און לאַכן,
קאָכן און קייכן מיט שוימיקן שניי,
קוואַלן און קוועלן מיט זילבערנע כמאַרעס,
טאַנצן און באַשפּריצן זיך מיט טוי,
אַ שפּריץ אויף אַ שטריך און אַ כאַפּ,
אַ כאַפּ און אַ טאַנץ און אַ זיד,

אַ זיד און אַ זינג און אַ זאָג,
אַ זאָג און אַ זינג און אַ יאָג
אַ יאָג און אַ פאַל און אַ הויב
אַ הויב און אַ פאַל אין פאָרויס
אַ שפרונג און אַריין אין געדריי.

— — — — — — — —

לויפן און ווערן ניט מיד
דערציילן — און דערציילן ניט דעם סוף
רוען ? — ניטאָ ביי וואָס צו רוען,
בלייבן ? — ניטאָ ביי וואָס צו בלייבן.
אומעטום איז דאָ,
יעדער דאָ איז — דאָרט
יעדער דאָרט — איז ווייטער.

אַ שטיין

אַ שטיין אין פעלד.

אַ גרויסער פעסימיסט.
אַ שווערער פילאָזאָף.

נישט פאַר זיך — און נישט פאַר יענעם.
נישט פאַר אַלעם — נישט פאַר איינעם —
קיינעם.

זיך אַוועקגעלייגט און ליגט.
איינגעקנאָטן זיך און דריקט.

ליגט אַ הוילער, אָן אַ העמד,
און נישט ער גיט און נישט ער נעמט.

ער נעמט נישט איין קיין ברויזל שניי.
ער טרינקט נישט אויס קיין טראָפן טוי —
אַזוי.

אַ שטורעם בוכטשעט אים אין פלייצע —
בוכטשע.
אַ רעגן פליאַסקעט אים אין פנים —
פליאַסקע.
אַ האָגל שפּרינגט אים אויפן שטערן —
שפּרינג.

אַ שטיין.

נישט באַרוישט אין פריל'ינג
נישט אַנטוישט אין האַרבסט.

אַלעמאָל אַלצאיין.
מיט אַלעמען — אַליין,
נישט צו בליען — נישט פאַרגיין.
ער ענדערט נישט זיין מיין.
איינמאָל ניין איז ניין.

שטיין, וואָס טוסטו דאָ?
— איך רו.
ביז וואַנען ועסטו רוען?
— ביזן סוף פון אַלע שעהן.
נו, און שפּעטער?
— פרעג אין הימל ביי די געטער.

שטיין!
טו זיך כאָטש אַ שאָקל!
כאָטש אַמאָל אַ וואַקל!
— ניין.
אַלץ וועט ווערן שטיין
אין ענדלעכן סך הכל.
* * *

אויפן פעלד דערנעבן —
שאָקלט זיך אַ גראָזעלע,
מיט יעדן בלאָזעלע,
און פרייט זיך מיטן לעבן.
(די וועלט אויפן פעלד)

מלכה לי / רות
(פראַגמענטן)

ב

— — — — — — — — — —
נעמי האָט אויפגעלויכטן ווי אַ פייער זייל,
מיט דאַמף פון ערד האָט געשוימט איר קול:
— די ערד, אַ הונגעריקע, האָט מאַן און זין פאַרשלונגען.
וועל איך מיין קול פאַר הימלען אָפענע צעקלינגען,
אויסשלייפן אַ קלאָג:

טעכטער מיינע!
קערט אייך אום, קערט אייך אום!
עס האָט די בליונג פון מיינע זין
זיך ניט צעשפילט דורך אייערע לייבער;
נעמט אייך זין פון אייער שטאַם,
לאָזט מיין וועג אַליין מיך גיין.
דער טוי וועט פול ווערען פון מיין פיין,
דער בוים וועט מיך איינהילן אין שלאָף
אין די ווייכע בלעטער פון זיין גוף;
הינטער מיר וועט אויפשלאָגן די ערד
אין פרוכטבאַרקייט, אין בלי,
ווי דורך פרעה׳ס חלום, די זיבן פעטע קי,
און ווי אַ לויכטנדיקער פיש

וואָס לויכט דורך בלינדקייט אין זיין שווים,
וועל איך פאַרשווענקט ווערן דורך אייביקייט
צוריק צו מאַן און זין...

ג׳.

— — — — — — — — —

ערפה, נאָכן רוף פון איר יונגן לייב
אין נאָכגעגאַנגען איר שוויגערס רייד;
רות, ווי אַ לייבין לעבן אַ מאַמע־לייב
איז מיטגעגאַנגען מיט נעמי׳ן זייט ביי זייט...

ד׳.

— — — — — — — — —

רות הינטער שניטער, פון הונגער געטריבן,
האָט גערשטן פון בועז׳ס פעלדער געקליבן...

בועז מיט רויטער באָרד איז אין פעלד אַרויס
רות האָט געקליבן גערשטן אין איר שויס...

הענט האָבן געבונדן גערשטן אין גאַרבן,
ערד האָט געקושט אירע טריט מיט קאָרבן...

אין בועז׳ס אויגן אַ שוואַרצקייט געטוקט —
אַ פרויען גוף אין שוואַרצאַפּלן בוקט...

רות, אַ ווייבעדיקע ווערבע צו ערד געבויגן —
בועז ווי אַ קוואַל האָט געטרונקען אירע אויגן...

געבענטשט איר טואונג, געבענטשט איר קומען!
איר צער, דורך איר יעדן בויג פאַרנומען...

סערפּן ווי פייער פויגלען, אין שווונג צעשוועמען,
איבער קעפּ געבויגענע צעפליגלט רות׳ס נאָמען...

ווי פאַר אַ גאָטעסדינסט האָט שטילקייט געגידערט,
אַלעמען אויף גאָלדענעם פעלד פאַרברידערט...

ה׳

שטילערהייט איז רות געקומען
בועז׳ס געלעגער ביים שייער פאַרנומען...

איר לייב, מיט פולקייט ווי זאַנג פאַרן שניט —
מיט צייטיקן גערשטן איר אָטעם צעבליט...

אירע ציין — שמעקנדע מאַנדלען אויסגעשיילט,
מיט נעגל, וואַסער־בלויע שטיינדלעך געפיילט...

בועז האָט לויכטנדיק צום שייער גענענט —
איבער זיין קאָפּ לבנה צעהעלט...

מיט געזונטע און ערדישע טריט,
מיט שלאָף און מיט וויין אין יעדן גליד...

הימל האָט מיט אָפענע אויגן געדרימלט —
רות דורכזיכטיק מיט שטערן צעבלימלט...

די גאַרבן ווי געבונדענע מיידלעך פאַרקלעמט,
מיט זילבערנע האָר פון לבנה צעקעמט...

רות מיט נאַכט און לבנה אין העמד
האָט צופוסנס זיין געלעגער גענענט...

שאַקאַלן האָבן אין שטילקייט געקלאָגט —
און די שטילקייט האָט אַזוי געזאָגט...

ו׳

— — — — — — — — — —

מיין לייב איז חורבן —
אָטעמט אַלע ווינטן!
בין מיט טויט פאַרבונדן...

לייז אויס מיין שטאַם,
וואָס האָט פון אייגענער ערד
זיך אָפּגעקערט...

לייז מיך אויס, בועז!
מיינע אויגן דורכנעווייקט מיט נאַכט.
מיד מיין גוף ווי פון אַ שלאַכט...

ז.

— — — — — — — — —

עס איז די נאַכט פול און שכור׳דיק,
ווי אַ בעט פון זייד מיט שטערן אויסגעשטיקט.
לייז זיך אויף אין מיר כשופדיק —
ווי דאָס געזאַנג פון ליכט,
וואָס לייזט זיך אויף באַגינען...

ווי נר־תמיד׳ן צינדן מיינע ווערצלעך,
הינטער זיי מיין ליבשאַפט — שלאָגנדיקע קוואַלן
גיסן איבער זיך צו דיר אין שוימענדיקע וואַלן;
הויל געזאַנג אין מיר פאַראַן —
זינג אַרויס דורך מיר, מאַן!

ט.

— — — — — — — — —

פאַרהייליקט זאָל ווערן געלעגער דאָ ביים שייער,
אלמנות איינזאַמע זאָלן איינשלאָפן אין פריד,
זאָל דאָס שטערן ליכט פאַר כלות אויסוועבן אַ שלייער,
פול לבנהדיק אָנגעגאָסן יעדער גליד...

זאָל די נאַכט צעבלאָזן אָטעם מיינעם איבער וועלט,
אַ וויג זאָל ווערן יעדער טייך —
עקרות מיט דער בענקשאַפט פון צעוויגטע הענט,
מיט טראָגשאַפט אויפגיין זאָל דער טאָג אין אייך...

זאָל מיין תפילה אויפגיין ווי דער נעפל אינם טאָל
מיט דער וואַרעמקייט פון לייב וואָס שוימט אַרויף.
פאַרשמעלצן מיט פאַרזעסענע און עלנטע מיין קול —
צו אייך! ווי דער נעפל פונם טאָל גיי איך אויף!

י.

ווען גריגע בערג האָבן אין בלויקייט זיך געוועקט,
האָט טאָג זיי אויפגעדעקט.
דאָס ליכט פון שטערן — אין זייער לייב פאַרקלעמט
זיי אויסגעלאָשן אײנציקווייז איבער וועלט...

זון האָט לבנה-פנים ווי אַ מאַראַנץ אָפּגעשיילט,
איר ליכט אויסגעזויגן — דער וועלט עס צעטיילט...
דער טוי האָט ווי גרויע שאָף אויף בערג געשפּאַנט —
זינד און ליבשאַפט האָט אין מזרח אויפגעפלאַמט...

י״ב.

געגאַנגען איז רות אַזוי מיד,
אין די טריט פאַרפלאָנטערט אַ ליד...

צו ווּעמען איז רות איצט אַ ווייב ?
פוןביידן צעשייד איר לייב...

צו וועמען געהערן די הענט ?
זשאַר פון נאַכט אין זיי ברענט...

צו וועמען געהערן די פיס ?
געשאָנקען צו אַ נאַכטיקן ריז...

צו וועמען געהערן די צעפּ ?
צעהאַנגען אין טרויער ווי קרעפּ...

ווי אַ פויגל מיט דער פייל ווען ער פאַלט
וועט זי פאַלן פאַר נעמי׳ס געשטאַלט...

זיך שפּרייטן ווי אַ שאָטן אויף דער ערד —
זאָל זיין וואָס איר איז באַשערט...

י״ג.

זיין דער ווינט — אָן אַ פּנים
קרייזן זיך דורך ווינקלען פּירי

זיין די פרוכטבאַרקייט, דער זאָמען,
זיין אייביקייט — דורך איין באַריר...

זיין דער רויש פון נאַכט אין וועלדער,
זיין דער אורשפרונג — זיין דער שטאַם.

זיין דער בליץ אויף שוואַרצע פעלדער;
זיין דער שייטער — זיין דער פלאַם!

זיין דער האָניק — דער גיפט פון בינען,
זיין דער שווונג, און אָן אַ זין
ווי אַ שטראַל פאַרלירן זיך — געפינען
און מער נישט וויסן ווער איך בין...

זאָל דורך אויגן מיינע, זון אויפגיין,
זיין דער וואָלקן צעשפּילט און רויט —
און אינם אויסגעשריי פון פאַרגיין —
זיין דער קוש פון טויט...

י"ד.

אוי, אויסגעקויפט מיין לייב!
פאַר גאָט און פאַר לייט
האָסט גענומען מיך פאַר אַ ווייב...

מיט דיין קול ווי מיט אַ פלייט
האָסטו צעשיקט דיין פרייד —
האָסטו גענומען מיך פאַר אַ ווייב...

האָט טויט מיך שוין באַפרייט? —
אָדער, ווער ס'האָט לייב מיט מאַן געטיילט
קאָן קיינמאָל מער ניט זיין באַפרייט?

איך האָב צעריסן יענע קייט,
זיין ליבשאַפט אין דיר פאַרזייט,
ווייל — האָסט גענומען מיך פאַר אַ ווייב...

אוי, טויט איז טויט.
דאָס לעבן זינגט צעבלויט,
אויף טויט ווערט לעבן אויפגעבויט...

ביים שייער אַלע פעדים אויסגעשפּינט
שענק מיר אַ קינד, פון דער נאַכט אַ קינד —
זאָל ניט יאָמערן דורך מיר די זינד!

אוי, דער דור דורך אונז פאַרזייט
וועט אויסזינגען דעם צער, די פרייד —
ווייל — האָסט גענומען מיך פאַר אַ ווייב...

(געזאַנגען)

ה. לייוויק / ערגעץ ווייט

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע,
זילבריק בלאָען די בערג
נאָך פון קיינעם באַטראָטענע;
ערגעץ טיף, ערגעץ טיף,
אין דער ערד איינגעקנאָטענע,
וואַרטן אוצרות אויף אונז,
וואַרטן אוצרות פאַרשאָטענע.

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט אַליין אַ געפאַנגענער,
אויף זיין קאָפּ שטאַרבט דער שיין
פון דער זון דער פאַרגאַנגענער;
ערגעץ וואָגלט ווער אום
טיף אין שניי אַ פאַרשאָטענער,
און געפינט ניט קיין וועג
צו דער לאַנד דער פאַרבאָטענער...

לייג דיין קאָפּ...

לייג דיין קאָפּ אויף מײַנע קני,
גוט אַזוי צו ליגן,
קינדער שלאָפן איין אַליין,
גרויסע דאַרף מען וויגן.

קינדער האָבן שפּילעכלעך,
שפּילן ווען זיי ווילן;
גרויסע שפּילן נאָר מיט זיך,
מוזן אייביק שפּילן.

האָב ניט מורא, איך בין דאָ,
וועל דיך ניט פאַרשטויסן, —
האָסט געגוג געוויינט שוין הײַנט,
ווי עס פּאַסט אַ גרויסן.

אָנגעוויינט און אָנגעקלאָגט,
איך וועל דיך פאַרוויגן;
לייג דיין קאָפּ אויף מײַנע קני, —
גוט אַזוי צו ליגן...

(הינטערן שלאָס)

דער עפּלבוים דערציילט

איך האָב הײַנטיקן פרילינג נישט געבליט,
אַ לאַנגער ווינטער האָט מיך געמאַטערט;
די שוואַרצע סימנים פון פרוכטיקן צוויט
האָט פראָסטיקע נאַכט אין מאַי צעפּטרט.

אַליין בין איך שוין מיט יאָרן זאַט,
מײַן עפּל איז אַלעמאָל זוניק, ווייניק;
און אָט דאַרף איך גלאָמפּן מיט פּוסטן בלאַט,
און זאָגן: — דער ווינטער האָט מיך פאַרפייניקט.

דער זומער איז שוין אין פולן גאַנג,
אַלץ גייט צו רייפקייט שטיל־געדולדיק;
מיט אייפערזוכט קוק איך אויף מינדסטער זאַנג,
און פיל זיך פאַרשעמט, און פיל זיך שולדיק.

עס וועלן באַלד קומען סוף־זומער־טעג
פון קלייבן, פון שניידן, פון גראָבן,
מען וועט טראָגן געלאָדענע פולע זעק,
און איך וועל אין זיי קיין טייל ניט האָבן.

סוף־זומער־טעג, סעפטעמבער צייט, —
איך דערמאָן עס מיט פאָרכט באַזונדער,
ווען וואָגיקערהייט מיין קלענסטער צווייג
פלעגט זיך בויגן אַרונטער, אַרונטער.

פון אַלע פריידן, וואָס זענען דאָ,
איז די טיפסטע — זינקען געלאָדן
אין טיפער נאַכט, אין פאַרטאָגיקער שעה,
מיט אַ צווייג אָנרירן דעם באָדן.

און פון אַלץ וואָס זיס — איז מער נאָך זיס
דער פיבער אין אַלע גלידער,
ווען אַן עפּל גרייט זיך צו געבן אַ ריס,
און אינגאַנצן אַ פאַל טאָן אַנידער.

דאָס גרייטן זיך דערנאָך — די טאַט:
אַ פאַל, אַ זונק ווי אין תהומען, —
אַדיע־געשריי דורך צווייג, דורך בלאַט, —
אַ הילך איבער אַלע רוימען.

דערנאָך די שטילקייט, וואָס שטייט אָן, — — —
אָ, פיין, אָ, גליק פון געדענקען! — — —

מיין ליבער עפּל, וואָס וועסטו טאָן
ביים ערשטן אויסברוך פון בענקען?

צי וועסטו געפינען אַ נאָענטן פריינט
אין תהום פון פאַרטאָגיקע גראָזן? —
אָ, ליבער עפּל, איך ציטער נאָך היינט
צו זיין פון דיר פאַרלאָזן.

איך רעד די רייד, אַזוי ווי עס וואָלט
פּאַסירט אַלץ היינט באַגינען,
און ווען אָוונט קומט — אין אָוונט גאָלד
ווי כ'וואָלט ווען טרייסט געפינען. —

נאָר: — טרייסט זיך נישט! אַזוי אַליין
איך נעם מיין הויט פון זיך שינדן,
איך פליק פון זיך מיין בלעטער קרוין
און וואַרף זי אויף אַלע ווינטן.

און פּלוצלונג בלייב איך שטיל. איך הער
אַ קול איבער ערד צעגרינטער:
— זיי גרייט, זיי גרייט, זיי גרייט אויף מער,
זיי גרייט אויף אַ נייעם ווינטער.

פון אומבאַרמיידלעכקייט דער קול
מישט אויף זיך מיט אָוונט־שטראַלן, —
ווי גאָלדענע עפּל וואָלטן מיט אַמאָל
פון אַלע הימלען נעמען פאַלן.

עס גיט אַ הילך די גאַנצע ערד, —
געוויין, געזאַנג און תפילה. —
געזעגענונג. און טונקעלער ווערט,
און שטילער, שטילער, שטילער.

(לידער פון גן־עדן)

שלאָף, שלאָף

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער פאַסטיך פאַריאָגט האָט זיין שאָף,
דער פאָטער פאַרלאָזט האָט זיין קינד,
געלאָזט אין דער פרעמד אויפן ווינט.

וואָס טוט מען: ס'איז קיינער ניטאָ?
איך וויג דיך אַ שעה נאָך אַ שעה,
איך צי אַלץ פון וויגל די שטריק
אַהער און אַהין און צוריק.

לו, לו, לו,
דער ווינט קען ניט שלאָפן ווי דו:
עס בלאָנדזשען אום פרירענדע וועלף,
און עמעץ בעט רחמים זיך: העלף...

וואָס טוט מען: אַז עמעצער שרייט?
ער שרייט און הערט אויף מיט דער צייט,
די צייט איז אַ רגע צי צוויי —
פאַריאָגט האָט דער ווינט דעם געשריי...

וואָס טוט מען: ס'איז קיינער ניטאָ?
איך וויג דיך אַ שעה נאָך אַ שעה,
אַזוי ווי אויף אַלץ קומט אַ סוף
וועט קומען אויף אונז אויך אַ שלאָף...

(הינטערן שלאָס)

אין אומרו

אין אומרו הייַנט איז אויפגעשטאַנען דער באַגינען,
דער האַלבער טאָג איז קוים צום אָוונט צוגעקראָכן
די אויגן זייַנע האָבן ווי צערייצטע בינען
דאָס האַרץ פון אַלע זאַכן דורכגעשטאָכן.

דער אָוונט האָט גענומען זיך אײַנגאַנצן שפּאַלטן,
אויף שטיקער האָט דער אָוונט זיך צעשפּאָלטן,
דער מזרח האָט געפּיבערט אין שוואַרץ־וואָלקן,
דער מערב — אין אַ פּײַערדיקן קאָלטן.

האָט אויך דאָס טאַמע מיט פון הימל זיך צעריסן
און בליצן האָבן זיך געדרייט אויף שווינדל־שרויפן,
אין תהום פון ריס אַ האַנט האָט זיך באַוויזן,
אַ האַנט אָן פינגער — אַ פאַרקלעמטער הויפן.

די האַנט אָן פינגער האָט געדראָט, געוווּנקען
און איז געוואָרן דינער, דינער, בלאָ־געפראָרן,
אין ווען דער מערב איז אין פינצטערניש געזונקען
האָט זיך די האַנט צעשפּיציקט ווי אַ האָרן.

און דעמאָלט, האָט אַ קול גענומען זינגען
דאָס ליד פון בערג, וואָס שפּאַנען איבער גריבער,
דאָס ליד פון פיס, וואָס היפּערן און שפּרינגען
מיט שנורונג פון איינעם, ווען זעל איז פיבער.

געזאַנג איז פיבער, שפּרייט אַריבער, שפּאַן אַריבער
אַלע וועלטן — אַלע ברייט, ווי די אַלטע —
געזאַנג איז פיבער, זינג אַריבער, זינג אַריבער,
ווען די וועלטן שווייגן פינצטערע און קאַלטע.

די באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום

(פראַגמענט)

נישט יעזוס שטאַרבט עס צוגעקלאַפּט צום צלם,
נישט משה — אויפן שוועל פון כנען־לאַנד,
נאָר נתן ניומאַן, — הערט, איך וויל דערציילן,
אויף אַ פּראָסטן בעטל ביי אַ פּראָסטער וואַנט.

דערציילן איז אין אמתן נישטאָ וואָס, —
ווען יעדנס לעבן הייליק וואָלט געווען
ביים צווייטן מענטש, — וואָלט אויך דער מלאך המות
אין יעדנס לעבן הייליקייט געזען.

נאָר ווער האַלט הייליק היינט דעם מענטשנס לעבן,
דער צער פון בלוט, פון גלידער און פון הויט? —
ווי קאָן מען, אין לעגענדע היינט פאַרוועבן
אַן אומבאַקאַנטנס איינעמס גלאַט אַ טויט? —

אַ טויט פון איינעם נישט קיין העלד, קיין גואל.
אַ טויט פון איינעם גלאַט אַ מענטש אַזוי,
וואָס ליגט נישט אין קיין צוגעדעקטן אוהל,
נאָר אויף אַ קרקע אונטער דענוווער שניי.

איך זאָג: מען האַלט נישט היינט דאָס לעבן הייליק,
ס'איז ערגער נאָך; — מען טרעט עס מיט די פיס;
איעדער, ווער עס קאָן, טראָגט צו זיין חלק, —
און ווער האָט נישט קיין פיס, קיין ביקס, קיין שפּיז?

פונדעסטוועגן, מיין האַרץ, נישט הער אויף גלויבן, —
און זאָל אין גלויבן אויפגיין אויף מיין ליד, —
אַז דער, וואָס איז אין אמתן דערהויבן,
פאַלט כורעים פאַר אַ יעדנס מינדסטן גליד.

ער ציילט מיט שרעק דעם צווייטנס פיבער פולסן,
און מעסט זיין היץ, און קושט זיין קראַנקן שלייף,
און פאַלט אַליין אַריין אין טויט-קאָנוולסן,
ווען זייגער-ווייזערל צעיאָגט זיך אין געלויף.

דאָס ווייזערל פון זייגער נעמט דאַן קלאַפּן
מיט דונער פון אַ טעטיקן ווולקאַן;
אַ קליינער טרער — מען קאָן זי קוים פאַרכאַפּן —
צעטראָגט זיך מיט געברויז פון אָקעאַן.

וואָס זענען קלעפּ פון פויקן און קאַנאָנען
אַנטקעגן אָפּקלאַנג פון צוויי מידע הענט? —
און פלאַטער-בלענד פון ווייענדיקע פאָנען
אַנטקעגן אויפציטער פון קאָלנערל פון העמד?

(לידער פון גן־עדן)

אַבעלאַר און העלואיז

(פראַגמענטן פון אַ דראַמאַטישער פּאָעמע)

העלואיז

דורך אַלע קאַלטע ווענט האָב איך גערופן
די פייערדיקע כוחות פון דער וועלט, זיי זאָלן קומען
באַהעפטן זיך אין דיר אַבעלאַר, —
און זאָלן העלפן טראָגן דיר דיין אויסדערוויילטקייט. —
און מיין הילף האָב איך דיר געשיקט איינגאַנצן,
איך האָב די פולקייט פון מיין ברוסט פאַרמאָגערט:
כדי עס זאָל מיך קיינער נישט באַגערן,
און קיינער זאָל נישט וועלן מיך באַרירן;
כ'האָב אָפּגעשניטן מיינע לאַנגע האָר,
און מיטן זעלבן מעסער, רויק און געדולדיק,
געשניטן מיינע יאָרן, ווי מען שניידט אָפּ זאַנגען;
די זאַנגען בינדט מען אויף אין גאַרבן, —
אַזוי האָב איך צונויפגעבונדן מיינע יאָרן
אין פולע גאַרבן, און געבראַכט זיי איצט צו דיר
אויף מיינע אַקסלען אָנגעלאָדענערהייט,
דו זאָלסט זיי אויסשפרייטן אויף דיין געלעגער,
און ווייכער מאַכן דיין געמיין בעט. —
אָ, נעם, אַבעלאַר, לייג אויס די גאַרבן,
און איך וועל שטיין אין ווינקל און וועל קוקן, —
אַ שטומער וואַנדערער, וואָס שטייט ביים זייט.

— — — — — — — — — —

אַבעלאַר

מיין וווּנדער־גאַסט, מיין זעלטענער, —
ווי טרייסטפול דיינע ווערטער גייען אויף. —
דיין ווילן איז פאַר מיר — געבאָט,
דיין ליבשאַפט איז פאַר מיר — געוויסן,
געוויסן און נבואה וועגן וועלט און מענטש:

אַ מענטש אַ נייער אַ גערעכטערער זאָל קומען.
און מיר זענען די טרעפ פאַר זיינע פיס.
מיר טראָגן אויס פאַר אים דעם גאַנצן טרויער,
און שווייגן אויס פאַר אים די גאַנצע שטילקייט,
און וויינען אַלע טרערן פאַר אים אויס,
און לייטערן דאָס גאַנצע רחמים אויס פאַר אים. — —
מיין טייערע, די זון הייבט אָן אַרונטערגיין,
און איבער אונז צוויי פייערדיקע ווערטער:
סך הכל.
אַלץ גייט צום אָפּשלוס, העלוואיז.
די שטראַלנדיקע פינגער פון באַשאַפער
פאַרלייגן זיך צום בענטשן אויף דער וועלטס געזיכט,
אויך דו, די פינגער דיינע לייג אַרויף אויף מיר
און בענטש מיך. — —

(אַבעלאַר און העלוואיז)

ייִנגל

נאַכט און פייער־פליגן.
אַ פאַרדרייטער שליאַך;
כ׳זוך פאַר זיי אַ ניגון,
כ׳זוך פאַר זיי אַ שפּראַך.

אַלע ווערטער גאַפן
ביי דעם מינדסטן זאָג;
וועלט איז ערשט באַשאַפן,
וועלט איז אַלט איין טאָג.

אויסהילך פון אַ שטורעם,
מילכוועג דרייט זיך קרום,
ריח פון גאָטס פורעם
טראָגט זיך נאָך אַרום.

ערשט אַרויס פון תהומען
צו אַ זין, אַ ציל,
אַלץ איז נאָך אָן נאָמען,
שמייכל, סוד און שפּיל.

לבנה — שפּילצייג־קלינגל —
ווייזט זיך און פאַרשווינדט;
גאָט אַליין — אַ ייִנגל,
שפּילט זיך ווי אַ קינד.

קומט מיר אויס משונה,
פּלוצלינג, ווען מיין קאָפּ
טיף ווי אין אַ ברונען,
לבנה שפּיגלט אָפּ.

שטיי איך, גאַף צעשראָקן
זע ווי קומט אַהער
גרויער קאָפּ פון זקן
אויף אַ יונגער ערד?

נאַכט און פייער פליגן,
אַ פאַרדרייטער שליאַך;
אָט גייט אויף דער ניגון,
האָרך, זיי וואַך, זיי וואַך.

אַ העלער באַגינען

אַ העלער באַגינען איבער מיר ליגט פאַרשפּרייט; —
עפן זיך פאַנאַנדער, ערד,
זיי געגרייט פאַר מיר,
ווי איך בין פאַר דיר געגרייט;
לייטער אויס דיינע שטויבן פאַר מיר,
ווי איך האָב אויסגעלייטערט פאַר דיר מיינע גלידער.

זע, ערד,
אָט לייג איך זיך אויף דיר אַנידער:
מיינע אַלע פאַרלאַנגען זענען מקוים געוואָרן,
מיינע אַלע געבעטן זענען געוואָרן דערהערט.
און אַלע מיינע זינד און אַלע פאַרברעכנס
האָב איך אָפן פאַר דער וועלט ווי אין ווידוי אויסגערעכנט.

צו וועמען מיין גוף געהערט,
געהערן אויך הימל און ערד,
און אויך אָט דאָס שטיקל פּאַפּיר,
וואָס איך ריר אָן, קאָן זיין מיט אַ לעצטן באַריר.
הימל און ערד זענען גרויס.
אָבער דאָס שטיקל פּאַפּיר איז גרעסער,
און ס׳וואָרט אויפן שטיקל פּאַפּיר — נאָך גרעסער.

כ׳וועל אָפּזינגען דאָס לעצטע וואָרט —
אַזוי האָב איך נישט איינמאָל צו זיך געזאָגט:
אָבער וואָרהאַפטיק, זע — דאָס לעצטע וואָרט
ווי אַ קוואַל, ווי אַן ערשט־געעפנטער שלאָגט,
און וואָרהאַפטיק, זע — דאָס לעצטע וואָרט
אין קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט לעצט:
איך ליג ווי אויף אַן אָפּענעם פעלד
אויף אַ האַרבסטיקער בעט פון דער וועלט,
און פון דער ערד מיט אַ טוי ווי אַן אָטעם זעצט,
און איך וואַרט מיין פריינט אויף דיר,
איך וואַרט אויף דיר, דו זאָלסט קומען: —
יאָ, וואָרהאַפטיק, זע — דאָס לעצטע וואָרט, —
איז קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט לעצט, —
קום אָן פון מזרח,
קום אָן פון מערב,

קום אָן פון דרום,
קום אָן פון צפון, —
פון וואָס פאַר אַ זייט נאָר דו ווילסט, — קום אָן,
ווייל אַלע פיר זייטן פון וועלט זענען אָפן.
(לידער פון גן־עדן)

קלמן ליס / דריי טראָפּעלעך טוי

איבער אַ וואַלד פאַרלבנהט מאַט
טראָפּעלעך דריי אויף אַ זילבערנער בלאַט,
טראָפּעלעך דריי אויף אַ ווייכן געבעט
האָבן אַזוי צווישן זיך שטיל צערעדט:
„ווער צווישן אונז איז דאָס שענסטע אַליין,
אַז ס׳איז אויף דער וועלט גאָר קיין גלייכן נישט מיין?"

„— איך, האָט דאָס ערשט געטענהט, איך שטאַם
אַליין פון דעם וואונדערלעך־כוואַליקן ים,
ס׳האָט אויף מיין שיינקייט אַ ווינט זיך דערקענט,
האָט ער אַ הויב מיר געטון אויף די הענט
און מיך פאַרטראָגן אַהער אָט־אַ־דאָ.
איז דען אַ גלייכן צו מיר ערגעץ דאָ?"

„— איך, — האָט דאָס צווייטע געפליסטערט אַזוי,
כ׳בין דאָך די איינציקע טרייסט פון אַ פרוי,
אַ מאַמע, וואָס האָט מיך געלאָזן פון בליק,
ווען ס׳האָט נאָך פאַרלאָזענעם מאַן איר, דאָס גליק
דאָס איינציקע אויג אינם קאָפּ איר, דאָס קינד
פאַרשניטן דער טויט אַזוי רצחותדיק בלינד,
אַ קינד מיט אַ קעפּעלע לאָקן ווי לען,
מיט אויגן צוויי ליכטיקע שטערנס צעברענט...
נו, בין איך געקומען קאָן זיין יאָ, ווער ווייסט

פאַר מאַמעס פאַרביטערטן האַרץ, ווי אַ טרייסט,
איך, טרערעלע טיף פון ברילִיאַנטענעם דנאָ,
איז דען אַ גלייכן צו מיר ערגעץ דאָ?״

דאָס דריטע ט׳געשוויגן, נאָר טראָפּעלעך צוויי
האָבן געמונטערט: „נו, שעם זיך נישט, גיי
ט׳האָסטו, מיט אונז אויף דער זילבערנער בלאַט
און שעמט זיך דערציילן גאָר, אָט אַזוי גלאַט!״
און ביסלעך, צוביסעלעך ס׳דריטע פון ריי
האָט אַזוי שטיל אויסגעשטאַמלט אַזוי:
„איך?! עט, מיין אָפּשטאַם איז פשוט און סתם,
כ׳בין נישט אַ קינד פונם פרעכטיקן ים,
אויך נישט אַ טרער — אין דער נויט אַזאַ טרייסט.
גאָר אַזוי פשוט אַ טראָפּעלע שווייס,
בין איך געקומען צוגיין אויף דער ליכט
טאַקע אָט דאָ אויף אַ פויערס געזיכט.
אַ פויער אין לאַכעס, אַ קאָרענער מאַן,
נישט ווייט פון אַ דערפל דאָרט איבער אַ לאַן,
געקומען אין וואַלד מיט אַ קלייד ווי אַ זאַק,
נישט מער ווי אַ פלעשל מיט וואַסער, אַ האַק
און הענט נישט געוווינטע צו בעטלענען ברויט,
געקומען צוגיין, ווען אויף טאָג האָט פאַרגרויט,
אַ שפּיי אין דער דלאָניע, פאַרשניטן די שאַרף,
אַ צי און אַ קנאַק אָט אַזוי ווי מען דאַרף,
נ׳אַז ס׳איז שוין די האַק טיף פאַרגאַנגען אין מיט,
האָט אויף זיין פּנים דער שווייס זיך צעבליט
מיט דריבנעטשקע טרערעלעך פייכטינקן טוי,
ווי מיר זיך אין דרייאיטשקן דאָ אָט אַזוי,
אַ טייל מיט דער פּאָלע אַליין אָפּגעווישט,
אַ טייל אויסגעפּאַרעט, אין לופט אויסגעמישט,
און איך, ווי איר זעט, אָפּגעזעצט זיך אַראָפּ,

נישט מער, ווי מיט נאַכטיקער ראָסע אַ טראָפּ,
אַ טראָפּעלע שווייס פון פאַרהאָרוועט געזיכט,
וואָס פינקלט זיך סתם אין לבנהדיקן ליכט..."
אַזוי האָט דאָס דריטע פאַרענדיקט דאָס וואָרט
אין שיין פון לבנה — דער זילבערנער קוואָרט,
וואָס האָט אַלץ מיט זילבער געטריפט אָן אַן עק
אויף בוים און אויף בלאַט און אויף לאַן און אויף וועג,
אַזוי ביז די גרינינקע שטערנדלעך זאַכט
האָבן די אייגלעך אין דרימל פאַרמאַכט,
פאַרגאַנגען אין בלייכינקן, בלאַסינקן שלאָף
העט, העט איבער שפיציקן, וואַלדישן קאָפּ...

(פאַר קינד און קייט)

אַ. לעיעלעס / מיינע לידער

1.

מיינע לידער קאַלטע זענען,
און פון זיי מיט ווייטקייט בלאָזט.
האָט קיינער ניט געהערט פון קאַלטן ברענען,
ניט געלעקט דעם פלאַם פון פראָסט?
מיינע לידער האַרטע זענען,
שטייפער, פעלזיקער מאַרשרוט.
קאָן קיינער ניט אין האַרטן פעלז דערקענען
קיל־פאַרטאַיעט לאַווע־בלוט?

2.

כ'בין ווייט. אַן אומגעצאַמטע לאַנדשאַפט,
אַריבער ווייטסטן ברעג פון האָריזאָנט,
פאַרפלייצט די שטימען פון פאַרוואַנטשאַפט,
און רייסט צו זיך דורך צאַם, וואָס היימיש מאָנט.

אונ פראָסט, און פעלז, און האַרטקייט גאָרע,
זיי זענען דאָ נאָר דאָרט, ווו גליאיק ליכט
האָט וואָר געבייטשט מיט ריטער קלאָרע
און זיך אַליין פאַרהוילן — שיכט אויף שיכט.

איך נאַר זיך ניט מיט קיינעמס ליבע,
און איך אַליין — קיין סאַרווער פון געפיל.
בין מוחל ס'טרינק־געלט, טרערן, פיבער —
פאַרדינט ניט ס'גאַנצע, מענטש־און־לעבן־שפיל.

דער האַס איז שטאַרקער ווי די פריינדשאַפט,
און ס'ביסל גוטסקייט — עט, אַ הינדל פליט.
און אויב איך סם זיך ניט מיט פיינטשאַפט,
איז נאָר ווייל מיטלייד ביי דער פאָלע ציט.

צו זיך, צו אַלעמען, צו יענע,
וואָס גליקלעך — און צו אומגליקלעכע אויך.
צום פגר און צו דער היענע,
צום קאָפ, צום האַרץ, צום רירנד־טעמפן בויך.

נאָר מיטלייד, זאָל עס דער צעטרענצלען —
אין ווערטער זילבעדיק אין פונקט צום טאַקט,
ווער ס'קאָן ביים טויטנקאַסטן טענצלען —
ווער אויספוצן דעם ראַנד פון אָפּרוגט וואַנט.

וואָס אַלע ווילן — אַלע קאָ נ ע ן,
און וואָס איך וויל, דאָס קאָן נאָר איך אַליין.
ווער ס'זעט אַ סך און הערט אויף מאָנען —
פאַר אים אַ קלייד פון אייז און קלאַנג פון שטיין.

(1931)

פּאַביוס לינדס טעג

פּאַביוס לינדס טעג גייען אָפּ מיט בלוט
דורכפּאַלן אין רויטע שלענגעלעך ליידיקן אויס די אָדערן.
אין קאָפּ — מוטנע־ווייסע פלעקן, צעטומלעניש.
און דאָס האַרץ איז שווער-באַלאָדן.
ער וואָלט...
ער וואָלט...
גרויע געשפּינען מרה־שחורה —
און דעם זינען, פאַר די אויגן,
און עפּעס אַן אָנגעצויגענער בויגן וואָס צילט
און סאַמע שפּיץ נאָז.
פּאַביוס לינד פאַרטראַכט זיך,
פאַררעד זיך, פאַרלייענט זיך, פאַרציט
פון פאַרלוירעניש
די פעטליע אַרום דעם האַלדז.

פּאַביוס לינד
פאַרוואָס קאָן זיך נישט אָנכאַפּן
פאַר די פּאָלעס פון דער צייט
און מיטגיין אין די רייען פון אַלע מאַרשירער?
פאַרוואָס קאָן ער נישט אַ פאָר טון צוריק צום קינדישן שפּיל־הויף
און ברענגען פון דאָרטן די פייפלעך אויסצופייפן זיך
דאָס ליד פון באַרואונג?
פאַרוואָס איז ער אַזוי גלייכגילטיק ביי אַ לוויה
און אַזוי דענערווירט ביי אַ געבורט?
פאַרוואָס קאָן ער ניט אַ האָפּ טון ביידע הורן — טויט און לעבן,
און לאָזן זיך מיט זיי אין אַ הייליק נאַריש ריקודל?
נאָר וועמען פרעגט דען פּאַביוס לינד?
קיינעם נישט, בלויז זיך אַליין.
און וואָלט ער געקאָנט אויסמוטן אַן ענטפער
וואָלט ער נישט געפרעגט.

פּאַביוס לינד איז אין אָט די טעג פון גראָדע רעלסן
גאָרנישט וואַך.
ער גייט אַרום שעהן, טעג
און חלומט גאָלע נישטאָען.
אַ צייט וואָס איז נישטאָ,
אַ לאַנד וואָס איז נישטאָ,
מענטשן וואָס נישטאָ,
אַ פּאַביוס לינד וואָס נישטאָ.
ער וואָלט...
ער וואָלט...
יאָ, יאָ ער וואָלט!
דער פאַרלאַנג, דער געדאַנק פליט אַוועק אויף אַ נישט-געבעטענעם ווינט
און קומט צוריק ווי אַ קנויל רויך.
דער מוח האָט פּאַביוס לינדן קיינמאָל נישט גוט געדינט.

שוואַרצע מירמלען

פּאַביוס לינד טרעט אויף שטיקער נאַכט,
האַרטע ווי אַספאַלט.
ציענישן, גליענישן פון שטאָט —
אַ סך נאַכט און אַ סך אַליינקייט.
אַ סך טרעפּ אַרויף און אַראָפּ.
אָט זענען גלאַטע געל-גלאַטע פעלזן פון אימפּעט —
די הויכע און גראָדע עשאַפאָטן פון שטיינערנעם שגעון.
וועט ער דערקלעטערן אויף די שוואַרצע מירמלען פון
אָנהימלדיקער נאַכט
ביז דעם העכסטן שפּיץ?
און פון דאָרט
וווהין? אַלצאיינס
ער און נאַכט און פעלז זענען איינס.

(צו דיר — צו מיר)

שלמה מולכו זינגט ערב זיין פאַרברענונג

נאַכט, פאַרוואַנדלערין פון פורעמס,
דו וואָס יאָגסט־אָן ספקות מיט דיינע פינצטערנישן,
און מאַכסט נאָך שלאָפער אַ שוואַך און שלאָף געמיט —
זיי עדות פון מיין אמת היינט.
נאַכט, וועקערין פון פאַרהוילענע שרעקן,
דו, וואָס פאַרגרעסערסט געפאַרן,
און ציסט אַרויס פאַרבאָרגענע ווידויס פון געשפּאָלטענע לעבנס,
לייג צו דיין שוואַרצן זיגל
צו דעם פריידיקן, באַפרייט ווילן
פון מיין ווידוי היינט.

באַלד קומט אָן מיין וואָרסטע שעה.
אַשיקער נישטאָ וועט בלייבן פון מיין שטאָלצן שם.
באַלד וועט ס׳פייער אָפּטאָן פון מיר
דעם פאַלשן קלעם, וואָס האָט מיך גענאַרט מיט זיסקייט.
באַלד וועט קומען דאָס גרויסע שווייגן.

אָ זיסער פון אַלע גלוסטונגען פון לייב
איז מיר געווען די אמונה פון די מחנות:
גואל! פירער!
כ׳האָב מיט תאווה זיך צו זיי געטוליעט,
און געקוואָלן האָט יעדער שפרונג פון בלוט אין מיר:
גואל, פירער, איך!

אַ געזאַנג פון איך האָב איך געזונגען
אין זינדיקער פאַרבאָרגן־שטילער שטיל,
און ווען, ווי זעמדער פיל, האָבן די געטרייע
זיך איינגעזאַמלט אַרום מיר:
ווען כ׳האָב געקליבן ווערטער צו פאָרן מיט זייער שווערער נויט.

האָב איך צו גלייכער צייט געבויט אַ פינקלדיקן טראָן
פאַר זיך;
האָט דאַן פאַרשייט די גאווה מיט דעם גלויבן זיך געהאַלדזט

זייער אמונה איז געוואַקסן, און מיט איר
מיין פאַריסענער קאָפּ.
נאָר אויך מיין אַליינקייט און די שרעק —
פאַר זיך.
כ׳האָב געזען, ווי זייער גלויבן ווערט אַ האַרץ אָן אויגן.
כ׳האָב געזען, ווי בלינדער ווייטיק לייגט זיך אויס
ווי אַ טעפּיך,
פאַר די טרעטנדיקע, געצערטלטע פיס
פון גואל;
און ווי טרעפן,
פאַר די שטייגנדיקע שטאָלצע פיס
פון פירער.
כ׳האָב געזען מיט גרויל, ווי ס׳פאַלט
אַ וואַלד מיט ווילנס הויכע, ווי די צעדערן,
אונטער דער האַק פון שקר:
דער העקער זינקט אין אומווערדיקייט,
און דער גרויסער ליכטיקער ציל —
דער פאַרפרעמדטער וווּנדער־פויגל —
פליט אַ פאַרשעמטער צוריק
אין דער ווייטער, פאַרהוילענער נעסט.

פרייט זיך איצט מיט שלמה מולכון:
ער האָט אין צייט דערשפּירט דעם גואלס סם,
און אים פאַרביטן
אויף דעם גוטן, פרייען ריינעם אָטעם
פון דעם פּלאַם.

(1946)

צו דיר — צו מיר

(פראַגמענט)

XVI

גוט — ראַנגלען זיך מיט וואָרט, וואָס איז עקשנות,
וואָס ציילט בית־עולמס און באַפעלט: פאַרגעס!
גוט — וואַרפן אין דעם פיסק פון וועלטס איקאָנעס
די קללה יידיש און דעם יידיש־נס.
מען זאָגט, דער נס באַדאַרף שוין איצט רחמנות
פאַרמשפט פאַביוס לינדס פאַרקלערטער פערז.
זאָל זיין... ביז ס'הוסטן אויס זיך אַלע וואָנעס,
קאָן אויכעט אונטערגיין דער אוניווערז.

XVII

צו שרייבן יידיש אין צו — טרעטן זייטיק
ביי עוועניוס אין גאַסן פון דעם לאַנד.
מיט פולע טישן קלוימערשט פול באַדייטונג
רוישט דאָרט אין פרעמד, ווו שטענדיק גרויט און גראַנד.
אין יידיש־לאַנד איז וואָך. ווי לאַנגער פרייטיק —
קאַרטאָפל, הערינג און אַ דאַנק דערפאַר,
אַ וואָרט צו צוויי דערמאָנונג אין דער צייטונג,
ווער רעדט צוויי קאָלומס — און ס'איז הויכער שכר.

XVIII

די דיכטער־גאַס די יידישע — אומיסטן
האָט עמעץ זי אַזוי אַוועקגעשטעלט.
דאָרט ווימלט מיט בעל־שמס און יעזויסיטן,
עס שטורמען קריפל הייליקע אַ וועלט.
משיחים טראָגן זיך מיט אַמעטיסטן,
אָ ס'גייט אַ שטרייט פאַר גראָדסטן וועג צום קץ.
הויך טרובן פראָלעטאַרישע כאָריסטן —
צעקלעמטער זיפץ אין קאָזשעלקעס פון לץ.

XIX

פון מינסק ביז וואַרשע, פון ניו־יאָרק ביז באַלטע —
עס דאַכט זיך נאָר אַ משוגעים־הויז.
נאָר נישט געאײַלט — עס איז די אַלטע, אַלטע,
בעל־חלום —, לערנער — און מאַרטירער־קלויז.
פונדאַנען אמתן, ווי טויערן צעפראַלטע
באַווייזן וו'עגן דורך באַגייטן פערזן.
ביז גרייכן וועט די לעצטע האַנט, די קאַלטע,
קאָן יידיש אויפרייסן דעם אוניווערז.
(צו דיר — צו מיר)

יאָסל לערנער / אַ רעגן

עמעצער האָט היינט צעטרעסלט שטאַרק די כמאַרעס.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ פסעכע יאָר, האָט אַזאַ רעגן ווערט אַ גוזמא פאַרעס.

טרייבט אַ פויער זיינע פערדלעך, צלמט זיך און איז צופרידן:
— מ'עט שוין ווידער אָנהויבן צו פאָרן אויף יאַרידן.

העלפט נאָר גאָט אַ גוט גערעטעניש, אַזאַ ווי פאַראַיאָרן,
ס'זאָלן ווידער קרעכצן שייערן פול מיט ווייץ און קאָרן.

טאַנצט דער רעגן אויף די דעכער, טאַנצט דער רעגן אויף די שויבן;
אונטער נאַסע טונקלע סטריכעס, פאָרן זיך און וואָרקען טויבן.

ביי אַ קרומען פלויט אַ נאַסן, שטייט אַ הונט און האַווקעט בייז:
— ווען ס'רעגנט כאָטש מיט קרישקעס, ווען ס'רעגנט מיט פאָמייעס.

אין די גלאַנציקע קאַלוזשעס פויזן אום און שפריגגען פראָשן;
ווי אַנטליי איך מיר אַ שירעם, און אַ מאַנטל מיט קאַלאָשן?

טאַנצט דער רעגן מיט די לאַנגע דאַרע פיס אויף אַלע גאַסן.
ער האָט מיך היינט אין שטוב אויף אַ גאַנצן טאָג פאַרשלאָסן

איך וויל שוין נישט גאָרנישט, חברים

איך וויל שוין נישט גאָרנישט, חברים, כ׳בין מיד שוין פון ליבן
און מיד פון פאַראַכטן;
זאָל וואָיען מיין אומרו — ווי אַ הונט אויף דער קייט,
אין לבנה ביינאַכטן...

ס׳לעשט זיך דער שוימיקער ווייַן אין די גלעזער
ווי פאַרנאַכטיקע שקיעות,
און ס׳לייגט זיך די מידקייט — ווי שטויב אויף די גראָזן —
אויף געשוואָלענע וויעס.

דער דרויסן איז האַרבסטיק און דרימלט דערשלאָגן
ביי אַ קרומען לאַמטערן.

— — — — — — — — — — — —

איך בין מיד שוין, חברים, דאָס האַרבסטיקע ליד
פון דעם דרויסן צו הערן...

(דאָס געזאַנג פון הינטערגאַס)

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי / דושיקע גאַס

י׳ אָפּאַטאָשון

ס׳איז פינצטער אין חודש אייר,
עס זעגען טעג ווי גאָלדענע זאַפּרען,
עס שמעקט מיט פייגל-מילך, שיר, שיר
דאַכט זיך — עס איז גאָט פאַראַן.
עס קלינגט די לופט, זומער בליט אין מיינע האָר,
נאָר איבער מיר שטייט שאַרף די טאָגעדיקע וואָר:
דאָ וווינען אַרבעטלאָזע,
קאָמוניסטן,
און נאָך — גנבים.

טאָג־טעגלעכקייט איז אַ בלוטיקער פּאַל,
קלינגען אַלע דעכער מיט אומגליק,
טישן מיט — הונגער,
און דער באָרוועס — מיט אינטערנאַציאָנאַל.
יידן וויינען דאָ —
אַ פּאָלק צום אויסגיין פּאַר געלעכטער —
עס ליפערט פּאַר דער וועלט בראַקירטע סחורות
און בלוט פון זין און טעכטער.
און איך — מען טייט אויף מיר דאָ מיט די פינגער;
„אָט זי, די זינגערין,
אַ רוח אין איר מאַמען,
זי שלעפט זיך דאָ אַרום,
און פלעכט פון אונזער אומגליק גראַמען.
וואָלט זי נעכטן גיין מיט אונז אין גאַס און זען —
מען האָט פּאַרקאַטעוועט דעם צוואַנציקיעריקן
אויף דזשיקע נומער צען".
און איך — איך האָב נישט וואָס צו ענטפערן אַ וואָרט,
איך ווייס —
איך בין נישט פון די מענטשן „פערוויי" סאָרט.
און כאָטש עס שטייט אַ קוואַל פון טרערן היגטער מיין אויג,
בין איך פאַרליבט און לעבן ווי אַ צווייג.

(1931)

פּרויען־לידער

I.

עס וועלן די פרויען פון אונזער משפחה
ביינאַכט אין חלומות מיר קומען און זאָגן:
מיר האָבן אין צניעות אַ לויטערע בלוט איבער דורות געטראָגן,
צו דיר עס געבראַכט, ווי אַ ויין אַ געהיטן
אין כשרע קעלערס פון אונזערע הערצער.
און איינע וועט זאָגן:

איך בין אַן עגונה געבליבן, ווען ס'זענען די באַקן, צוויי
רויטלעכע עפּל
אויף בוים נאָך געשטאַנען,
און כ'האָב מײַנע ציינער די ווײַסע צעקריצט אין די איינזאַמע
נעכט פון דערוואַרטונג.
און איך וועל די באָבעס אַנטקעגן גיין זאָגן:
אייער זיפצן האָבן ווי פּאַכיקע בײַטשן געפּאַטשט
און האָבן מײַן לעבן מײַן יונגן געטריבן פון שטוב צום אַרויסגאַנג,
פון אייער כשרע בעטן אַנטלויפן.
נאָר איר גייט מיר נאָך, ווו די גאַס איז נאָר טונקל,
ווו ס'פאַלט נאָר אַ שאָטן.
און אייערע שטילע פאַרשטיקטע געוויינען יאָגן נאָך מיר זיך
ווי האַרבסטיקע ווינטן,
און אייערע רייד זענען זיידענע פעדים אויף מײַן מוח פאַרבונדן.
איז מײַן לעבן אַן אויסגעפליקט בלאַט פון אַ ספר
און די שורה די ערשטע פאַרריסן.

II.

איז נעכט אַזוינע פרילינגדיקע דאָ
ווען ס'וואַקסט אונטער אַ שטיין אַ גראָז פון ד'ערד אַרויס,
און ס'בעט דער פרישער מאָך אַ גרין קישן אויס
אונטער אַ שאַרבן פון אַ טויטן פערד.
און אַלע גלידער פון אַ פרוי בעטן זיך צו ווייטיק פון געבורט.
און ס'קומען פרויען און לייגן זיך ווי קראַנקע שאָף
ביי קערניצעס — אויף היילן זייער לייב,
און האָבן שוואַרצע פנימער פון לאַנגיעריקן דאָרשט צום קינדס געשריי.

ס'איז נעכט אַזוינע פרילינגדיקע דאָ
ווען בליצן שניידן אויף מיט זילבערנע חלפים די שוואַרצע ערד
און פרויען שוואַנגערע — צו ווייסע טישן פון שפּיטאָל
קומען צו מיט שטילע טריט,

און שמייכלען צום נאָך נישט געבוירענעם קינד
און אפשר נאָך צום טויט.

ס'איז נעכט אַזוינע פרילינגדיקע דאָ
ווען ס'וואַקסט אונטער אַ שטיין אַ גראָז פון ד'ערד אַרויס.

ווינטער

אין מיין היים איז שוין אַ טיפער שניי.
ביי אַן איינגעפרוירענעם וואַסער
וואָיעט אַ וואָלף אין ווינטערדיקן הונגער.
ווי אַ וואָלקן איבער ווייסע פעלדער ציט זיך זיין געשריי.
מיט גרויסעביימער-שפיצן רופט דאָס דאָרף —
ס'איז ציגן-פלייש און וואַרעם בלוט אין מויל.

און נאָך: ס'איז טויטשרעק.
ס'איז זיס און גרויל.

וואָיעט דער וואָלף, דער הונגער האָט אים שלאַנק
געמאַכט די פיס,
האָט אים הויך געמאַכט דעם האַלדז,
האָט אים שאַרף געמאַכט דעם פיסק.
גייט דער וואָלף אויף אייגענעם באַראָט, אַליין,
פאַרטרויט אויף קראַמף פון זיינע נעגל
פאַרטרויט אויף שאַרף פון זיינע ציין.

אין מיין היים איז שוין אַ טיפער שניי.
ביי אַן איינגעפרוירענעם וואַסער
וואָיעט אַ וואָלף אין ווינטערדיקן הונגער.
ווי אַ וואָלקן איבער ווייסע פעלדער ציט זיך זיין געשריי.

(דושיקע גאַס)

דער ווייסער פּאָעט

ה· לייוויקן

ניו־יאָרק·
אויף הונדערט פערטן שטאָק איז געשטאַנען אַ ווייסער פּאָעט·
דער הימל און אַן אייזערנע שטאָט
האָבן איינס מיט אַנאַנדער גערעדט·

ס׳האָט אַ דאָרשטיקער „אייביק״ מאַרשירט —
פאַרוואונדערט
און נישט אָרגאַניזירט·

ניו־יאָרק האָט געשטראָמט מיט גרין,
מיט רויט,
מיט ווייסקייט פון בלענד
ניו־יאָרק האָט פאַרטראַכט זיך אויף ווייטן און רוישיקן ענד·

און מענטשן —
מיט האַמער אין הענט און מיט לאָם
האָבן אויך זיך פאַרטראַכט אין דער טיף פון די זיבן מיליאָן·

נאָר שטאָלענע רעדער
דורך לעבנס, דורך טרערן (דורך פראָסטן געוויין)
האָבן געשטורעמט ניו־יאָרק: —
— גיין!

אויף הונדערט פערטן שטאָק איז געשטאַנען אַ ווייסער פּאָעט,
דער הימל און אַן אייזערנע שטאָט
האָבן איינס מיט אַנאַנדער גערעדט·

— דער באָרוועס האָט אויסגעבויט ניו־יאָרק·
שוואַרצע, איטאַליענער, אוקריינער, כינעזער, פּאָליאַקן און מיר·
איך אַליין האָב דאָ געפאַרבט דעם העכסטן שטאָק,

איך אַליין האָב דאָ געקלעפּט פּאַפּיר.
ס׳איז וואָרע וואָר —
אַ סימן: ס׳איז דאָ אַראָפּגעפּאַלן פון צענטן שטאָק
אַ מוליאַר פון נאָווידוואָר.

— אַלע פעלקער האָבן דאָ געזאָגט אַ וואָרט.
אַלע אויסגעזונגען זייער ליד.
אַ שוואַרצער איז געשטאָרבן פון אַ קלאַפּ אין קאָפּ.
אַן אוקריינער האָט זיין סאָקאָל דערשטיקט.
אַ ייד און אַ טשעך האָבן אָנגעפירט אַ שטרייק.
אַ כינעזער האָט געדאַרט און געוויינט נאָך אַ בריוו.
איצט שטייען אַלע אין גרויער קורטקע פון רעליף.
אויף פרעמדער גאַס — —
מיסטער דזשאָ האָט אָפּגעריסן ווערטער פון פּאָעט:
— מעקס! דזשאָז!

און ס׳האָבן אַ בלענד געטון צוויי הונדערט פּיס.
(שוואַרצע, איטאַליענער, אוקריינער, כינעזער, פּאָליאַקן,
אַ ייד און אַ גריך).

און אויסגעטאַנצט אַ זוניקן טאָג,
און שטערן־ליכט.
אַ רופנדיקן האַפן,
און דעם רקיע אין ערשטן ציטעריקן גליק —
פון באַשאַפן.

אויף הונדערט פערטן שטאָק איז געשטאַנען אַ ווייסער פּאָעט.
דער הימל און אַן אייזערנע שטאָט
האָבן איינס צו אַנאַנדער גערעדט:

— אַ חלום איז, ס׳איז נישט קיין וואָר,
אַז מיין שטוב איז פאַרוואַקסן מיט דערנער און גראָז.

און ס'האָט אַ גאַנצע גאַס אין ניו־יאָרק
פאַרגעסן שוין דעם לעצטן אות.

ניו־יאָרק איז כולו ליכט.
ס'איז קיין שאָטן נישטאָ,
אַ חלום איז אַ קאָפּ אויפן שטיין,
וואָס דרימלט פאַרטוליעט אין באַנאַכטיקער שעה.

אַ חלום איז — אַ ווייסע טויב —
געזוכט אַ באַרג־שפּיץ און אַ בלאַט,
און געקומען פאַרסמט אויף צוריק
פון מאָרד, פון געוויין, פון פאַרראַט.

דער פּאָעט האָט געשטיקט זיך מיט אייגענעם קול:
— אָט איז דער לאָם, די האַק —
דער עמפּייר־סטייט זאָל ווערן צוריק צו ליים.
צוריק צו פעלזיקן שטיין.
איך גיי אַראָפּ, איך גיי — —
איך גיי דאָס טון אַליין — — —

ניו־יאָרק איז כולו ליכט.
עס איז זוניקער ווייס און הימלישער גרין — —
מיסטער דזשאָ האָט אָפּגעריסן ווערטער פון פּאָעט:
— מעקס! מיין מאַשין!

אויף עמפּייר סטריט,
אויף הונדערט פערטן שטאָק איז געשטאַנען אַ ווייסער פּאָעט.
דער הימל און אַן אייזערנע שטאָט
האָבן איינס מיט אַנאַנדער גערעדט.

(1936)

איציק מאַנגער / בעטלער־לעגענדע

זיצן דריי בעטלער אויפן טונקעלן שליאַך,
און ווייסן, אַז די וואָלקן זענען זייער דאַך.

און ווייסן, אַז דער ווינט, וואָס שלאָפט אין פעלד,
איז אַ באָרוועסער אורח אויף דער וועלט.

און דער פויגל, וואָס הענגט אויף זיין צווייגל מיד
איז אַ טראָפּעלע ווינציקער פון זיין ליד.

קוקט דער ערשטער אויף זיינע גרויע שיך
און מורמלט צו זיך און אַריין אין זיך:

„הינטערן ראַנד פון דער שוואַרצער מיל,
פון דער שוואַרצער מיל, רינט אַ וואַסער שטיל,

איז גוט צו שלאָפן ביי זיין קילן ברעג,
און אויסצושלאָפן די מידע טעג״.

קוקט דער צווייטער אויף זיינע גרויע שיך
און מורמלט צו זיך און אַריין אין זיך:

„ס׳גלוסט זיך איצטער אין דערפל גיין,
נאָר דער גוי האָט אַ בייטש, און דער הונט האָט ציין,

וועל איך שוין בלייבן אויפן וועג אָדאָ,
און וויגן און פאַרוויגן מיין מידע שעה״.

נאָר ס׳שווייגט דער דריטער טיף אין זיך אריין,
און ס׳שמעקט זיין שווייגן מיט קאָרן און מיט ווייַן.

מיט בײדע הענט פאַרשטעלט ער דאָס געזיכט
און פון צווישן די פינגער בליצט דורך אַ ליכט.

מיט אָפענע אויגן הערן זיך איין די צווייי,
ווי ס'פּאַלט זיין שווייגן אויפן פעלד, ווי שניי:

„אָרעמקייט, דו מיין קיניגרייך,
דו ביסט אי די ווערבע, אי דער טייך,

דו בוסט מיין אָפּרו און דו ביסט מיין עול,
מיין ליכטיק געזאַנג אויף אַ טונקלען קול.

דו ביסט די תּפילה אין קריי פונם האָן,
און די גאָלדענע בין אויפן רויטן מאָן!"

מיט אָפענע אויגן הערן זיך צו די צווייי,
ווי ס'פּאַלט זיין שווייגן אויפן פעלד, ווי שניי.

פּאַקט דער דריטער זיין בינטל צונויף,
און גרינג ווי אַ פויגל הייבט ער זיך אויף,

און לאָזט זיך גיין מיט פּאַמעלעכע טריט
אין געמט אַ שאָטן, ווי אַ זכר מיט,

און הינטער אים גייען געבויגן די צוויי
און טרינקען זיין שווייגן, ווי ווייסן שניי.

סאַנקט בעש"ט

נאָטלען

זיצט דער בעל־שם קעגן מיטן־נאַכט
אין זיין חדר מיוחד און ער טראַכט:
— „די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין,
אַז אַפילו דער מענטש, וואָס גייט אַליין
באָרוועס איבער אַ פרעמדן לאַנד,
פילט איבער זיך גאָטס בלאָע האַנט".

ער הייבט זיך אויף און בלייבט פלוצים שטיין:
אין פענצטער ציטערט אַ דין געוויין.
— „ווער וויינט ביינאַכט, ווער וויינט אַצינד,
ווען ס׳שלאָפט דער פויגל און ס׳שלאָפט דער ווינט,
ווען ס׳שלאָפט די כאַטע, און ס׳שלאָפט דער וואַלד?
ווער טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס גאָלד?
הער! — זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געווענדט, —
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט."

נאָר ס׳ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין,
דין ווי דאָס שפינגעוועב פון אַ שפין,
דין ווי די גסיסה פון אַ קינד,
וואָס פאַרוואַפט דאָס קעפּל אויפן ווינט.

עפנט דער בעל־שם די טיר און גייט
געוויר צו ווערן, ווער ס׳שטערט די פרייד,
די פרייד און דעם חלום פון אַ וועלט.
אַט דרימלט די שטאָט, אַט דרימלט דער טייך.
אַט דרימלט דאָס פעלד.
ווער־זשע וויינט אַצינד,
ווען ס׳שלאָפט דער פויגל און ס׳שלאָפט דער ווינט?
ווען ס׳שלאָפט די כאַטע און ס׳שלאָפט דער וואַלד?
ווער טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס גאָלד?
„הער — זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געווענדט —
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט!"

נאָר ס׳ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין,
דין פון דאָס שפינגעוועב פון אַ שפין,
דין ווי די גסיסה פון אַ קינד,
וואָס פאַרוואַפט דאָס קעפּל אויפן ווינט.

הייבט דער בעל־שם די אויגן אויף,
די ליכטיקע אויגן צום הימל אַרויף,

זעט ער אַ גראָע כמאַרע, וואָס ליגט
איבער אַ שטערן, וואָס ווערט צעדריקט,
בלייבט דער בעל־שם אַ רגע שטיין
און הערט זיך צו צום זילבערנעם געוויין.

דערנאָך הייבט ער אויף די ליכטיקע האַנט,
צום הימל אַרויף די ליכטיקע האַנט
און ווישט די גראָע כמאַרע אַוועק.
פלאַטערט דער שטערן באַפרייט פון שרעק,
פלאַטערט און שימערט, בליצט און קלינגט
אַדורך דער לופט, ווי גינגאָלד קלינגט.
שמייכלט דער בעל־שם: דו שייגעץ, דו!
האָסט אויפגעטרייסלט אַ וועלט פון רו."

מיט שטילע טריט גייט ער דאַן אַהיים,
אַהיים צו זיין כאַטע פון ציגל און ליים,
און זעצט זיך אַנידער אויף דער שוועל,
און וואַרט אויפן ערשטן פויגל־טרעל,
און וואַרט אויפן ערשטן טראָפן זון.
אויפן ערשטן גאָלדענעם טראָפן זון.
נאָר איידער דער טאָג האָט אויפגעטאָגט,
האָט ער שטיל צו זיך אַליין געזאָגט:

"דאָס געוויין פון אַ ווערעמל און פון אַ גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז
קען טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו —
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע דו!"

און אַ ליכטיקער טראָפן פאַלט אויף זיין האַנט,
און קייקלט זיך אַראָפּ איבער זיין געוואַנט.
(לאַמטערן אין ווינט)

די באַלאַדע פֿונם ווייסן ברויט

שטייען מאַמעס אין צעריסענע שאַלן
אויף טונקלע אָוונטיקע שוועלן·

בלייכע געזיכטער· פאַרלאָשענע פינגער.—
דרייצן אַפּאָסטלען פון דעם הונגער·

צינדט דער אָוונט איבער זייערע קעפּ
די לבנה אָן׳ ווי אַ ברויט אַ ווייס·

שטרעקן די מאַמעס פאַרלאַטעטע הענט·
טרויעריק צום ווייסן ברויט׳ געווענדט·

„הייליק ברויט פאַל אין אונזער שויס!
הייליק ווייצן־ברויט׳ לייז אונז אויס!

דער הונגער קנעט אין אונזערע בעטן
פון אונזערע קינדער נאַכט־סקעלעטן״·

פלאַטערט לבנה איבער אַלע פענצטער׳
איבער קינדער־קעפּ׳ איבער נאַכט־געשפּענסטער·

שמייכלען ביים שיין פונם ווייסן ברויט
די קינדער און שטאַרבן אַ גרינגען טויט·

פאַרברענט לבנה אין טייך אירע שטראַלן
לבנה׳ וואָס קען פונם הימל ניט פאַלן.

שטייען מאַמעס אויף שוועלן געבויגן
אין צעריסענע שאַלן מיט פאַרלאָשענע אויגן·

און זעצן זיך שבעה נאָך אַ יונגן טויט׳
און זעצן זיך שבעה נאָכן ווייסן ברויט·

(שטערן אויפן דאך)

ליבשאַפּט

ש. י. אימבערן

שלאַנק־הירשן אויף פאַרשגייטע בערג,
די זילבערנע הערנער פאַרטשעפּען די לבנה
און די לבנה איז גוט צו זיי.

מיין מאַמע היט זיי, גייט זיי נאָך פּיס־טריט.
די וועלף אין וואַלד זאָלן נישט דערגיאָכען,
פאַרלעשט זי די שפּורן אויפן שניי.

מיין מאַמע איז שוין זינט יאָרן טויט,
נאָר איר ליבשאַפט גייט אַרום אין רוים
מיט אָפענע אָרעמס פאַרן ווינט.

זי שלעפערט איין דעם אומרו פון די שטראָזן,
שפּרעכט אָפּ אַ „גוט אויג" די קליינע האָזן
און דאָס מינדסטע ווערימל רופט זי „קינד".

די ליבשאַפט לאָזט זי נישט אין קבר רוען.

אָט עפנט זי די תחינה פאַר די שטערן
און זאָגט און זאָגט, אַז גאָט זאָל זי דערהערן.

אין מיין חלום לייכטן אירע טרערן...

(דעמערונג אין שפּיגל)

יעקב אבינו לערנט מיט זיינע זין „מכירת יוסף"

„ראובן מיין סאַמע עלטסטער זון
וואָס שטייסטו אַזוי שטיל ?"
„פאָטער יעקב, מיר זענען גרייט
צו שפּילן דעם פּורים־שפּיל".

„יוסף מײַן סאַמע ליבסטער זון
טו אָן דאָס זײַדענע העמד!
די ברידער ווילן דיך נאָכאַמאָל
פֿאַרקויפֿן אין דער פֿרעמד.

איז וואַרפֿן זיי דיך אַרײַן אין גרוב,
טאָ ווײַן — אָבער נישט צופֿיל!
דו שפּילסט דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל
מײַן קינד, דעם פּורים־שפּיל.

נאָר ווען דו גייסט פֿאַרבײַ דעם וועג,
וווּ דײַן מאַמעס קבֿר שטייט,
ווײַן אויף איר שטיין אַן אמתע טרער
און זאָג צו איר שטילערהייט:

דער אַלטער יעקבֿ וואָלט נאָכאַמאָל
געדינט זײַנע זיבן יאָר,
ער זאָל נאָך אַ רגע פֿאַרן טויט
אַ גלעט טון אירע האָר.

און ווײַטער ווײסטו שוין אַליין,
וווּ איין וווּ אויס און ווי —
ס'פּאַשען שוין אין פּרעהס טרוים
די זיבן פֿעטע קי.

זײַ אים פּותר ווי אַלע מאָל
זע מאַך נאָר נישט קיין פֿעל,
און פֿאַרגעס נישט, למען השם
דעם טאַטן אַ זעקל מעל!

און פֿאַרגעס נישט, למען השם,
יוסף הצדיק דו מײַן —

און היט זיך פאַר פּוטיפרס ווייב
כאָטש זי איז יונג און שיין !״

— — — — — — — —

„היידאַ קינדער, וואָס שטייט איר וואָס,
וואָס שווייגט עך אַזוי שטיל ?״
„פּאָטער יעקב האָסט קאַליע געמאַכט
אַליין דעם פּורים־שפּיל״. (חומש לידער)

די באַלאַדע פון דעם ייד, וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ

אברהם זיינפעלדן

דער גראָער קאַיאָר שטייט באָרוועס אין הויף
און קלאַפּט אין דעם אָרעמסטן פענצטער אָן,

כאַפּט זיך אויף פונם שלאָף דער אָרעמער ייד
און טוט די גראָע מלבוש׳ם אָן,

פאַרלייגט די טאָרבע אויפן אַקסל און נעמט
דעם גראָזן שטעקן אין דער האַנט

און לאָזט זיך גיין מיט פּאַמעלעכע טריט
מיטן גראָען שליאַך זאַלבאַנאַנדר.

גייט ער און גייט און די גראָקייט ווערט
געדיכטער און ווי אַ בליי אַזוי שווער ;

ווערט טרויעריק דער אָרעמער, גראָער ייד,
אין זיינע אויגן פונקלט אַ טרער.

אַ גרויסע טרער, וואָס קייקלט זיך שטיל
אַראָפּ אין זיין גראָער באָרד אַריין —

ווערט ליכטיק די גראָע באָרד פונם ייד
פון איר דינעם, זילבערנעם שײַן.

נאָר וואָס קלעקט דאָס זילבער פון אַ טרער?
אַ רגע און צוויי און נישטאָ זי מער.

שטעלט דער ייד זיך אַוועק בײַ אַ גראָען בוים
און זאָגט אַ תּפֿילה אויפֿן קול:

„רבונו של עולם! מעק די גראָקייט אָפּ
פון אַלע מײַנע וועגן, און זאָל

מײַן וואָגל און וואַנדער איבער דער וועלט
זײַן כאָטש ליכטיק און אויפֿגעהעלט".

פֿאַרענדיקט די תּפֿילה, ווערט דאָס האַרץ אים גרינג,
די תּפֿילה — אַ בלאָער שמעטערלינג —

פֿלאַטערט פֿאַר אים — אַ פֿינטל בלאָ
אין דער לאַנדשאַפֿט פון גראָ אין גראָ.

גייט ווײַטער דער אָרעמער ייד און גייט,
זעט ער צווישן די וועגן שטייט

אַ גראָע אכסניה און אויף דער שוועל
אַ בלאָנדע פֿרוי אין אַ בלאָען קלייד.

ווערן די אויגן פון ייד דורשטיק און גרויס,
טרינקען זײַנע אויגן די בלאָקייט אויס.

זאָגט די בלאָנדע פֿרוי: „גאָט העלף, ר' ייד,
איר זענט אוואדע פון די וועגן מיד.

סאָ קומט אויף אַ ווייל צו אונז אַריין,
מיר האָבן גענוג אי ברויט אי וויין".

ער עפנט די טיר מיט מידע הענט,
אַ שטוב מיט בלאָ־געקאַלעכטע ווענט.

אין ווינקל זיצט דער באַלעבאָס פון הויז
און האַלט דאָס מיזיניקל אויפן שויס

און דערציילט אים פון בלאָען קיניגרייך
אַרומגעגאַרטלט מיט אַ בלאָען טייך.

הערט זיך איין דער ייד און ווערט פון בלאָקייט מיד.
און ווערט אַנטשלאָפן — פון בלאָקייט מיד.

שפינט דער חלום אַ וועג — און דער וועג איז בלאָ,
דער שטעקן איז בלאָ און די טאָרבע בלאָ.

און דער פויגל, וואָס פליט פאַרביי, איז בלאָ
און דאָס פעלד און דער וואַלד און דער טייך איז בלאָ.

גאַפט דער שענקער און ס'גאַפט זיין פרוי,
ווי ס'שפּאַרט פון דעם ייד אַרויס דאָס בלוי

און פולט אָן דאָס צימער און שפּאַרט זיך אַרויס
און הילט איין מיט בלאָקייט דאָס גאַנצע הויז.

ווער ווייגט? דו הערסט? אינדרויסן ווייגט
דער גראָער וועג, ווי ס'ווייגט אַ קינד:

„פאַרוואָס האָט דער ייד מיך געלאָזט אַליין
אינדרויסן אויף הפקר מיטן ווינט?"

וועקט דער שענקער דעם ייד: „שטייט אויף, ר׳ ייד,
אינדרויסן וואַרט דער וועג אויף אייך״.

שמייכלט אין חלום דער ייד: ער שטייט
ביים טויער פונם בלאָען קיניגרייך.

אָט עפנט ער אויף דעם טויער און זעט
אין טאָל די ערשטע דריי בלאָע שטעט.

גאַפט דער שענקער און ס׳גאַפט זיין פרוי,
ווי ס׳שפּאַרט פון דעם ייד אַרויס דאָס בלוי

און פולט אָן דאָס צימער און שפּאַרט זיך אַרויס
און הילט איין מיט בלאָקייט דאָס גאַנצע הויז.

און די בלאָקייט ווערט מורמל און שטאַמל און פּלי,
פליסטער און רויש און געזאַנג פון נישט הי;

ווערט בלאַט און צווייג און שטאַם און בוים
וואָלקן און וואַלד און טרוים איבער טרוים.

און די בלאָקייט ווערט כוואַליע און טייך און ים,
אַגונג פון סוד און זיין היילקער גראַם,

ווערט טראָט און טופּע און טאַנץ און פרייד,
ווערט פרייד איבער פרייד און אייביקייט.

ווערט פלימער און שימער און שטראַל און ליכט,
ווערט שאָטן, ווערט חומר און ווערט געזיכט.

גאַפט דער שענקער און ס׳גאַפט די פרוי,
ווי ס׳שפּאַרט פון דעם ייד אַרויס דאָס בלוי

און פּולט אָן דאָס צימער און שפּאַרט זיך אַ־ויס
און הילט איין מיט בלאָקייט דאָס גאַנצע הויז

און — — — — — — — — —

(רעמערונג אין שפּיגל)

אַ ליד וועגן אליהו הנביא

דער אַלטער אליהו הנביא
גייט ווי אַ בעטלער פאַרשטעלט,
מיטן פידל אונטערן אָרעם
זינגט יאָרן איבער דער וועלט.

פון דאָרפישע יידישע היימען
שפּילט ער אַרויס די שרעק,
פאַר גויאישע בייזע וואָנסיעס,
פאַר גויאישע שאַרפע העק.

און דעם שענסטן כלה־מיידל
טוט ער אַ פינגערל אָן,
און דעם בעסטן חדר־ייִנגל
שענקט ער אַ קיכל מיט מאָן.

און שפּילט ער אַמאָל אין אַ שטעטל,
ווו ס׳טומלט און זידט אַ יריד,
ווערט די זון — אַ גאָלדן רענדל
אין דער האַנט פון אַ יעדן ייד.

נאָר דעם שענסטן ניגון שפּילט ער
פאַר דעם סאַמע אָרעמסטן הויז,
ער שפּילט פון הינטער די וואָלקנס
די סעפּטעמבער־לבנה אַרויס.

דער שינדל־דאך ווערט פון זילבער
און די קינדער שמייכלען אין בעט,
זיי זעען פאַרכּישופטע לענדער
און ווייטע פאַרחלומטע־שטעט.

און דער טאַטע האַנדלט און וואַנדלט
און ברענגט אַהיים פון דער וועלט
אַן אמתן גרויסן מאַיאָנטיק,
בּאַרליאַנטן, צירונג און געלט.

פאַר דער מאַמען אַ בראָש, אַן אַנטיקל,
וואָס פּאַסט צו איר סאַמעטן קלייד,
פאַר די קינדער פייגן און מאַנדלען,
אָט פונקט ווי אין חומש שטייט.

און דער פּראָסטער מיטוואָך ווערט יום טוב,
מיט חלה, מיט וויין און מיט פיש,
מיט ראָסל־פלייש, בולבעס און צימעס,
אַז ס׳ברעכט זיך אַזש דער טיש.

אויף דער שוועל שטייט אליהו הנביא,
אַ קלעזמער פון נעכטיקע טעג,
ער נעמט די לבנה אין טאָרבע
און לאָזט זיך ווייטער אין וועג — —
(וואָלקנס איבערן דאך)

מאַני לייב / שטילער! שטילער!

שטילער! שטילער! רעדט ניט היך!
שטייט געבויגן שוואַרץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פיין,
שווייגט און האַלט דעם אָטעם איין.

פון דער טיפער נאַכט אַרויס
און פון קיינעם ניט געהערט,
וועט ער אויף אַ ווייסן פערד
קומען שטיל צו אונזער הויז.

פון זיין לויטערן געזיכט
און זיין קלאָרן ווייסן קלייד
ווייען וועט אויף אונז די פרייד,
פאַלן וועט אויף אונז זיין ליכט.

זייט נאָר שטילער! רעדט ניט הויך!
שטייט געבויגן שוואַרץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פיין,
שטייט און האַלט דעם אָטעם איין

אויב מען האָט אונז אָפּגענאַרט,
און מען האָט אונז אויסגעלאַכט,
און די גאַנצע לאַנגע נאַכט
האָבן מיר אומזיסט געוואַרט, —

וועלן מיר אין אונזער בראָך
בויגן זיך צום האַרטן דיל
און מיר וועלן שווייגן שטיל,
שטילער נאָך און שטילער נאָך,

זייט זשע שטילער! רעדט ניט הויך!
שטייט געבויגן שוואַרץ און בלייך,
איינגעבויגענע אין פיין,
שטייט און האַלט דעם אָטעם איין...

איך האָב מײַן מאַמעס

איך האָב מײַן מאַמעס שוואַרצע האָר און גרינע אויגן,
מײַן טאַטנס אײדעלע און דינע הענט:
און בלוט האָב איך אַזאַ, וואָס זינגט און ברענט,
דאָס בלוט פון מײַנע זיידעס, יידן ביי דעם דניעפּר;
און אויף מײַן קאָפּ — די נעכט פאַרבראַכטע מיט חברים,
אין בענקשאַפט נאָך דער צאַרטער, דינער לוסט;
און שאַרפע ציינער־צייכנס אויף מײַן ברוסט
פון אַ פאַרטרויטער, ציטערדיקער פרוי.

די לענדער און ים׳ען

די לענדער און ים׳ען, די שטעט און די ערטער,
געזיכטער און שמייכלען און ווערטער, —
זיי זענען אַוועק פון מיר ערגעץ, אַמאָל,
אין עפּעס אַ ווייטן טאָל.

איך זע נאָר דורך לויטערן נעפּל פאַרצויגן
צוויי קינדערש פאַרטרויערטע אויגן —
פאַרבלאָנדזשעטע שעפסעלעך שוואַרצינקע צוויי
אין עפּעס אַ וועלט פון שניי. (לידער)

קום, פּשטות

קום, פּשטות קלאָרע, מיט דײַן בלאַנקן מעסער
שנייד אויף דעם שוואַרצן פלאָנטער פון מײַן זעל.
מײַן וועלט פון אונטער טונקעלע און שווערע שלעסער
זאָל פאַר מיר אויפשטראַלן ווי זונען פאַר מײַן שוועל.

און וואָס אין טיפער פינצטערניש פון מײַנע אויגן
איז בלינד, פאַרבלענדט געווען, פאַרהוילט און פרעמד
זאָל ווערן קלאָר פאַר מיר ווי אַ ליכט פון רעגנבויגן,
און ווי דאָס ווייסע לייוונט פון מײַן העמד.

אוּן אַלע לעבעדיקע אוּן ניט לעבעדיקע זאַכן,
וואָס לעבן ווייט פוּן מיר אוּן אָפּגעווענדט,
דערנען, דעק אויף ווי ריינע וואַסער־פלאַכן,
ווי מיינע ליבע צען פינגער פוּן די הענט.

אוּן אויף מיין ענגער ערד פוּן ניט־דערשעפּטן טרויער,
די שטים פוּן אַלץ, וואָס ליגט אין צער געשמידט,
ווי בלוּט צוּ בלוּט זאָל קלינגען צוּ מיין אויער
אוּן אין מיין וואָרט געלייטערט דוּרך מיין ליד.

די וואָס קוּמען נאָך אוּנז

די פּאָעטן וואָס קוּמען נאָך אוּנז — יוּנגע פערדלעך אָן צוימען
אויף די פריילעכע טאָלן, די עקן פאַרשאַרט אין די בלויען,
בלוּט אוּן מילך אין די אויגן, וואָס בליצן אַריבער די רוימען,
אוּן דער דימענט אין שטויב בליצט שאַרף אוּנטער זייערע קלויען.

אוּן מיר זענען שקאַפּעס אין זוּמער, באַלאָדענע שלעפּן מיר ווייטער
ריינעם גאָלד, געלן קאָרן פוּן שוואַרצע ערד צוּם שאָטן פוּן שייער,
אוּן אין נעכט פוּן פאַרצערטע לבנית, אין שאָטנס פוּן זוּניקן פייער,
זוּכן זייערע ליפּלעך די בלויע מילך פוּן אוּנזערע אייטער.

(1931)

פּרץ מאַרקיש / דו, אויסגעהאָניקטע

דו, אויסגעהאָניקטע, אויף טורעם־שפּיץ
פוּן סדום,
מיט לייב, מיט נאַקעטן, געפּאַסעוועט פוּן שמיץ!

אין תהום
פוּן הוּנגעריקע בינען, —
אויך איך — אַ בין
מ׳ס גיפּט אין מויל, האָב איך דיין לייב גערינען...

דיין אויסגעלאָזטער קנעכט,
דיין מערדערישער אונטערטאַן — צופיסן, —
— אין רויטע וואַנזיניקע נעכט
מיט מדבר־תאווה, — האָב איך אויך דיין לייב געביסן...

און שטייער, —
גלייך ווי אַ שפּין
צו דיינע פייערן — האָב איך געטראָגן פייער...

און האָסטו זיך — אַ העלע שרפהדיקע ליד,
גלייך ווי אַ פייעריקער באַרג צעבליט
מיט אייביק־שכורע, מיט זינגענדיקע שנייען...

איצט לאָז דאָס האַרץ
פון וואַנדערדיקן זינגער,
— דאָס ביסעלע געבראַכט
צו פונקען אויסגעשלאָגענע פון שטאָל און שטיין
מיט דאַרע שטראַלנדיקע פינגער, —

— זאָל אויך — אַ פלאַקער זיין
פאַר וועג פון וועלט...
(סתם)

אין סטעפ

פריש און צעלאָזט איז דער סטעפ נאָך אַ רעגן,
באַוואַקסן, אַ גאָלדענער, ליגט ער צעלייגט;
ווייט אין דער וועלט אריין פיס אויסגעצויגן
און גאָלדענע שיין פונם אויסגאַנג ער זייגט...

טשערעדעס בהמית, צעזייט און צעוואָרפן,
בלאָנדזשען איוף אים מיט געפענטעטע פערד,
אים חלומט זיך שיקסעס פון נאָענטע דערפער,
וואָס הייבן אַ שטויב־ווינט פון אונטער דער ערד.

אַ יונגע פאַסטושקע פאַרברענט און פאַרבראָנזעט
פייפט מיט די פינגער, נאָך נאַקעט און קליין;
ביי איר האָט אַ שעפּעלע נאָר וואָס פאַרבלאָנדזעט,
זי זאָרגט נישט, זי זאָגט, עס וועט קומען אַליין...

אַ דריי מיטן קעפל, פאַררייסט זי אַ לידל,
אַ סווישטש מיט דער בייטש און אַ טאָפּ מיטן פיס,
און קלייבן חברים פון סטעפּ זיך אַ רעדל
און טראָגט איר פון ווייטן דער אָפּקלאַנג אַ גרוס.

און זינגענדיק נעמט זי צונויף איר פאַרמאָגן:
די טאָרבע אויף פּלייצעס, די בייטש אין די הענט,
און לאָזן זיך שעפּעלעך לויפן און יאָגן,
זיי האָבן איר ניגון פון ווייטן דערקענט.

און נאַקעט דער סטעפּ בלייבט און גרעסער, און ברייטער
שטום, ווי אַ נהרג, געהיים און פאַרטראַכט!
מיט טרויעריקע אויגן די טאָג־לייט באַגלייט ער
די שטילקייט קומט אָן און ס'לייגט זיך די נאַכט...

נאָר פון ווייט, פון די בערג, פון די טאָלן און גריבער
דערטראָגט זיך אַ סקריפּ פון אַ טרוקענער פור,
דאָרט פאָרט אַ ציגיינער פון איין אָרט אַריבער...
דער סטעפּ ווערט דערמינטערט און גיט זיך אַ ריר...
(זאַנג־גנזאַנג)

דער אַלטער שניצער

אַריבער אַכציק יאָר — אין כבוד און אין פּראַכט
ביי לייטן און ביי גאָט, אין דרי"ה־יים און איבער וועגן —
געטראָגן האָט אויף זיך דער קאָנאָטאָפּער פאַטריאַך
ווי אַן עטרה פון סטאַמעסקעלעך פון דאָלעטעס און זעגן...

ער איז געווען אַ שניצער — איינער אויפן קאַנט,
און אויף דער שטאָט געשמט ער אויך האָט פּאַר אַ לערנער:
זיין איידלע שניצערײַ געװעזן איז באַקאַנט
אויף ווייט אַרום איבער אַ גאַנצער גובערניע.
ער פלעגט אַרויספאָרן אַליין אין וואַלד,
אַ דעמב זיך אויסקוקן און אויסמעסטן אויף בראָך אים,
און זען ווי אונטער זינגענדיקער זעג ער פאַלט
און מאַכן איבער אים אַ קרבן־עולהדיקע ברכה,
ווי ביים מזבח אויף אַ פעטן אָקס
אַ ברכה האָט געמאַכט דער כהן־גדול;
דערנאָך אין וואַסער טובלען זיך געגאַן פאַרטאָג,
דערנאָך מיטן געצייג קעגן דעם האָלץ זיך אָנגעלאָדן

מיט זיינע אַלטע הענט האָט זיך די שנעלקייט ניט געפּאָרט,
און ניט פון שאַרפע דאָלעטעס די טאַנצנדיקע בליצן;
ער האָט נאָר אַלע ווייל אַוועקגעשאַרט די באָרד,
וואָס מיט די שפּיצן האָט באַרירט די איידעלע געשניצן.
איבערן שטערן יעדער ווייל האָט ער פאַרוקט די ברילן,
פאַרקנייטשט אַן אויג, געקוקט מיט פאַרגעניגן,
און ווען ס'האָט אים פון פרייד דאָס האַרץ געטאָן אַ בריי,
האָט ער פאַרגינט זיך אונטערברומען שטיל אַ ניגון.
געזעסן איז ער איבער זיין געטרוקנטן געהילץ
אַריבער פופציק יאָר און גרייט געווען אויף נאָך אַזויפל;
מיט ווייסן קאָפּ, ווי אין אַ זילבערנער עטרה איינגעהילט
עס זיצן איבער די פאַרמעטן די הייליקע, אַ סופר,
און ווי אַ מזמור זיך געלייגט האָט דאָס געמאָלטס,
און דאָס געשניץ האָט אַלע ווייל ערגעץ געטאָן אַ הייב אים. —
און ס'זענען אונטער זיינע הענט — פון שטיקער האָלץ
אַרויסגעגאַנגען לעבעדיקע לעמפּערטן און לייבן.

אין דינסטן האָט האָט זיך געטוקט זיין אָרנאַמענט,
אַזאַ מין לופטיקער, ווי ער אין שוים וואָלט זיך געהוידעט:

באַגערט האָט יעדער שול פון זיינע כישופדיקע הענט
פאַרשאַפן זיך אַ מלכותדיקן ארון־קודש.
האָט ער אַ לעבנלאַנג געמאַכט זיין שניצעריי,
און אַלע יאָר — אַ סיום צו זיין איידעלער מלאכה.
און גאָטס פּאָרכטיק געווען, געדינט צו אים געטריי
און ניט געוווסט, מיט וואָס צו דינען זאָל ער נאָך אים.
ער האָט נאָר איינס ניט ליב געהאַט: — באַווייזן זיך אין שול.
באַמיט אין איר וואָס מער פון כבוד זיך באַפרייען,
ווי פון דער מזרח־וואַנט געקוקט אויף אים וואָלט זיין אַ שולד,
און ניט זיין האַרץ ס׳פאַרקערפּערטע אין דינסטע שניצערייען.
אין פּאָליש ביי דעם דאַווענען — אַ קיילעכיקן יאָר
איז ער אַזוי הבל־הבלימדיק געזעסן,
ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט, אַז אפשר איז ער עובר גאָר
אויף — לא תעשה לך כל פסל...

די לעצטע צייט האָט ער קיין ארון־קודש ניט געשניצט,
זיך אָפּגעגעבן ער צו פּראָסטער סטאָלעריי האָט,
— איז וואָס ? — האָט מיט די ברילן ער געטאָן אַ בליץ,—
קיין אָרון־קודש באַדאַרף זי ניט די פרייהייט ?
— אין ניט ! איז לאָז צום האַרץ זיך נעמען גאָט,
ס׳איז זיינס ! — האָט ער זיך שמייכלדיק געוועטלט, —
ס׳וועט על פי שכל אָן אַ שניצער זיך באַגיין די שטאָט ?
אַזוי די גרויס, ביז קומען וועט משיח אויף זיין פערדל.
דערלעבן זאָלן יידן נאָר — ביז יענער צייט,
און רודערן ביי יידן זאָל ביז יענער צייט זיך נאָר אַן אבר,
וועט מען מיט ליכט אַרומגיין זיכן שניצעריי,
פון קבר וועט מען אים אַרויסשלעפן : — ר׳לווי !
אַן ארון־קודש דאַרף מען איצטער פאַר דער וועלט,
פון פּימסנהאָלץ, ר׳לווי, שניצן מע באַדאַרף אים !
צי האָבן אייך סטאַמעסקעלעך, ר׳ לווי, ניט פאַרפעלט,
אָט זענען זיי, ר׳ לווי — גאָלדענע און שאַרפע ! (1944)

ל. מילער / דאָס ליד פון מיין איך

א.

דאָרטן ווו עס קומען ערד און הימל זיך צוזאַמען
העגנט מיין וויג...
וויגט זיך אום אַ ווייסע טויב ביי מיר אין וויג...
ווען די שעה די ליכטיקע וועט שלאָגן
וועט די ווייסע טויב
זיך איבער מיר אין לופטן קרייזן...
וועט די ווייסע טויב
צוריק דעם וועג מיר ווייזן
צו מיין וויג.

ב.

מיט דעם כוואַליענדיקן אומרו
פון דעם שטורמדיקן ים
פאַרגייט מיין ליד...
מיט דעם בענקענדיקן פאַרבנשפיל
פון זונענאונטערגאַנג
פאַרגייט מיין ליד...
מיט דעם קלאַפּ־און־קלאַנג פון שטיין און שטאָל
מיט דעם פייערדיקן בראַנד פון שטאָטיגן גערויש
פאַרגייט מיין ליד...
מיט מיין אָפּענעם ביינאַכט
אויף מיין געלעגער ביינאַכט
פאַרגייט מיין ליד...
צו דיר.

ג.

דער קלאַנג פון מיינע טריט בייטאָג,
דער קלאַנג פון מיינע טריט ביינאַכט,
דער ליבער קלאַנג פון מיינע טריט —
מיין ליד צו דיר...

מיין העלער בליק, מיין גוטער בליק,
מיין קינדיש האַרץ, וואָס גאַרט נאָך גליק,
מיין קינדיש האַרץ, מיין שטיל געמיט —
מיין ליד צו דיר...

מיין גוטער שמייכל אין מיין ליד,
מיין שטילער זיפץ ווען כ׳בין אַליין —
איך בין אַליין, אַליין, אַליין —
מיין ליד צו דיר...

ד

איך — איך — איך —
אַזוי קלאַפּ איך אויס
מיט דעם קלאַנג פון מיין טראָט —
דאָס ליד פון מיין איך...
און שווער איז מיין טראָט
אויף דער שטיינערנער ערד
און רוישיג דאָס ליד
פון דער שטיינערנער שטאָט,
און אין דעם גערויש כסדר זיך הערט
דער קלאַנג פון מיין טראָט:
איך — איך — איך —

ה.

איך בין דיין קינד...
מיין שפּיל־פּלאַץ איז דיין גרויסע ברייטע וועלט,
דאָס לעבן איז מיין שפּיל...
שלאָף איך איין ווי אויף דעם אומגליקס שוועל.
טרייב איך אָן מיין שפּיל ווי אויף דעם ברעג פון אָפּגרונט...
שפּרייסטו אויס דיין שוץ
איבער מיר, דיין קינד...

(אויף גאָטס וועלט)

אַ ליד.

(פון צווייטן אַקט פון דער דראַמע „מיסטער מענטש")

איז נישט פאַרקנסט!
איז אָן אַ רינג
אַבי נאָר ווייַן —
איז טרונק און טרונק —
אַבי ביזט מאַן — בין איך דיין ווייב. —
פאַרלעש דאָס ליכט, וועט ליכטיק זיין
פון מיין ברענענדיקן לייב.

נישטאָ פאַר מיר
קיין דין, קיין צאַם
אויב דו בין שטאָל
בין איך דער פלאַם —
איך בין אַליין דאָס שטאָל און פלאַם צעגליט.
וואָס וואַרט פאַר צוואַנג און האַמער ליד,
איך בין דאָס שטאָל און דו דער שמיד.

עס שלאָגט דיין האַרץ
ביי מיר אין שלייף:
דאָס ראָד בין איך
און דו — די רייף —
צי־אָן צעגליטע רייף אויף ראָד
און אום זאָל ווערן פון דעם גראָד
אין דעם פייערדיקן ראָד.

מנחם / פיל בענסאָן

(פראַגמענטן)

XIX

בענסאָן איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, און ביי דער פּיאַנאָ איז געזעסן מערי און געשפּילט. און ער האָט געטראַכט:

מערי האָט איר לידי, אַז זי פאַרשפּילט זיך ביי דער פּיאַנאָ,
בלייבט פון איר בלויז די פּלייצע: פאַר מיר, פאַר די גאַרדינען
און פאַר אַלץ, וואָס הינטער זיי, מעג אַזוי די וועלט באַהאנדלען —
מיט דער פּלייצע. איר פּנים איז ערגעץ אַנדערש.

מאַטילד האָט אויגן, וואָס קוקן אינם מאָרגן, היינט־מאָרגן, דאַכט זיך
וועט זי אָוועקוואַרפן די שטעלע, צערייסן ס׳לעצטע שטיקל פאָדעם
דעם פאַרשוויגענעם ציטער, וואָס בינדט אונז, און אַוועקגיין.
זי מעג פיינט האָבן, ווייל ווען די צייט וועט קומען, וועט
זי גרייט זיין
געבן בלוט און בלוז פאַרגיסן. זי האָט פאַר דער וועלט אַ פויסט,
און איר פּנים איז ערגעץ אַנדערש.

ווּהין איז געריכט דאָס פּנים פון דיר, פּיל בענסאָן?
אין נאָמען פון וואָס טוסטו זיך איבערהויבן איבער וועלט
און חוזקן? אַז איינגאַנצן פאַרמאָגסטו בלויז איינציקע מינוטן
פון ערלעכקייט, און אויך די זענען נישט דיינע, נאָר געשאָנקענע
פון איר, וואָס קערט דיר צו אַ פּלייצע?

און בענסאָן האָט ניט געהאַט פאַר זיך קיין ענטפער, צי געלאָזט
דעם ענטפער קומען ווען עס איז — און קוקנדיק אויף דער פּלייצע
געטראַכט, אַז פאַר איר וואָלטן די מינוטן געקענט זיין יאָרן,
ווען זי דאַרף זיך ניט פאַרקויפן צו לעווין און אַנדערע,
און ער האָט געזען דאָס לעבעדיקע שטיקל זון, וואָס זינגט
פון דער פּיאַנאָ־ביינדלעך, און געזען ווי ס׳קריכט אויף דעם
דאָס לעווישע און פאַטשקעט עס און פרעסט עס, און זיינע פינגער
האָבן זיך צעעפנט ווי אָנצונעמען עמעצן ביים גאָרגל. דערויף
האָט מערי זיך אומגעדרייט אויפן בענקל און געפרעגט:
— וואָס טראַכטסטו — און ער האָט אַלץ דערציילט. אַ פּאָר מינוט
האָט זי געשוויגן. נאָכדעם האָט אַ פלייץ געטאָן פון איר מיט ווערטער —
געמיינע, שמוציקע, אומדריקבאַרע און בריענדיקע ווי הייסע קוילן.

אַזוי ווי מען זאָל פון תהום אַרויסשלעפן דאָס זומפּיקסטע
און אויסקייקלען אין פייער און וואַרפן אין דער וועלט.
איז פאַר בענסאָנס אויגן דאָס צימער געוואָרן אָנגעפולט
מיט שנאה־קוילן ווי מיט לופט־באַלאָנען, און אַ צעטומעלטער
האָט ער אַראָפּגעגליטשט זיך פון קאַנאַפּע און געקראָכן אויף אַלע פיר
צו מעריס פיס און זיי געגומען קושן. און מערי האָט זיך אויפגעשטעלט
אינגאַנצן וווקס צו לאָזן אויסטרינקן פון זיך די שנאה,
און אַז בענסאָן איז געוואָרן שיכור, איז זי אַרונטער אויפן דיל.

אַזוי האָט בענסאָן געפראַוועט אַ חתונה מיט זיין געליבטער,
און די שנאה צו דער וועלט איז געווען דער וויין,
וואָס חתן־כלה האָבן געטרונקן.

XXI

איז — וואָס מאַכסטו וועלט?
זיך אויסגעפוצט אַנטקעגן מיר מיט גרינס און ליכטיקייט,
מיט קינדער פנימער און טויבן. ריכטיק! אַזוי זאָל אויפגענומען ווערן
אַ געפאַנגענער, וואָס האָט זיך אויסגעלייזט. און הימל אויך!
צעהעלט און דורכזיכטיק. מיט וואָלקנס ווייסינקע. מיר האָבן אַלעמאָל
זיך אַזוי פאַרשטאַנען, הימל! דאָס האָבן יענע אָנגעטריבן אין דיר
מלאכים און דערלאַנגט זיי שטריקלעך אין די הענט אַריין צו קערעווען
מיט אונז ווי מיט מאַריאָנעטן, און רעדן מיט אונזער מויל. פאַר מיר
איז אַלעמאָל געווען גענוג די זון אין דיר
און די דורכזיכטיקע בלאָקייט.

געדענקסטו די מלחמות מיינע קינדווייז?
איך — צו דער זון אין דיר, און דער טאַטע מיינער — צום לעמפּל
אין צימערל ביינאַכט איבערן ספר. איך — צום געשריי
פון יונגן גאָרגל, וואָס ווערט פאַרכלינעט פון דיין בלאָקייט,
און דער טאַטע — צום ברומעדיקן ניגון אין פיר־ווענטיקן טונקל.
און אייביק איז מיר נאָכגעגאַנגען ער, דער אַלטער — משיח.

אַ ווייסער, מיט אַ באָרד אַ ווייסע און אויגן שוואַרצע,
גליענדיקע, און פאַר וואָס דאַרף ער אַרויסקומען פון קעלערס פינצטערע
און צו וואָס קינדער צו אים פירן דורך אַלטער מרה־שחורה
און געקלאָג ?

און שפּעטער... עס שפּילט די זון אין בלוט, און לייב קווועלט־אָן
אַנטקעגן לייב און וויל פלאַנצן, אויפגיין און געבוירן, מוז ער,
דער אַלטער, שטיין איבער מיין בעט און מיר מיטגעבן
פאַר מיינע קינדער און קינדסקינדער דעם שטראָפנדיקן,
אייביק מאָנענדיקן, אייביק משפטנדיקן גלי פון זיינע אויגן ?
און טאָמער וויל נישט בענסאָן, אַז די דורות נאָך אים
זאָלן אַ לעבנלאַנג זיך ראַנגלען צווישן העלער זון
און טונקלען גלי פון משיחדיקע אויגן ? אויב ער וויל נישט,
איז גאָר קיין דור נישט! וועט ער אַזוי בלייבן: נישט מאַן
און פלאַנצער, נאָר גולם מאַנספערשוין, לייב וואָס וועט אָפּשטאַרבן
מיט זיך אַליין.

זאָל עס שטאַרבן!
זיי מעגן נאָך היינט מיך אויסשרייבן פון זייער ראַסע,
און כ׳וועל קיין אַנדערע נישט זוכן, פיל בענסאָן איז אַליין
און האָט נישט וווּ צו גיין, די וועלט, די רויבערישע,
איז אים העסלעך, און דעם געשריי פון די גערויבטע
וועט ער נישט אונטערכאַפּן, נישט כדאי צוליב אַ פּלייצע!
משיחס אויגן־גלי האָט זיך אין אים אַזוי נישט איינגעגעסן,
אַז ער זאָל מיטגיין אין זיין סטיווע, און פּטור ווערן פונם גלי —
דאָס קען ער אויך נישט, איז ער מיט קיינעם נישט, אַליין,
מ׳ט דיר און מיט דער זון אין דיר, האָט ער עפּעס אָפּגעשפּאָרט
אין אַ שטאָלענער קאַסע פאַר אַ לאָמפּ, פאַר ווייַן, פאַר וואַרעמקייט —
פאַר קאָנסערוווירטער זון — און ער וועט ווייטער לעבן,
וואָס האָט אַנדערש צו טאָן פיל בענסאָן ?

XXIII

אויפֿן ים גייען שיפֿן, מאַטילדי.
זיי גייען צו ווייטע לענדער, צו איינזאַמע אינזלען.
וווּ דער טאַטע האָט נישט פֿאַרקויפֿט קיין מעבל אויף אויסצאָלן.
וווּ די האָסט אין שאָפּ נישט געאַרבעט, וווּ משיח, מיט אַ
פּלאַטשיק נעזל
און וואָליקע האָר, לייפֿט נאָך אום אין אַ גאַרטל פֿון בלעטער
מיט ייִנגלשן געזעסל אינדרויסן, און פֿאַשעט ווילדע ציגן.

ווענסט דאָך מיט מיר אַהין נישט פֿאָרן.
נעכטן ביינאַכט, ווען כ'האָב דיר געמאָלדן, אַז איך פֿאַרלאָז
די ביזנעס פֿון מיסטער לעווי, האָסטו מיך אָנגעקוקט ווי אַ פֿרעמדן
און שיעור נישט געפֿרעגט: ווער איז דער לעווי? צי דאַרף מען
נאָך אַלץ אַ דירה בשותּפֿות?... פּיליפּ קאָן זיך שוין לאָזן פֿאַרקויפֿן
אויך אָן אַ ווייב אויפֿן אָרעם פֿאַר לייטן, און דו — — —

סיי ווי איז אַלץ פֿאַר דיר.
איך קען נישט אין מויל טראָגן אייערע רייד, און אין דער האַנט —
אייערע פֿאָנען. אָבער די שנאה צו יענע טראָג איך ווי דו:
און ווען ס'וועט האַלטן ביים פֿאַרוואַרפֿן אַ פּעטליע
אויפֿן שפּיץ פֿונם טורעם און אַ שלעפּ טאָן די שטריק —
וועלן נאָך אַלץ מיינע מוסקלען דינען.

איך ווייס נישט,
וואָס דו ווענסט אויפֿשטעלן אויפֿן פּלאַץ פֿון דער פּיראַמידע.
איך זע נישט די שאָטנס פֿון מאָרגן. נאָר ביז איר וועט וואַרפֿן
אַנדערע שאָטנס, וועט פֿאַלן אַ טורעם דערוויייל און באַפֿרייען
אויף אַ ווייל אַ שטיקעלע זון —
און אַ שטיקעלע זון איז כּדאַי.

(1933)

מיכאל נאַטיש /ווינטער אין די היימען

ס'האָט די נויט צעטריבן יונגע קינדער פון די היימען,
ווי דער ווינט דעם שניי פון צווייגן...
און שווערע אויסזיכטסלאָזיקייט פאַרפירט האָט צו אַ נייעם לאַנד,
ווי צו אַ פרעמדן טיש...
ווען ס'האָבן זיך געשפּאָלטן די פאַרטאָגן,
ווי אויסגעבריטע אייער,
האָבן טאַטעס ביים געזעגענען זיך אויסגעווישט אַ טרער,
פאַרשטעלטערהייט,
און געווונשן מיט געמאַכטער רויקייט:
— „גאָט זאָל אייך באַגליקן אייער וועג...
שרייבט אַהיים...
און ווייסט זיך ווי צו פירן"...

*

קינדער האָבן אויפגעפּאָכעט מיט די אביונדיקע קלומקעס:
— „זייט געזונט"...
און ווי די וואַנדערפייגל זיך אַוועקגעלאָזט
אין אומבאַ'וווסטן, שרעקעוודיקן וועג,
מיט הערצער אויפגעצוקט, ווי רייסנדיקע וווּנדן...

*

ליגן אויפן האַרץ דערמאָנונגען נאָך קינדער ווייט־פאַרפלויגענע,
ווי קלעצער אויפן הויף:
— „שוין לאַנג געדאַרפט פון זיי אַ בריוו דאָך זיין"...

*

ווייזט אַ שווייגנדיקער בריוו־טרעגער זיך אינם טיר,
ווי אַן אויפגייענדיקער שטראַל,
מיט קרומע בליישטיפט־אותיות פון מרחקים...

*

ציטריק־ערנסט — תפילהדיק צעוויגן זיך אין לייענען די טאַטעס
„ליבע עלטערן! דערווייל איז נאָך קיין גליקן נישט פאַראַן...

בוענאָס־איירעס איז אַ שטאָט...
מענטשן פרעמדע, שלעכטע... נאָר מען וועט זיך צוגעוווינען...
מ׳אַרבעט שווער און פאַר אומזיסט...
מיר האָפן אָבער, אַז ס׳וועט זיך אַלץ פאַרבעסערן...
די ערשטע צייט איז אַלעמאָל אַזוי"...

איצט בעטן מיר אייך שרייבן אַלעס פון דער היים...
וואָס מאַכט די מאַמע? און וואָס מאַכן אַלע אין געזונט?
דאָ איז גאָר אַן אַנדער לעבן ווי ביי אונז...
נאָר ס׳איז אַלעס פון די קלייניקייטן
אַבי מען זאָל נאָר זיין געזונט...
ווייטער שרייב אונז, וואָס הערט מען אין שטאָט?
מיט איינעם וואָרט — מיר בעטן שרייבן אונז פון אַלץ...
...דאָ אַז ס׳קומט די נאַכט, מיינט מען
אַז עס ווערט צעפּלאַצט דאָס האַרץ פון בענקשאַפט,
ווי אַ הייסע גלאָז...

*

באַהאַלטן אויפגעריכטע טאַטעס ווייטן בריוו אין חומש,
ווי אַ שמחה;
שאָקלען זיך אין אומגעשטילטן וויינען גראָע קעפּ פון מאַמעס,
ווי איינגעשנייטע ביימער־שפּיצן אויפן גאַס,
און ס׳שניידן מאַנסבילדליך די טאַטעס ס׳אייגן האַרץ
מיט רוגזהדיקע רייד:
— "יידענע, און דאָ איז בעסער, האַ?!"

(מוליער הירש)

מענדל ביי־גרעשל / אַלט־סאַנדז

הייזלעך מיט ברייטע דעכער
ווי שירעמס אויף די קעפּ.
יעדן מאָרגן, יעדן אָוונט גייט דאָ
די שטילקייט אויף הילצערנע טרעפּ...

גייט ווי אַ ווייבל אַן אַלטינקס
געבויגן פון הויז צו הויז
און טיילט די פאַרחלומטע קינדער
פאַרחלומטע אויגן אויס...

פון פעלדער און דערפער ברענגען
די סטעשקעס אַזויפיל פרייד!
אַזויפיל טרויער און בענקען,
אַזויפיל זון, וואָס פאַרגייט...

אַ יידל קוקט אויף אַ באָבע,
וואָס האָדלט מיט היגער און קעז —
און זעט נישט דעם פרילינג, וואָס ציטערט
אויף אַ צווייגל בלוי־אויגיקן בעז.

ער שמייכלט צו פויערים און באָבעס,
צו קי און געפלאָכטענע קערב
און זעט נישט דעם הימל, וואָס נייגט זיך
טיף מיט אַ זילבערנעם סערפ.

און זעט נישט, ווי ס׳ווינקט שוין אַ שטערן
און די נאַכט טוט אָן שוואַרצע קרעפ —
און ווי ס׳גייט די שטילקייט געבויגן
אַהיים אויף הילצערנע טרעפ...

(1935)

איצט וויל איך קליינע לידער

איצט וויל איך קליינע לידער,
וואָס זענען שטילסטע פשטות —
צעשמעקט ווי ברויט אויף פעלדער,
ווען קאַלטע רעגנס וואַשט עס.

זיי זענען גרויסע קליינקייט,
באַשטימט אויף זיין און בלייבן;
איעדער קען זיי לייענען,
איעדער קען זיי שרייבן.

זיי זענען ס'האַרץ פון אמת
און אייביק פריש ווי שנייען.
דער קאַטאַרינטשיק שפילט זיי
דעם שניידערל ביים נייען.

זיי זענען העלער שמייכל
און טריפן טיף, ווי האָניג —
און וואַקסן אגב־אורחא
ווי ווערבלעס אויף אַ גאַניק.

זיי זענען פול מיט תענוג
און טעם, ווי אין אַ שפעטן
פאַרנאַכט די זאַטע פרייד
פון שוואַרצן ברויט מיט סמעטן.

(1932)

לייב ניידוס / אויף דער שוועל

ווי טריב עס ברענט דער דינער אַמעטיסט
אין גינגאָלד פון דיין שמאָלן מיידל־רינג.
אַלץ אָפטער צאַפּלען אויפעט דיינע בריסט,
אַלץ הייסער ווערט דיין אָטעם, וואָס איך טרינק.

פאַרשעמטער מאַכט זיך צו ביים קוש דיין אויג,
הכנעהדיקער ציטערן די קני;
און ליכטיק זינגט דיין יעדער קערפּער־בויג:
„ס'קומט מיטנטאָג, אַוועק דער אינדערפרי".

ס׳צעבליט דיין גוף אין פֿאַרגעפּיל פֿון חטא,
ווען פֿאַרן שלאָף דיין האַנט די האָר צעפּלעכט;
פֿון זינד־באַגער ווערט הייס דיין מיידל־בעט
און לענגער ברענט דאָס ליכט אין דיינע נעכט.

ס׳גייט לאַנגזאַם אויס דיין פּיאָלעטער סוד.
ס׳ווערט אויסגעהויכט דיין שטילער פֿיילכן־טרוים.
געשלאָסן ווערט דאָס פֿריערדיקע ראָדי.
אַ נייעם וועט דיר עפֿענען זיין רוים.

און עמעץ וועט דיך אָנצינדן: „איך צווינג!
ביסט מיינע — שווייג! צי ווייסטו ווער איך בין!"—
און זינדיק וועט צעשטראַלן אויף דיין רינג
אַ בלוטיקער, אַ שלאָפֿלאָזער רובין.

(ליריק)

די אַטלאַנטידע

מיליאַרדן ווייט פֿון דאַנען, אויף דעם גרונט פֿון אָקעאַנען,
ווו די פּערל־קאַראַוואַנען טרוימען מלכותדיק און באַנג,
ליגט אַן אינזל טיף פֿאַרזונקען, פֿון אַ לאַנגער צייט פֿאַרטרונקען,
טויב פֿאַר רעש און בלינד פֿאַר פֿונקען, ווייט פֿון ערדישן געדראַנג.

ווי אַ ריזן־זעל אַ מידע, ווי אַ גרויסע פּיראַמידע,
שלאָפֿט די אַלטע אַטלאַנטידע — פֿון זכרונות אַ געצעלט;
און מיט קויט באַפּרעסט איינגאַנצן, מיט צעדרייטע ימען־פֿלאַנצן,
ווילדע, טרויעריקע קראַנצן אויף אַ קבר פֿון אַ וועלט...

און מיט אייפֿערזוכט מיט קאַלטער היט זיין רויב דער ים דער אַלטער,
ווילד־געטריי זיין שאַץ באַהאַלט ער אין דעם כוואַליעס־קאַראַהאָד
גייען שיפֿן דורך מיט פּראַכטן — קוקט ער שטרענג און מיט פֿאַרדאַכטן,
ווי די שיפֿן וואָלטן טראַכטן אים אַוועקרויבן זיין סוד...

ס׳טרעפט פֿאַרנאַכט אַמאָל, כאָטש זעלטן, ווי אַ גרוס פֿון מאָדנע וועלטן;
פֿון פֿאַרבאָרגענע געצעלטן שטייגן קלאַנגען פֿון דעם גרונט;
ווי אַ שטים פֿון ווייטע ווייען, ווי דערוואָרגענע געשרייען —
זשומען־ברומען און פֿאַרגייען מיט אַ שטילן „זיי געזונט”...

די ערד דערוואַכט

(פֿראַגמענטן)

— — — — — — — — —

ס׳טוען תּפֿילה דעמבעס הויכע,
וואָס זיי זיינען אַלע זוכה
ווידער פֿילן גרינס און שטראַל.
און די שטיקער אייז צו־להכעיס
מורמלען טייכלעך שטילע ברכות,
און בעריאָזקעס זאָגן „טל”...

ערגעץ שרייען נאָך די ראָבן,
ערגעץ ליגט נאָך שניי אין גראָבן, —
נאָר דער ווינטל קונדסט פֿריי,
און ער מורמלט: „האָב קיין פּחד,
זון און ערד איז זיך מתיחד;
קומען מוז דער גאָלדנער מאַי!”

ס׳דעקט זיך־אויף די ערד די בונטע
ווי אַ דאָרפֿס־פֿרוי אַ געזונטע
אויף איר הייסן מאָרגן־בעט;
רוי און פֿריש, די האָר צעפֿאַלן —
צערטלט זי זיך ווילד אין שטראַלן,
פֿול מיט פֿרייד פֿון ערשטן חטא...

אירע פֿולע בריסט אַנטפּלעקט זי,
צו דער זון זיי דורשטיק שטרעקט זי,

גיט זיך איבער אין איר רשות ;
און די זון פון הויך פון ווייטער
ווי אַ פּזרן אַ פאַרשייטער
שיקט אין שטראַלן גרוס נאָך גרוס...

— — — — — — —

אַלע טאָלן — גרין־פאַרוואָקסן ;
דאָרטן אַקערן צוויי אָקסן,
דאָ — אַ דאַרער, ברוינער פערד ;
ס'האַלט דער פויערל אין שמייסן,
און די אַקעראַייזנס רייסן,
פליקן שאַרף די שוואַרצע ערד,

ביז ס'פאַלט־צו דעם אָוונטס שלייער,
גייט אין פעלד אַרום דער זייער,
וואַרפט די הויפנס זאָמען שנעל ;
ליגן שטיל אין דר'ערד די זאָמען
ווי אַ ליד נאָך אָן אַ נאָמען
וועלכע רייפט אין דיכטערס זעל...

— — — — — — —

ס'ווערט די וועלט פון פרייד משוגע,
נאַריש ווערן אַלע קלוגע,
ס'פיבערט וואַנזיניק דאָס בלוט ;
ס'הירזשען פערדלעך, ס'מעקן ציגן,
ס'לאַכן שטראַלן, ס'זשומען פליגן, —
אַלע צאַפּלען אומבאַרוט.

קאַטשקעס שווימען שוין אין וואַסער, —
ווי אַ העלער קול מבשר
הילכט ביים פלויט דער קריי פון האָן ;

נעבן גאַנעק אויפן קלעצל
צערטלעך וואַרעמט זיך אַ קעצל
אין איר פרילינגס־טרוים פאַרטאָן...

ס׳הענגט אַריבער דער אַלייע
ווי אַ זילבערנע קמיע
די לבנה, שטראַלן טיילט...
ס׳בלייכן עפל־בוימער ווייסע
ווי בת־מלכות פון אַ מעשה,
וואָס די מאַמע האָט פאַרציילט...

(דאָס בוך פון פאָעטען)

י. מ. ניימאַן / דאָס ליד פונם ממזר

איך בין אַ ממזר־קינד.
אין זומער־טאָג, אין פעלד, די זאַנגען האָבן זיך געכוואַליעט.
האָט איינער אַ מויד אַנידערגעוואַליעט
נעבן אַ דעמב,
און אָפגעהילכט האָט ווייט און טעמפ
ס׳געשריי.

אין פריילעכן טאָג, מ׳האָט די שעפסן געשוירן,
בין איך געבוירן, —
געבוירן ווילד און דרייסט און אויסגעטראָגן,
ווי עפל, וואָס שלאָגן
אין גאָרטן אויף גראָז, —
אָט וואָס!

איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון מאַמע־שויס פריי,
ווי אַ ליד, ווי אַ שריי,

און הפקר רינט
אין בלוטן מיר די הײסע זינד.
איך בין אַ ממזר־קינד.
עס שרײַט מײַן פּנים:
אַזוי געבוירן װערן געטער און גזלנים.

ר ײ ז ע

דו װעלט, דו כדור־עולם,
פאַרשאָלטענער כישוף־קרײַז, —
כ'װיל בויערן דײַן גלי־בוזעם,
כ'װיל גרײַכן ביז דײַן אײַז.

כ'װיל דײַנע װאָלקן טרײַבן,
דערגרונטן דײַנע גרובנס, —
כ'צעפּליק דעם כישוף־קרײַז,
איך שפּאַלט: קװאַדראַטן, קובן.

*

הײדאַ, הײדאַ, אין װעג!
עקספּרעס! דו מוזט מיך טראָגן, —
איך װיל דעם רויטן זון־פלעק
אין װילד געיעג דעריאָגן.

מיר יאָגן טעג און נעכט,
און שטעט און דערפער פינטלען!
און פעלדער זע איך פלאַכן,
און ס'שפּינען רויטע שינדלען;

און ס'לויפן בוימער, פערד,
באַגנעטן, — קלויסטער־שפּיצן, —
איך בין אַליין אַ בליץ,
צעבליץ זיך מיט די בליצן,

*

בײנאַכט. עס קרײצט זיך אונזער שטרעקע.
שײד־װעג. האַלט. דערגרײכט.
װאָקזאַלן, — רעטעניש־קנױלן,
און ס'אָטעמט און עס לײכט.

אַ װײט־געשפּאַנטע װעלבונג,
אַ שטאָלענער רעגן־בױגן.
מענטשן װאַרטן־דאָרט.
װאַרטן שטיל באַװױגן.

און ס'װעקט זײ אױף אַ קלונג,
און ס'װיגט זײ אײַן װאָס שטילעס, —
װאָקזאַלן זענען אונזערע
נײַע בתּי־תּפֿילות.

*

מיר פֿאַלן אױף די מערק,
אױף פּלעצער, אין געדרענג,
מיר גײען זאַכט אַלײן, —
װאָס איז אונז אַזױ ענג?

אָ, קלאַמערן זיך און װאָרצלען,
װאָרצלען — לאָזן שפּורן,
און אױפֿן שײד־װעג לױערן,
און ס'רופֿן אונז נאָר הורן.

און מיר שפּאַנען אַלץ און שפּאַנען,
און פֿאַרזומפּן אינם שפּרײַז, —
װעלט, דו כּדור־עולם.
פֿאַרשאָלטענער כּישוף־קרײַז.

היידאַ! היידאַ! אין וועג!
עקספרעס, דו מוזט מיך טראָגן;
איך וויל דעם רויטן זון־פלעק
אין ווילד געיעג דעריאָגן.
(יום טוב אינדערוואָכן)

אַ ניסעגזאָן / עס רירט זיך דער באַן...

עס רירט זיך דער באַן; כ'מאַך אַ פענצטערל אויף,
און קוק אויף די פעלדער אַרויס:
אַ בערגל, אַ בוים, און אַ בעטלער אַליין,
און ערגעץ אַן איינזאַמע הויז.

עס קומט פונם טויער אַ מיידל אַרויס,
און לאָזט זיך צום ברונעם אַוועק;
אַ גוי פאָרט אַרויס מיטן וואָגן און פערד
אויפן פייכטן און טויאיקן וועג.

דער וואָגן — אַ הייסער; די פעלדער באַגרינט;
דער הימל איז טיף און איז קלאָר;
דער באַן פאָרט זיך ווייטער, און ס'בלייבט מיר אַ טרוים;
אַ מיידל מיט גאָלדענע האָר...

ליכטיקע טעג

ליכטיקע טעג האָט דער זומער,
דער ווינטער האָט וואונטן פיל;
זיצן זיך מיידלעך ביים פייער,
שפינען דעם פלאַקס אין דער שטיל.

טרוימט דאָרטן איינע פון אירן,
אַלט איז ער נײַנצנטע יאָר.

האָט ער ברענענדע אויגן,
און אַ קאָפּ פּעך־שוואַרצע האָר.

און אַז ס׳וועט אָנקומען טראָיצע,
וועט ער דאַן קומען צו איר ;
מיט אַ פּאָר ברענענדע אויגן
וועט ער זיך שטעלן ביים טיר.

טרוימט אויך די צווייטע פון אירן
און אַזוי — יעדער פּאַר זיך ;
אין די פינגער די שפּינדל
דרייט זיך און דרייט זיך אויף שנעל...

ברענט אינם אויוון דער פייער,
איז אַזוי וואַרעם אין הויז ;
זיצן די מיידלעך און שפּינען
גאָלדענע טרוימען זיך אויס...

(1916)

נ י ו ־ י אָ ר ק

ריזיקע טורעמס און הימלען פון רויך,
טומל פון ווילדע טראַמווייען,
שטיינער, וואָס זענען צעלייגט דאָ אין גאַס,
גלייך מיט די מענטשן זיי שרייען,

פייערן דאָרטן און פייערן דאָ,
אומעטום פייער און פייער ;
האַרט ביי דעם ברעג פון דער שטאָט ליגט דער ים,
פונקט ווי אַ הונט אַ געטרייער.

געשטאַנען איז דער אַמבולאַנס

געשטאַנען איז דער אַמבולאַנס ביים טראָטואַר:
צוויי מענטשן האָבן אין אַ בעטל קאַלטערהייט אַרויסגעטראָגן
אַן אומבאַקאַנטן, און אים שטיל אַריינגעלייגט אין וואָגן.
די רעדער גומענע אַוועקגעקייקלט האָבן זיך אויף דער ערד.
און ס׳האָט קיין מענטש אַפילו ניט געוווּסט וואָס ס׳האָט געטראָפן:
עס זענען גאַס און מענטש אין מילדער, שטילער רויקייט געשלאָפן
און לאַנג געשטאַנען איז די נוירס ביים טיר אַזוי פאַרקלערט.
(1919)

מאָטעל סאַקציער / היים, מיין הפקרע

היים, מיין הפקרע — אַלטער, ניט טויגלעכער בעל־מום
אויף ווייטע קרובימס שענקונג צוגעווינט זיך וואַרטן;
פון יאָרן אָפּגעווישטע דאָ, אַ ווייטער, טויבער שזום
גייט אויף אין מיר, דיין קינד — דעם איינגעשפּאַרטן.

און ס׳בלעטערט זיך אין מיין זכרון אויף אַ יעדער קער
אויף מאָנטיקדיקער גאַס פאַרהאַוועטער, פון טראָט, פון שטייפן,
ווו ס׳האָט מיט פריער זאָרג מיין קינדהייט זיך גענערט
אין צאַפּלעניש פון פריצייטיקן רייפן.

איך האָב דיך אויך אַמאָל געשאָלטן און דערמאַנט
מיט ווידערווילן, מיט רחמנות און מיט עקל
אין ווייטע שטעט ווו כ׳האָב אַ בינטל יאָר צעברעקלט.

נאָר עס וועט מיין נאָמען דיר ניט זיין צו שאַנד,
שטעטל מיינס — ווו ס׳האָבן זיך ווי ווייסע לעמער קוטשעראָווע
מיינע יונגע זעאונגען געפּיטערט — בידנע לעאָווע...

מיך האַרט נישט

מיך האַרט נישט טאָמער וועט אַ ליידאַק גראָב, פּערוועדז,
פּסלען, משפּטן מיין יונגן פּערז
דורך וועלכן ס'האָט דאָס בילד (וואָס אים דעם קונסט־מפונק
העסלעך)
פון ברודנע ארבעטער־קוואַרטאַלן, אָרעמקייט און הונגער־געסלעך
זיך ווי דורך אַ פּריזמע דורגעבראָכן.

און נישט כדאי מען זאָל ווי טענצערינס מיט ווייכע גומי־קנאָכן,
ווי אַ מוזיק־האַל־וועדעט מיר אַפּלאָדירן אין באַגייסטערונג־דעליר,
פון דער אומרויק־פּאַרווירטער צייט, מיט פּראָלעטאַרישער מאַניר,
האָב געקליבן מיינע טעמעס, אינספּיראַציע־קוועלן,
און זיי זאָרגפול אויפגעצילעט אויף אַ גראַם אָריגינעלן.

נאָר מיין נאָמען, וואָס אי פיינט, אי פריינט געהאַט, ענטוזיאַסטן,
אין די שטעט ווו כ'פלעג אַזויפיל תעניתים פאַסטן
מערער פון אַ צדיק וואָס צו גאָט זיך חנפעט, אַן אַסקעט, —
אויב מיין נאָמען ווי אַ שיף מיט הויכע מאַסטן וועט,
מיט אַנדערע אַ סך, אין די שטורעמדיקע וואַסערן פון לעבן
דערשווימען צו די בלויע האַפנס פון שפּעטערע עפּאָכן,
וועט זיך דאַן פאַרטראַכטן אפשר ווער, אַז מיר האָבן זיך ניט
נאָכגעגעבן
דעם שקיעה־גייסט פון צייט, דער צייט פון שווערע איבערבראָכן.
(הערפּאַר...)

אברהם סוצקעווער / מיט פאַרקאַשערטע אַרבל

אָ דאָרט, ווו דער טאָג זיינע פאַרבן
צינדט אָן איבער טאָלן און בערג,
שטיי איך מים פאַרקאַשערטע אַרבל
און שאַף מיר מיין זינגענדיק ווערק.

פון שטראַלכעלעך, קלאַנגען, סיגנאַלן,
פון זעאונגען זוניק געזען,
הויבט מיך אָן פלוצים באַפאַלן
דער וווּנדער פון העלן געשען.

אין אָנהויב איז אַלץ מיט טומאַנען,
אין אָנהויב איז גאָרנישט ניטאָ;
ביזקל — איך ווייס נישט פונוואַנען —
הילט זיך דער הימל אין בלאָ,

און דורך אַנטפלעקטע געוועבן
וווּ ס'פורעמט זיך אויס דאָס באַשאַף,
פלאַטערט אַריינעט דאָס לעבן
וויליונגעריש, ליכטיק און בראַוו.

עס טוען אַ פּאָך זיינע פליגל
אַזוי ווי אַ גאָלדענע שער, —
ביז אויף יעדער שלייער און ריגל
פאַלט אָפּ און פאַרצוימט שוין נישט מער.

ביז אויך מיין פאַרבענקטע אַליינקייט
וואַכט אויף אין דער פריידיקער מי;
און כ'וואָרצל זיך איין אין דער שיינקייט
אַזוי ווי אַ בוים אין געבלי.

ווי פידעלעך, גאָלדענע, בלויע
צעהענגען זיך רגעס אין שיין,
דאָס האַרץ טוט אַ שפרונג און אַ וואָיע
אין אָפענעם לעבן אַריין...

און פון האָריזאָנטן פון רונדע,
זע איך: עס וואַקסט. עפעס העלט.

אַ זון, אַ געזאַנג, העלער־ווונדער,
אַ וואַלד, אַ מדינה, אַ וועלט!

בריליאַנטענע שטילקייט. עס גאַפן
די אויגן אין ראָזעוון בלענד.
— האָב איך עס אַליין איצט באַשאַפן,
אַליין, מיט די אייגענע הענט?...

היינט האָט זיך מיין צימערל

היינט האָט זיך מיין צימערל צעשמעקט מיט ווייטע קנאָספּן.
אַ ליבשאַפט אַ בלוי־אויגיקע האָט אָנגעקלאַפּט אין שויב.
פון די טיפסטע טיפענישן, אומבאַקאַנטסטע וויאָרסטן,
האָבן קוואַלן ריזלדיקע זיך געטאָן אַ הויב
און אָנגעטרונקען זיך מיט נייעם גלויבן.
באַלד האָט מיך אַ מערצווינט פאַרן טשוב
ווי אַ פאָן אַ ריס געטאָן פון שטוב,
און כ׳האָב דערזען די גרויסקייט פון אַ גרעזל,
וואָס לוגט אַרויס פון שנייען
ווי אַ שוואַלב.
„ווי קליין בין איך אַנטקעגן אים, אָ, וואַלד!״
און ס׳האָט אין מיינע ווייַנענדיקע האָר אַרומגעשטיפט אַ שטראַלכל
ווי אַ העזל...

(1936)

און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום

...און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום
ווען יענער וועט הייבן פאַרחלשטע פויסטן
און פרעגן: ווער בין איך?

— דיין טאַטע האָט גלייביק פאַרהויבן זיין קאָפּ...
איבער אים איז אַריבער אַ פינצטער געפלייץ

מיט קאָכיקן אַש
און צעשמאָלצענעם שוועבל.
און מיטגעשלעפּט אים,
זיין ווייב,
זיינע קינדער,
שול און בית־עולם.
און מיטגעשלעפּט אויך די פאַרגאַנגענע דורות,
און די, וואָס באַהאַלטן
אין טראַכט פון דער צוקונפט...
ווייל דער, וואָס קומט אום
דערהרגעט די דורות
וואָס יוירן אין אים
און וואַרטן אויף אויסלייז. —
נאָר דו ביסט געבליבן,
ביסטו דער ירשן:
אַ זאָמענדל קדושה אין ווינטישע פינגער
פאַרבערעקלט אויף שטיינערדיק־חרובע פעלדער — — —

אַ טיילכל, וואָס איז
אַ פאַרקלענערטע גאַנצקייט.

און אויב ער וועט פרעגן:
— און ווי איז מיין נאָמען?
ענטפער דעם יתום:
— דיין נאָמען איז פאָלק,
ווייל אַזוי האָט געהייסן דיין בערדיקער זיידע
אין אייביקן וואָגל אויף הינטישע וועגן...
און ווייל אין דיין טראָפּן
ראַנגלען זיך וועלטן,
און פעלקער דיך שלאָגנדיק
ווערן געשלאָגן

און פֿאַלן געבלענדטע
אויף אייגענע שווערדן —
איז וועב אין די נאַכטיקע פֿרעמדן
דיין פֿרילינג,
ריין ווי אַ קוואַל
קעגן ליכט פֿון באַגינען.
ווייל דו ביסט אַ בלוטיקער נס
און אַלצייטיק —

אַ טײַלכל, וואָס איז
אַ פֿאַרקלענגערטע גאַנצקייט — — —

און אויב ער וועט פֿרעגן:
— פֿאַר וועמען?
איז ענטפֿער:
— פֿאַר יענע, וואָס וואָרצלען אַרויס פֿון דיין האַרצן
און וועלן דעם גייסט פֿון מיליאָנען
פֿאַרוואַנדלען
אין אַ וואַרעמער היים
פֿאַר אַלע יתומים...
פֿאַר די, וואָס אַליין וועלן קנעטן דעם גורל
נאָך אייגענעם חלום
נאָך אייגענעם פֿורעם...
און דו, וואָס דיין נאָמען איז פֿאָלק,
און דיין פּנים —
אַ חרובע נעסט
אָן פֿייגל,
אָן טענער, —
קלעטער אַרויף אויף די טרעפּ פֿון דער נאַכט,
באַגעגן דעם אויפֿגאַנג
און שריי אים אַנטקעגן:
— רייניק מיך זון אויף דאָס ניי

און זיי מוחל,
אַלץ וואָס געווען איז דעם גורלס אַ טעות.
— — — — — — — — — —
כ׳וועל צוגרייטן אמתע טעג אָנשטאָט קברים,
כ׳וועל אויסבויען אייגענע שטעט מיט מיין אָרעם.
און דאָרטן וועט קומען די אייביקייט וווינען
און טעג וועלן לייכטן אין גילדענע קרוינען!
(די פעסטונג)

י. י. סיגאַל / דאָרף

קליין וואַסערל אונטערן גרין־פוס פונם באַרג,
איך וועל מיט דיר אַוועקגיין גוט־זיין,
טיילן שעפּטשעניש, ווינטער־ווערטער,
די שעהן און די גראָזן און די ווינטמילן,
וואָס אַרבעטן אַ גאַנצן אָסיען
כ׳וויל האָבן איבער זיך און אַרום זיך
אַ רוחבות פון בייטאָג און הימלטיפן.
אין איידער כ׳גיי אַריין אין שאָטן פון פאַרנאַכט,
זען די וועלט זיך שפּילן קינדערש, חלומדיק, גאָלדיק,
און ווען דאָס גאָלד נעמט אויסגיין,
אַריינטרעטן מיט פאָרכטקייט
אין בלויען קאָרידאָר פונם פאַרנאַכט
און וויטער טונקלער טרעטן אין די טונקלקייטן
קליין וואַסערל איבער דער אומענדלעכער רו און ערד.
אַלע וועלדער שלאָפן.
אַלע פעלדער רוען,
אַלע ערדן ליגן שטיל.
און מיר ביידע גייען, גייען,
גייען זיי פאַרביי.

וואָהין גייען מיר?
צו די בערג,
צו די שטילסטע בערג.
צו די אַלטסטע וועלדער.
צו די ברעגן וועלט.

(1946)

א י י ב י ק

די טרערן ליגן קאַלט אויף דיינע באַקן.
אָן טרייסט. אייביק, אייביק אַזוי.
דו זעסט קוים און דיין קינד ווערט גרויס.
און דיין קליינע שטאָט ווערט גרויס.
די אַלטקייט פון דער צייט
וועבט שפּינוועבס אַרום דיר
און פאַרווינקלט דיך.

און פון אָוונט און אָוונטן
גייען מענטשן נאָך מענטשן.

אין אַלע הייזער שטאַרבט מען.
אַלע דערוואַרטונגען קומען קרום.

אַלע אויסגעגלייכטע וועגן
פאַרווילדעווען צוריק אין חורבות.

פאַרשטיל דיין האַרץ.
איינמאָל אין אַ יאָרטויזנט
פליט דורך אַ מלאך איבערן הימל.

אַלטע יידן זענען צוגעווינט צו גאָט,
צו דער וועלט, ווי צו אַן אַלטגעזעסענער שטאָט

און איך זיי
בלייבן אַמאָל פאַרשווייגן פון ספקות.

אין אַלע הייזער שטאַרבט מען
און — אַלע דעכער פאַרבט מען
לכבוד פרילינג אין רויט און גרין.
און די זון — די גרויטע גאָלדענע בין
גיט אייביק איר וואַרעמען האָניק
צו די קינדער פון ערד.

(1928)

אין האָלבליכט

עס וועט נאָך דאָ בלייבן אַ שטיבל
ווי עטלעכע אַרימעלייט,
וועלן זיך קומען דערוואַרעמען
מיט מעשות פון יענער זייט צייט.

אַ צדיק פון פרייד און יום־טוב
האָט האָפנונג געבראַכט פאַרן דור.
ווי לאַנג האָט געדויערט דער יום־טוב ?
דאַכט זיך דרייצענדליק יאָר.

און נאָכדעם פלעגט דער צדיק דער גוטער
זיך ווייטיקער ווייזן אין גאַס.
דער ליכטיקער שטערן — אין קנייטשן,
דער קאָפּ און די באָרד גראָער אַש.

דער רוקן געבויגן אַביסל,
אַן אומעטיקן שטעקן אין האַנט.
און לאַנגלאַנגע שאָטן זיך וויגן
מיטן עלנטן פנים צום וואַנט.

מ׳האָט מורא געהאַט פרעגן דעם צדיק
וואָס ס׳איז געשען און פאַר וואָס.
דער בוים האָט געוואָרפן די בלעטער,
האָט געל זיך געלאָשן דאָס גראָז.

דריי טעג מיט אַ ווייַנענדיקן רעגן
און נאָכדעם אַ טאָג מיט טומאַן.
און וואָכעדיק שווער איז געוואָרן
אין ישוב אין שטילן אומאַן.

אין שטוב פונם צדיק האָט געלבליך
געקאָפּטשעט אַ ליכטל אַ גרויס.
אַ ייִד איז אין שטומקייט אַריין דאָרט
נאָך שטומער פון דאָרטן אַרויס.

ביים שטענדער אַליין מיט אַ ספר,
און דער הייליקער ספר — פאַרמאַכט.
איז געזעסן דער צדיק אַ שטומער
פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט.

געזעסן אַ יאָר נאָך אַ יאָר אַלץ
קיין וואָרט ניט אַרונטער פון ליפּ.
אַחוץ וואָס דער שטענדער דער אַלטער
פלעגט טאָן מיט די ביינער אַ סקריפּ.

נאָר ייִדן ווי תמיד, ווי תמיד,
פלעגן קומען — אַריין און אַרויס.
און זיצן אַ שעה אין טיף שווייגן
אין צדיקס פאַראַבלטן הויז.

און קוקן מיט ליבשאַפט און טרויער
אויף אים פונדערווייטנס ביים וואַנט,

און בענטשן די שעה פון זיין לעבן,
דעם שיין פון זיין בלייכער האַנט.

דעם שאָטן וואָס הינטער אים דרימלט,
דעם שטויב וואָס פון אונטער זיין טראָט,
און האָפן מיט מורא און אומעט
אַז ווען עס איז וועט זיך דער סוד,

דער סוד פון זיין שווייגן טאָג־אָפטאָג,
און אויפהייבן וועט ער זיין בליק,
און שמייכלען צו זיי, אַ גוט־יום־טוב!
און עפענען דעם ספר צוריק.

און אָנהייבן מיט אַזאַ ניגון
וואָס קיינער האָט נאָך ניט געהערט,
און אַלטינקע וועלן זיך וויגן
מיט זילבערנע הייליקע בערד.

און ער וועט אין מאַרק אויך אַרויסגיין
און ליכטיק וועט קלינגען זיין קול — — —
פאַרוואָס קאָן ניט נאָכאַמאָל ווערן
פון היינט אַ געבענטשטער אַמאָל!

פאַרוואָס קאָן אַ בוים נעמען גרינען
פונסניי איטלעך יאָר, איטלעך יאָר?
פאַרוואָס זאָל ניט אויפגעריכט ווערן
מיט בענטשונג דער אבלער דור?

פאַרוואָס קאָן דער טייך נאָכן ווינטער
זיך ווידער צעעפענען ברייט
און שטראָמען מיט פרישקייט און פרייקייט
און אָנטרינקען לאָנקע און בייט?

פאַרוואָס קאָן דער חלום דער יונגער
נאָך אויפלויכטן ליכטיק און קלאָר
אין מירייקן דרימל פון זקן,
און נאָר אונזער אָרימער דור

קאָן אַליין זיך צו גאָרנישט דערוואַרטן,
און ס'ליגט ווי אַ ספר פאַרמאַכט
פאַר א'ם אי די ערד, אי דער הימל
אין האַלבליכט פון ערב, פאַרנאַכט ?

(1946)

חיים סעמיאַטיצקי / פרילינג

ס'האָט דער טאָג אָפּגעדעקט
דאָס קלאָרע העמדל פון דער ערד, זי געגלעט,
ליגט זיך ערד צעטאַוועט, הויל
אין איר שוואַרצער נאַקעטקייט,
און זאַפּט אַריין דאָס פוילעניש פון מיסט,
וואָס ליגט צעלייגט איבער איר,
אין איינגעוויייד יוירט די גרינע זאַנג,
זויגט פון טונקעלע ערדישע ברוסטן,
און שפּאַרט אַרויס.

ווי גוט עס איז צו גיין

ווי גוט עס איז צו גיין אַליין
אויף וועגן אין די פאַרטאָגן,
צו זיין מיט פעלדער אין קוועלנדיקער יחידות. —
מען שפּירט, ווי מען איז מיט טאָג צוזאַמען
ניי אויף וועלט געקומען,
לייגסט צו אַן אויער צו דער ערד
און הערסט, עס יוירט

די אויגן זענען מזרוס, — ווו עס רייסלען
זיך די טאָגן.
די האָר — גראָזן, ווו עס הענגען שגירעלעך טוי.
נישטאָ קיין ווייט,
אויף די אַקסלען ליגן לייכט די וועגן.
כ'בין מזרח און מערב, צפון און דרום,
כ'גיב אַ פּאַטש דער ערד,
ווי אויף אַ ברודערשער פּלייצע
און זאָג:
דו ביסט מיין!
כ'וועל, ווי דו, צעוועלקן
און, ווי דו, ווידער גרינען.

(1935)

ווינטער־ליד

ס'האָבן וועגן מיט ווייס זיך צעבליט
און אויסגעגליכן מיט פעלד,
ביימער לאַכן העל, ווי קינדער, אָנגעטאָן אין נייע העמדלעך,
שטערן שייבען, ווי אויסגעשלאָפן,
און טייכן — וועלטס ווייגענדיקע אויגן —
לאָזן אייזיקע ווייס אַראָפּ
פאַרן בלענדן פון שניי.
ס'איז מסתם געווען אַ שרפה היינט אין מיטן נאַכט,
איז וועלט אַרויסגעלאָפן אין בלויזן קלאָרן העמד.

אויב ס'וועט הענגען אַ ליד אין מיר

אויב ס'וועט הענגען אַ ליד אין מיר,
ווי אַ בלעטל אויפן בוים —
ווער וועט דאָס צעפּלייען?

דורך די שפּאַרונעס פון מיין טיר,
וועט אַריינבלאָזן אַ ווינט
און וועט זאָגן — שוין.

אָדער איינס וועט ווערן צייטיק,
ווי אַן עפּל אויפן בוים,
אַ צווייטס — ווי אַ שוואַרצע פלוים,
וועט עס זיך אָפּרייסן
און זאָגן — כ׳וויל שוין זיין אַליין!

(אויסגעשטרעקטע הענט)

אַלטער עסעלין / קאַליידאָסקאָפּיש

דער טויט קומט אין אָרים הויז אַריין אַ זיכערער, —
ווי אַ גאַסט צו אייגענע — ער קלאַפּט ניט אָן אין טיר,
ער איילט ניט און זאַמט זיך ניט,
און נעמט מיט פעסטע הענט וואָס אים איז אָנגעגרייט.
נאָר ביים ערשטן זאַלפּ פון אויסגעפּראַלטע קעלן
וואָס שטראָמט מיט יאָמער פון דעם אָרימשטוב
און טראָגט זיך אין וויסטן חלל ביז דאָס האַרץ פון גאָט, —
בלייבט ער שטיין געפּלעפט און בויגט זיך אין חרטה:
דערפאַר טראָגט ער שטענדיק-שוואַרצע קליידער
און ווייסט ניט פון טרייסט און העלע מראה.
נאָר זויגלינגען אין די שויסן
און קינדער אין די וויגן
באַקומען דעמאָלט קלאָרע וויטזיכטיקע אויגן,
און זעען אים ווי אין אַ רעגנבויגן.
צום ערשטן מאָל דערהערן זיי דעם קול פון אמת
וואָס איז אייביק — ווי ערד און הימל.

(1930)

וואָס מ׳זעט אין דער לבנה

צום וויפילטן מאָל דערקען איך אין דער לבנה
געזיכטער באַקאַנטע,
ערשט נעכטן געזען אַ שאַרפֿן פּראָפֿיל פֿון דאַנטע
אין אַ ראַם פֿון נעבולע, באַזוימט ווי אַ קירכנאיקאָנע.
ניט איינמאָל געזען אין פֿאַרביקע וואָלקנס מאַסיווע,
ביי אַן אָפֿענעם ספֿר, דעם מופֿלג רבי עקיבֿא —
דעם לייוונט־בלייכן שפּינאָזע
אין גאָר זיין עלנט — זיין גלאָריפּאָזע...
איך האָב אין די וואָלקנס געזען אַזוי ווי מ׳זעט אויף אַ פֿילם
מיין זיידן אין טלית און תּפֿילין:
שש — אין מפסיקין,
ברוך הוא וברוך שמו. —
איך וואַרט אויף אַ נאַכט ווען דער הימל איז בלוי
שטערן — קרישטאָלענע שויבן,
לבנה פֿלאַקערט דורך עמבער
און איך וועל דערזען אין פֿראַק און צילינדער
דעם לאָרד משה לייבן:
— „אַהאָ, אָהאַ אַ מענטש איז דאָ״
וואָס מאַכט מען אין לאַנד פֿון לידער?
— ניט שלעכט, משה לייב, וועל איך זאָגן,
ניטאָ זיך אויף וואָס צו באַקלאָגן,
מ׳שרייבט, וואָדען, מען ניט שרייבן קיין לידער?
מ׳ווערט בלויז אַ ביסעלע מידער.

כ׳בין לאַנג ניט געווען אויף דעם ווערטער־יאַריד
און איך ווייס ניט ווי הויך, צי נידעריק
דער קורס פֿון דער ניקערבאָקער גילדע האַלט
נאָר אין שטעטל אַדאָ בין איך שוין באַלד
דער לעצטער און איבעריק.

אַז פאַר לידער אַ פּאַק וואָס איך שרייב אין אַ מאָנאַט
קלעקט ניט אַפילו אויף קאָפּי מיט דאָ נאָט.
אַז אָרום און אַרום זעגען מייגע פּאַרער —
אַ כוצן ״דזשואיש רידער״
אין ווערן ניט מערער.
באַלד און אויך זיי וועלן פאָרן,
צו אַלדע גוטע יאָרן —
פאַר וועמען לידער ?

(1946)

י. פּאַפּיערניקאָוו / ווי מען בייזערט זיך

ווי מען בייזערט זיך אויף אַ געליבטער
און מען ווערט צו איר פון טענות אָנגעצונדן —
בין איך, צווייטע היים מייגע,
מיט דיר געוואָרן ברוגז,
און אַ ברוגזער — מיט דיר מיין גורל שוין פאַרבונדן.

כ׳האָב שוין מער און גאָרנישט אויסער — דיך,
ס׳איז הינטער מ׳ר געריסן שוין די בריק,
נישטאָ, נישטאָ שוין קיין צוריק
צו אַלץ, וואָס כ׳האָב געלאָזט ווו הינטער זיך.

און אפשר איז מיין אַלטע היים נישטאָ שוין מער, נישטאָ
אַ חוץ די הענגענדיקע הימלען —
נידעריק און גראָ,
ווי אויסגערונען
איבער אַלע מיינע נאָענטע און אייגענע,
וואָס זוכן בלויז דעם אויס׳וועג צו געפונען,
און ווי וויינענדיקע ווערפּעס ביי די טייכן —

טראָגן זיי פאַרלוירענע קעפּ
צעשלאָגן, ווי פון שווערע דונער־קלעפּ...

נישטאָ, נישטאָ קיין צוריק,
און כ'האָב זיך, לאַנד, מיט דיר פאַרבונדן,
ווי מיט אַ באַנדאַזש אויף מיינע ווונדן.

ר ו ף...

ווי נעמט מען איצט אַ טאָג, ווי נעמט איצט אַ נאַכט
פון יענע טעג און נעכט, וואָס זענען דאָ אַוועק,
ווי ס'וואָלט זיי אַ פּאָעט, אַ בעל־חלומית אויסגעטראַכט —
ווען חלום איז געווען ביי אים דאָס אייביקע פאַרמעג.

ווי נעמט מען זיי אַצינד, מיט זייער פאַרב און קלאַנג
פון גאָלד און זילבער, וואָס דערמאָנט נישט אָן קיין געלט...
נאָר — פון אַזאַ געלייטערט ליכט און פון אַזאַ געזאַנג,
וואָס קומט פון איבערמענטשלעכקייט און טראָגט צו איבערוועלט.

ווי נעמט מען איצט די טעג, ווי נעמט איצט די נעכט,
וואָס זענען דאָ אַוועק און האָבן בענקשאַפט בלויז
געלאָזט מיר דאָ נאָך זיך, געלאָזט, ווי אַ געטרייען קנעכט,
וואָס וואַכט און היט, און גייט פון הינטישער געטרייטשאַפט אויס...

* *
*

פון גאָרנישט געוואָרעמט פון גאָרנישט דערהויבן —
ווי קען מען דען זינגען? ווי קען מען דען לויבן?
ווי קען אַ געוויקס זיך צעוואַקסן, צעבליען,
צו זון און צו בלאָקייט פון הימלען זיך ציען,
און טיף — אויך דעם וואָרצל אין דר'ערד אַריין שלאָגן —
צו קענען אַמאָל נאָך דעם שטאַם אויף זיך טראָגן;
ווי קען עס, אז — ס'פאַלט נישט קיין טוי און קיין רעגן

אויף אים, אויסער: טרוקענער שטויב פון די וועגן.
און ס'טרוקענען אויס פאַר דער צייט נאָך, די בליטן,
וואָס נעמען פאַרדאַרט און פאַרחלשט זיך שיטן
און ווערן, ווי שטויב, פון די ווינטן געהויבן —
— — — — — — — — — — — — — — —
ווי קען מען דען זינגען? ווי קען מען דען לויבן?!

(מיט לענדער גלייך)

דער באָרוועסער שיינקייט

לויב צו דיר —
באָרוועסע שיינקייט און אָרעם־קלייד, לויב!
מיין אונטערטעניקייט צו דיינע פיס,
אויף וועמענס נאַקעטקייט עס רוט
דער דינער, ווייסער שטויב.

לויב צו דיר, כאָטש כ'בין דיר פרעמד,
און ווייס נישט אַז ביים טאַטן דיינעם:
מלך „פאַן" אין גרינעם מלכות —
בין איך דער געטרייסטער שומר;
אַז אין שאָטן פון אַ בוים
אונטער גרינע בלעטער־שירעמס —
היט איך אָפּ דיין אָנקומען פרימאָרגנס,
ווען צעשיטסט אין וואַלד
דיין זוניק געזאַנג,
און פלאָנטערסט אָפּ אין ווילדן גאַנג —
די שוואַרצע שלאַנגען־לאָקן פון די צווייגן...

לויב, מיין לויב דיר —
באָרוועסע שיינקייט אין אָרעם־קלייד!...

(פון ערשטן שניט)

היים

זאָל עס זיין אין אַ לייוונטן צעלט,
אין אַ כאַטקע פֿון שטרוי און פֿון ליים.
זאָל עס זיין, ווו ס'זאָל זיין אין דער וועלט, —
נאָר, אַן אייגענע, וואַרעמע היים.

לאָמיך וויסן ווו כ'זאָל נאָר נישט זיין,
אַז ס'איז ערגעץ פֿאַרהאַן הינטער מיר,
אַזאַ האָב און פֿאַרמעג, וואָס איז מיין,
אַז ס'דערוואַרט מיך אַ שוועל און אַ טיר;

אַז אַ פֿענצטער קוקט אויס מיך פֿון וועג,
פֿאַרן פֿענצטער: אַ בוים און אַ באַנק,
און אין שטוב: אַזאַ אָרעם פֿאַרמעג,
וואָס איז ליב, ווי אַ טייער געזאַנג;

ס'ליגט די רו איבער אַלץ און אויף אַלץ,
און דאָס אַלץ, איז: אַ טיש און אַ בעט,
אויפֿן טיש: ברויט, אַ מעסטעלע זאַלץ,
און אַ מעסער, אויף שניידן צו זעט.

און אַ יום־טובֿ, איז: אוגערקעס, קרויט,
און עס קיצלט דער אָקרעפּ אין נאָז,
און מען כראָמקעט דאָס זויערס מיט ברויט,
און ס'איז גוט, כאָטש מען ווייסט ניט מיט וואָס...

און ווען ס'פֿאַלט שוין דער טאָג אויף די פֿיס
און צעלייגט ווי אַ שעפּס זיך אַזוי —
שלאָפֿט די נאַכט זיך אַדורך אַזוי זיס,
ווי אויף נאָר־וואָס געקאָסעטן היי.

זאָל עס זיין אין אַ לייוונטן געלט,
אין אַ כאַטקע פון שטרוי און פון לייב,
זאָל עס זיין, ווו ס'זאָל זיין אין דער וועלט, —
נאָר, אַן אייגענע, וואַרעמע היים. (היימווי)

צום מענטשלעכן וואָרט

וואָרט, דו וואָרט — אומשולדיק קינד,
ווי קען מען זיך מיט דיר היינט צערטלען און שפּילן,
אַז שטורעם גייט נאָך שטורעם, ווינט נאָך ווינט,
און ס'פאַלן און צעפאַלן זיך אויף בלעטער־שטויב — געפילן.

וואָרט, ווי גיט מען איצט זיך אָפּ מיט דיר,
ווי קען מען האַרציקייט און וואַרעמקייט דיר שענקען,
אַז — יעדער ריינסטער ווונטש בלייבט נאָר אויפן פּאַפּיר,
און דער זכרון וויל דעם צוזאָג נישט געדענקען.

וואָרט, ווי זינגט מען איצטער אויס אַ ליד,
אַז ס'זאָל נישט לייב און לעבן ווי אַלץ — פאַרלירן,
אַז דו דאַרפסט זיין אַ מעסער און אַ שניט,
וואָס זאָל דאָס האַרץ און דאָס געוויסן פון דער וועלט אויך — רירן.

וואָרט, ווי שוואַך דו ביסט אַנטקעגן נויט,
ווי נישטיק אין פאַרגלייך מיט יענע מאַסן,
וואָס ווילן דו זאָלסט בלייבן פּשוט — ברויט
פאַר די, וואָס לערנען זיך אין הונגער — האַסן.

וואָרט, דו וואָרט — אומשולדיק קינד,
ווי קען מען איצט מיט דיר זיך צערטלען און זיך שפּילן,
אַז שטורעם־ווינטן וואָיען ווי די הינט,
און ס'פאַלן און צעפאַלן זיך אויף בלעטער־שטויב — געפילן.
(פאַר מיר און פאַר אַלע)

איציק פעפער / פייער

ס׳איז יעדערן באַשערט זיין ביסל פייער,
וואָס וואַרעמט און וואָס לייטערט און וואָס שטאַרקט
און וויל איז דעם וואָס האָט זיין פלאַמיקן צושטייער
פאַר קומענדיקע דורות נישט געקאַרגט.

ניט אַלע ווילן היינט זיך שוין פאַרגינען
צעפּאַקלען זיך פאַר מאָרגנדיקע טעג.
זיי בלייבן בלויז דער רויך אין דעם באַגינען
זיי בלייבן בלויז דער רויך פונם געשלעג

אין איינעם גיט אַ בליץ, אַ בליץ אַ בלויער,
אַ בליץ — און ווערט מיט קאַלטן אַש באַשיט
און דאָס איז אַלץ, די שוואַרצע ראַם פון טרויער
באַריימלט זיין פאַרלאָשענעם געמיט.

אַ צווייטער טראָגט אַ פלעמעלע אַ קלינגס,
אַ רויקס, ווי אַ ליכט אויף אַ קאַמאָד —
עס וועלקן האַרבסטן און עס קומען פרילינגס,
דאָס פלעמל זעט מען ניט. עס איז אַ סוד.

און ווי אַ פוסטע קאַנעץ צאַנקט דער דריטער,
ער טשאַדעט און אים דאַכט, אַז ער ברענט.
ווי אָרעם און ווי טונקל איז זיין ציטער
אויף שטילע בין השמשותדיקע ווענט.

אַ פערטער רוישט מיט פלאַמענדיקן גאָרניט.
ער שפריצט מיט פייערלעך אויף יעדן קער. —
נאָר ס׳יאָגט אַ קעלט פון זיי, און ס׳האַרט דיך אויף קיין האָר ניט,
ס׳איז פייער־ווערק, וואָס שווינדלט, און ניט מער.

ווער דאַרף דעם רייטער, וואָס האָט אָפּגערייטערט
און האַלט זיין ביסל פייער אויף אַ שלאָס?
אַ לויב צו די וואָס טראָגן צושייטערט
און ווייסן צוליב ועמען, צוליב וואָס.

אַ לויב צו די, וואָס האָבן זייער פייער
געוואָרפן אויף די וואַגשאָלן פון שטרייט,
וואָס האָבן זייער פלאַמיקן צושטייער
געשענקט דעם לאַנד, די דורות און דער צייט.

(שיין און אָפּשיין)

באַלאַדע וועגן דעם פאַריאָריקן שניי און זיין ווייסקייט

ווער געדענקט ניט דעם שניי, דעם פאַרטרוימטן און קלאָרן,
דעם געבענטשטן, דעם לויטערן — פון פאַריאָרן,
ווער געדענקט ניט דעם שניי?
וויפל ליכטיקייט האָט ער צעזייט ביי די טירן,
וויפל זויבערן זילבער אויף וועגן פאַרלירן? —
ווער געדענקט ניט דעם שניי?

זיין יאַנוואַריקער פלאַם האָט געפינקלט אין שויבן,
ס'האָט פון טאָלן פון שנייאיקע בערג זיך געהויבן
זיין יאַנוואַריקער פלאַם,
ס'פלעגן פאַלן פון הויך ניט קיין שנייאיקע שטויבן
איבער פעלדער און וועלדער אויף פליגל פון טויבן —
זיין יאַנוואַריקער פלאַם.

און מיט קאַוועניס־זאַפט האָט געשמעקט פון די ביימער,
ס'האָט פון וועגן געשמעקט מיט אַ שיין אַ געהיימער
און מיט קאַוועניס־זאַפט,

און אין שניי איז געגאַנגען אַנטקעגן מיין היים מיר,
און מיט ווייסקייט, מיט ריינקייט געשמעקט האָט דער שניי מיר,
און מיט קאַוועגעס־זאַפט.

ווי אַ רויך איז אַוועק יענער זילבערנער ווינטער,
זיין פאַרטייעטער סוד, אין די פרעסט אַ געשפּינטער,
ווי אַ רויך איז אַוועק.
ס׳ליגן גריבער ביים וועג, ווי די ליידיקע טינטערס,
און די רו פון די בערג, און די רו פון די׳ צווינטערס,
ווי אַ רויך איז אַוועק.

טוט אַ קוק אויפן שניי, ווי ער ליגט איצט צעקנאָטן,
און מיט דייטשישע קויטיקע פגרים פאַרשאָטן,
טוט אַ קוק אויפן שניי, —
ס׳האָט דער טויט אויף זיין זיידענע ווייסקייט געטראָטן
און מיט פלעקן באַזעצט האָט זיין ריינקייט דער שאָטן, —
טוט אַ קוק אויפן שניי!

איז דאָס היינטיקע יאָר דען אין שיין ניט געבוירן,
און ניט גרויס און ניט לויכטנדיק, ווי פאַריאָרן
איז דאָס היינטיקע יאָר?
איז דער שניי ניט געפאַלן פון הימל פון קלאָרן?
צי אין ווייס־בלויע טעג ניט צעוויקלט געוואָרן
איז דאָס היינטיקע יאָר?

ס׳איז אַזוי, ס׳איז אַזוי, נאָר דער וועג דער פאַרשנייטער
איז אַן אַנדערער שוין, איז ניט דער, איז אַ צווייטער.
ס׳איז אַזוי, ס׳איז אַזוי,
און דער שניי ליגט פאַר אייזערנע טלאָען אַ גרייטער,
און דער שניי ליגט מיט ווייסקייט שוין לאַנג אַ צעשיידטער...
ס׳איז אַזוי. ס׳איז אַזוי.

קאָן דאָס זיין ? קאָן דאָס זיין ? איז דער שניי שוין צעגאַנגען ?
איז זיין ריינקייט אַ טרוים און זיין זון איז פאַרגאַנגען ?
קאָן דאָס זיין ? קאָן דאָס זיין ?
האָבן שדים זיין ריינקייט אין נעצן געפאַנגען ?
אין זיין ליכטיקער לופט קרעכצן תליות אויף שטאַנגען ?
קאָן דאָס זיין ? קאָן דאָס זיין ?

בלוט אויף שניי, בלוט אויף שניי. גיי אַרויס אויף די וועגן —
לויפן הויכע קורגאַנעס מיט בשורות אַנטקעגן:
בלוט אויף שניי, בלוט אויף שניי.
גיי אַרויס צו די בערג, גיי אַרויס צו די ברעגן,
וואַרפט די ערד דיר אין פנים איר שרעקלעך פאַרמעגן:
בלוט אויף שניי, בלוט אויף שניי.

ס'איז זיין ריינקייט פאַרשוועכט, ס'איז זיין זויבער פאַרשפיגן,
אויף מיין אָרעמען שניי כלבים דייטשישע ליגן,
ס'איז זיין ריינקייט פאַרשוועכט.
און נבלות פון רוים אויף זיין רחבות זיך וויגן,
ס'ליגן שטאָלענע שפּאַרבערס — צעבראָכענע פליגל,
ס'איז זיין ריינקייט פאַרשוועכט.

אויף זיין לויטערער פלאַך טאַנצן צינדער, פאַרברעכער,
ס'פאַלן קוילן פון ווענט, ס'פאַלט דער אַש פון די דעכער
אויף זיין לויטערער פלאַך,
ס'קוקן פענצטער אין גאַס מיט די פינצטערע לעכער,
ס'קריכן דייטשישע שלענג מיט פאַרבלוטיקטע בעכערס
אויף זיין לויטערער פלאַך.

מיט פאַרבראָכענע הענט שטומען שנייאיקע ביימער
און דורך ווינט און דורך נאַכט פאָכט מיין שטעטלשע היים מיר
מיט פאַרבראָכענע הענט.

ס׳שרייט מיין דאָרף פון דער ווייט, ס׳איז כאַקאָנט דער געשריי מיר,
און מיין פאָטער איך זע אין דער פינצטערניש, ווי׳ מיר —
מיט פאַרבראָכענע הענט.

מיין נקמה, שטיי אויף אויף גזלנים און רויבער,
יעדער סימן פון רו און פון דרעמל צעשויבער,
מיין נקמה, שטיי אויף!
ס׳ליגן שנייען באַדעקט מיט אַ נאַכט מיט אַ טויבער,
עס באַמייקעט דער שיכורער דייטש זייער זויבער,
מיין נקמה, שטיי אויף!

ווי איך בענק נאָכן שניי, דעם פאַרטרוימטן און קלאָרן,
דעם געבענטשטן, דעם זויבערן, פון פאַריאָרן,
ווי איך בענק נאָכן שניי,
וואָס האָט ליכטיקייט בלויז אויף די פעלדער געבוירן,
וואָס האָט בלענדיקע ווייסקייט געשענקט די קאַיאָרן,
ווי איך בענק נאָכן שניי.

(מ.׳חמה-באַלאַרעס)

שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ

ז.

פאַרוואָס זענען פרות ניט גיפטיק ווי שנאה,
פאַרוואָס זענען גראָזן ניט רויטע נאָר גרינע?

דער הימל איז רויט שוין פון ערדישע פלאַמען,
און רויט איז די ערד שוין פון בלוט און פון בושה,
און רויט איז דער שוים אויף צעשויבערטע ימען,
וואָס האָבן ווי מענטשן פאַרלוירן די רו שוין,
און רויט זענען אויגן ביי אונזערע פרויען,
פון בלוט זענען רויט שוין אַפילו די טויען,
אַפילו די רעגנס, וואָס פאַלן אויף פלעינען,
און רויט זענען אויגן ביי אונזערע פרויען.

וואָס שטומען און קאָנען דעם בראָך ניט באַוויינען.
מען דאַרף ניט קיין טרערן. פון טרערן ווערט גרינגער.
זאָל שווער זיין, ווי שווער איז די לופט אין אַ באָינע.
זאָל שווער זיין דער בליי, וועלכער לויפט פון די פינגער
אין נעסטן פון ביקסן, וואָס צילן אין שונא.
זאָל שווער זיין די קללה, וואָס פאַלט אויף די שינאים.
זאָל שווער זיין דער פויסט, וואָס צעפלעט די באַצווינגער.
זאָל שטאָלץ זיין, זאָל שטאַרק זיין ביים יתום דאָס פּנים.
מען־דאַרף ניט קיין טרערן. פון טרערן ווערט גרינגער.
מיין אור־זיידע וואָלט די מלבושים צעריסן,
מיט אַש זיינע קרויזן באַקרוינט וואָלט מיין זיידע,
און איך האָב געירשנט דעם ריינעם געוויסן,
דעם אַש און דעם טרויער פון ביידע, פון ביידע.
מיין אור־זיידע וואָלט אויף די שייטערס געצאָרנט,
אַ שווערד אין די הענט וואָלט גענומען מיין זיידע.
און איך האָב געירשנט דורך טויזנטער יאָרן
די שווערד און דעם צאָרן פון ביידע. פון ביידע.

אַזאַ דער געבאָט איז, אַזאַ איז דער גורל —
צו שטאַרבן אויף נאָכאַמאָל ווערן געבוירן.
(שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ)

יעקב פרידמאַן / אין שויס פון תפארת

אין שויס פון תפארת
וויגט דיין ליבשאַפט דעם וואַלד,
און ס׳ריזלט דיין וויגליד —
יאָרטויזנטער אַלט.

איך ליג צווישן צמחים
און האָרך, ווי עס קוועלט

דיין חסד, באַשעפֿער,
דורך אַלץ אין דער וועלט.

פֿון בראשית, מיר דוכט,
איך ליג דאָ אַזוי,
פֿאַרוואַקסן מיט צמחים,
מיט ווינט און מיט טוי.

איין בוים איז מיין האַנט,
אַ צווייטער — די פֿיס,
כ׳בין ערד און בין טייך,
כ׳בלי און איך פֿליס.

ס׳איז אַלץ אַזוי פּשוט,
מתיקותדיק קלאָר.
איך קען שוין די וועלט
הונדערט טויזנטער יאָר.

די ביינער אין קברים —
ס׳איז מיין אייגן געביין,
די האָר אויף מיין גוף —
דער מאָך פֿונם שטיין.

דאָס גראָז איז מיין הויט,
און דער ווינט — מיין געבריל.
און אַלץ, וואָס געשעט דאָ,
איז במילא ווי כ׳וויל.

און דיין חסד, ווי אַ גערטנער,
קומט יעדנע שעה,
צו זען און צו וואַכן,
צי כ׳בלי און בין דאָ.

און קאָרמעט מיט ליכט מיך,
און מאַכט צייטיק אין מיר
מיין הייליקע שירה,
וואָס טוט צוויטן פאַר דיר...

וואָס באַגער איך דען מער?
נאָך איין תפילה פאַרנעם:
אַז צו שחרות וועט גיין
קאַיאָר דער בעל־שם.

צעהעלט און פאַרחידושט
די יצירה באַזען,
זאָל ער בלייבן אין גאָרטן
איבער מיר אויכעט שטיין.

און שעפטשען מיט ליבשאַפט
און פול מיט גענאָד:
ער האָט געפונען זיין שבת
אין מלכות אחד...

אַ לבנה־נאַכט אין מיין היים

ס'האָט לבנה מיט זילבערנע פינגער
אויפגעדעקט דעם קאַרשנבוים ביים שויב,
אין נעסט — צוויי שלאָפנדיקע שוואַלבן,
און אין טויבנשלאַק — אַ טורטלדיקע טויב...

שפעטער האָט זיך, אויפגעכאַפּט מיין קישן מיר צוקאָפּנס,
און איבער מיר די שפיצן פון קאַקטוס,
אַ דזשונגל־בילד האָט זיך נעבלדיק צעשימערט,
און די מאַלפע די וויסינקע פון גלאָז.

און פונקט אַנטקעגן — לודוויג וואַן בעטהאָוון,
ס'שטייט זיין ביוסט שטענדיק ביי מיין בעט...

איצט שפּינט אַ שטראַל פון אים אַ וועג צום ווינקל,
ס'הענגט פון זיידן מיינעם דאָרטן דער פּאָרטרעט.

מיין עלטער זיידע און לעבן אים די באָבע,
זיי גייען צו דער חופּה צוריק מיט הונדערט יאָר.
איצט שטייט לבנה פונקט ביים ווינגל, שטראַליק,
און באַשיינט מיין זונדעלעס לויכטנדיקע האָר.

זע, ווי זי האָט אָפּגעווישט די גרענעצן פון צייטן,
ניט קיין דרייסיק, יאָרטויזנטער כ'בין אַלט...
...ס'איז אַ נאַכט לבנהדיק ערגעץ אינם דזשונגל,
און איך אַ מאַלפּע אויף אַ צווייגל אינם וואַלד...

ס'גייט דער שטורעם מיט בליצן דורך וועלדער,
און ס'ציטערן הירשן דערשראָקענע אין געביש...
אין אַ הייל אַ טונקלער, אַן אַלטער,
איך שטיי, אַ יעגער מיט אַ שפּיז...

זע, ווי ס'לויפן יאָרן הונדערטער, טויזנטער...
ביי קוואַלן רוישיקע איך פּאַשע שאָף און פי...
ווערזשע האָט באַשאַפן די ערשטע פלייט פון פּאַסטוך,
און צום ליד באַפוילן די פליגל שפּרייט און פלי...

ווו אַהין זשע הייבט דער פּאַסטוך פאַרבענקטע זיינע אויגן?
ווי אַ אָדלער הייבט דאָס ליד זיך און ס'פליט...
אין דזשונגל ערגעץ טאַנצט אַ מאַלפּע איבער צווייגן
און אַנטקעגן שפּאַנט בעטהאָוון מיט זיין ליד...

ער שפּאַנט אין מיר... און אין מיר די מאַלפּע,
אין מיר די וועלט און דורות־גאַנג...
אין מיר... אין מיר... ס'הויבט אָן טאָגן.
און איך בלייב אַליין מיט מיין געזאַנג...

פונם ציקל „בראשית"

רייד ניט דערזאָגטע.
כ'האָב ליב ניט דערזאָגט.
דאָס נאָך ניט דערטאָגטע
אין טיפער פון טאָג.

סע בליט אין דער טונקל
ווי אַ קנאָספ ערשט ס'וואָרט.
סע שוועבט איבער גרונטן
דער גייסט אום פון גאָט.

ס'איז ערב בראשית
און קיינער ניט ווייסט
וואָסער וועלט ס'וועט פאָרמען
צום ערשטן דער גייסט...

ס'ליגט דער בן־אָדם
רויענקער ליים,
און וואַרט אַז דער שאַפער
זאָל קומען צו גיין.

ערגעץ בליט שוין אין בלויקייט
און רייפט זיך ס'ליכט.
דערווייל טראָגט דער שאַפער
עס טיף נאָך אין זיך,

און זוכט ערשט די מראה
אין טיפן פון נאַכט...
הייליקע רגעס
פון ערב באַשאַף...

(כתב־יד)

אהרן צייטלין / ליד וועגן לעצטן אינטערנאַציאָנאַל

ווען אַלע וועלן האָבן אי די אַרבעט, אי די זעט —
וועט קומען אַ לעניין פון די קראַנקע, בלינדע, פּאַליקע,
אין וועט זיך אָננעמען די קריוודע פון דעם מענטש, דעם קאַליקע,
און וועט ווערן דער גערעכטיקייטס גרעסטער פּאָעט.

קאַפּיטאַל וועט דאַן ליגן געהרגעט —
וועט ער פירן מחנות קעגן אַרבעט,
ווי איצט פירט מען מחנות קעגן קאַפּיטאַל.

און זיין וועט דאָס דער לעצטער אינטערנאַציאָנאַל,
אינטערנאַציאָנאַל פון מענטש דעם קאַליקע,
פון קראַנקע, בלינדע, פּאַליקע,
און דיכטער, וואָס ווילן נישט אַרבעטן, נאָר זינגען,
זינגען און לאָזן ספירהדיקע רינגען
איבער אומבאַקאַנטע וואַסערן.

פאַרנעמט דאָס ליד פון לעצטן אינטערנאַציאָנאַל,
אינטערנאַציאָנאַל פון די, וואָס קענען נישט
און די, וואָס ווילן נישט
אין אַרבעט זיין געשפּאַנט.
פּריצייטיק איז דאָס ליד און אפשר נישט.

אַ מענטש וועט קומען צום סוף פון די טעג,
אַ שונא פון דער מי,
און אויפבונטעווען וועט ער אַלע די,
וואָס טראָגן גאָלד און ווערן פאַררעכנט צו שמעלץ —
די נישט־אַרבעטער דער וועלטס.
און אַזוי וועט זאָגן דער פירער דער לעצטער:
אַרבעט איז טאָכטער דעם קאַפּיטאַלס,
אַרבעט איז נישט ציל,

אַרבעט איז נאָר — וועג צום שפּיל,
צו פרייער, העכסטער שפּיל פאַר גאָט.

און גיין וועלן מחנות פון שטעט צו שטעט,
און פון שטעט צו שטעט וועלן מחנות שרייען:
מיר ווילן גליק,
מיר ווילן גליק,
מיר ווילן גליק,
אַהער צוריק, אַהער צוריק, אַהער צוריק
אויגן, הענט, פיס, פריידן,
גן־עדן!
און וואָלקנס און ימען שפּאַלט דער גוואַלד,
און גאָט אַליין מוז נידערן
און אָננעמען געשטאַלט.
אין אַ לבוש, געהאָפטן פון נשמות און פון שטערן
קומט ער אַרויס
צו די רעוואָלוציאָנערן,
און ער עפנט, דער בועז פון וועלטן, זיין שייער,
און אַלע זיינע גיטער,
צעגיט ער:
דעם בלינדן — אַן אויג פון פייער,
דעם שטאַמלער — די שאַרפסטע פון צונגען,
דעם חולי־נופל — אַ דעמבענע גלייכקייט,
דעם דיכטער — אַ ליד ביז איצט נישט געזונגען
איטלעכער עקרה — איר קינד,
איטלעכן גולם — זיין מהר״ל...

אָט דאָס איז ס׳ליד פון העכסטן,
לעצטן און גערעכטסטן
אינטערנאַציאָנאַל.

(1931)

האַמלעט

ווייל אייך, דורות פון פריער, איר דורות פאַר מיר,
פון טויט באַצוווּנגענע, שטאָלצע באַצווינגער!

מיר, צווישן ניש־זיין און זיין,
ריבען די טעג אויס, ווי זאַמד צווישן פינגער.

ווייל דיר פאָטער! געשטאָרבן אויף זיכער — געלעבט אויף אַן אמת
בין איך דעם לעבנס? דעם טויטס?
איך דיין זון, האָב פאַרגעסן שוין ווע מ ע נ ס.

ווייל דיר, פאָטער, געהרגעטער, ווייל אייך, איר דורות פאַר מיר!
שווייגט און מאָנט נישט קיין מעשים פון מיר, גאָטס צעבראָכן געשיר.

ווי אַ משוגענע פרוי,
דעם קאָפּ באַנדאַזשירט מיט נאַסע טיכער,
איז מיר אַנטקעגנגעקומען די וועלט
פון צווישן ב י כ ע ר. (1932)

דאָס פענצטער

דער שטיין ביים וועג, אָט דער אַלטער תם —
זיין יחוס ווייס איך, איך קען זיין שטאַם:
פלאַם זיין ברודער, זיין טאַטע — דער ים.

אָט דער איינזאַמער בוים, דער פאַרשטאַרטער רוף,
דער פאַרגליווערטער פלי — ער איז אַ פּרווו
צו פאַרוואַנדלן גאָטס וואָרט אין אַ גרינעם גוף.

און איך, ווען איך שטיי און טו קוקן אויף זיי —
בין ס׳פענצטער, דורך וואַנען גאָט קוקט אויף די צוויי.
איך בין נאָך גרעסער, געהיימער ווי זיי.

(1942)

אַמאָל אין אַ זומער

אין נאָך־מאַידאַנעק־יאָרן אָן גאָט
זע איך אַמאָליקע יאָרן.
אַמאָל אין אַ זומער זעמיר קאַ׳ פלאָצק
איבער דער ווייסל געפאָרן,
קאַ׳פלאָצק מיט דער ווייסל געפאָרן.

אָן איינציק כמאַרעלע פאָרט אין דער הייך —
ווי קומט אַ ווייסל־פיש אויבן?
ס׳כמאַרעלע פאָרט און די ווייסל פאָרט.
כוואַליעס ווי סטאַדעס טויבן,
אַ פישל אַ פריילעכס אויבן.

און איך אויפן דאַמפּערס דעק מיט איר,
דער ליבסטער פון וואַרשעווער טעכטער,
זיין חופה די בלויע שפרייט גאָט איבער אונז,
די זון ווי אַ טעלער צעברעכט ער,
די זון אין דער ווייסל צעברעכט ער.

זאָל זיין מיט מזל! אויף שערבלעך זון,
אויף זון־בראָך טוען מיר פאָרן.
און ווייסל־ווינט שפּילט, און אין העלס געהילט
לויפן די גרינע ברעגעס,
מיט זיי די גרינגע רגעס.

גרין פינקלען די ברעגעס און ווייס איז דער טייך
און אויגן האָט זי ברוינע —
אין שענסטן פאָלקס־ליד האָט ניט געגליט
אַ פּאָר הייסע אויגן אַזוינע,
גליקלעכע, ברעניקע ברוינע.

און אַז מיר שווימען קאַ׳ וואַרשע צוריק,
פלאַמט סוף טאָג איבער פוילן.
די זון צינדט אין וואַסער אַ גאָלדענע בריק
און די בריק לויפט ווייט און פאַרהוילן
צו ברעגעס — נישט ערד און נישט פוילן.

אַצינד בין איך ווייט אין נאַכט פון דער צייט,
אין נאַכט פון מיין דור פאַרפאָרן,
נאָר וויל איך — פאָר איר מיט דיר קאַ׳ פלאָצק
ווי אין פאַרגאַנגענע יאָרן,
די פאַרב־און־קלאַנגענע יאָרן.

איך, דו און די ווייסל — מיר פאָר׳ מיר קאַ׳ פלאָצק.
וויל איך — ווערט עס פאַראַניק,
כאָטש דו ביסט נישטאָ און נישטאָ מיין פאָלק
און דער סוף איז געווען מאַידאַנעק.
וויל איך — ווערט עס פאַראַניק.

פאַרוואָס פאַראַניקט אין מיר יענער טאָג?
פאַרוואָס איז ער אייביק אַצינדיק?
אין גייסט איז מאַידאַנעק אויך נישט דער סוף —
אין אים איז גאָרנישט פאַרשווינדיק.
אין אים איז גאָרנישט פאַרשווינדיק.

אַלץ אַצינדיקט — און וואָס איז סוף?
שטיל ווערט אין איך פרעג עס,
און פאַר מיין בליק נעמט לויפן אַ בריק —
זי לויפט צו געהיימע ברעגעס,
ווי די בריק, וואָס די זון האָט געצונדן אין טייך
אויפן וועג צווישן פלאָצק און וואַרשע.

(1946)

רחל ה. קאָרן / פאַרוויאַנעטער פרילינג

I.

געדענקסט, כ׳האָב דיר געזאָגט אַמאָל
אין אַ פרעמדער שטאָט,
אויף אַ טונקלער גאַס,
מיט ליפּן איינגעקלעמט פון אַנונגעספּולן האַס.
ביסט מיין אומגליק,
האָסט געלאַכט
און אין קרייז פון דיין לאַכן
מיין אומרו פאַרשלאָסן.
נאָר זינט יענעם פאַרנאַכט
קוק איך אַלץ אויף מיין האַנט און טראַכט
און זוך די גורל־וועגן,
וואָס האָבן דיך געשטעלט מיר אַנטקעגן
אין אַ גאָט־פאַרלאָזענער שעה.
און פרעג ביי דער שאַרפער איינציקער ליניע,
וואָס לויפט קווער אַדורך דורך דער גאַנצער דלאָניע,
ווי אַ גילאָטינע,
צי וועט זי קענען דורכשניידן דעם שטריק,
מיט וועלכן כ׳בין שקלאַפיש געבונדן צו דיר
מיט איין איינציקן צוק?

און אפשר וועלן מיר זאָגן ראָזע היעראָגליפן,
ווער ס׳האָט דיך גערופן
צו מיין בלוט, צו מיין טרוים?
און אפשר ביסטו בלויז צופאַל
ווי אין מיטן פעלד דער בוים,
וואָס ווינט האָט פאַרזייעט זיין זאָמען?

איך ווייס עס נאָך אַלץ נישט,
נאָר ווען כ׳פאַרמאַך די האַנט,

הער איך׳
ווי אַלע ליניעס פון מיין דלאָניע
לויפן זיך אין ווילדער שרעק צוזאַמען
און שטאַמלען׳ שעלטן׳ רופן
דיין נאָמען׃

II.

טונקלע שאָטנס ליגן אונטער מיינע אויגן׳
ווי אַ הילפלאָז געבעט׳
וואָס האָט אַלע ווערטער אויפן וועג פאַרלוירן׃

כ׳בין געוואָרן אַזוי שטיל׳
ווי דער בוים פאַר אַ שטורעם׳
יעדע צערטלעכקייט׳ וועלכע ס׳אַנט נאָר מיין בלוט
האַלט איך גרייט פאַר דיר
אונטער דער דינער הויט פון מיינע שפיצנפינגער׃
נאָר ס׳ווייסט שוין מיין קישן׳ מיין שוועל׳ און מיין טיר
אַז ביסט נישט געקומען׃
און אַפילו די אַלטע פלאַפערקע׳ די גאַס׳
וואָס פרעגט אויס טאָגטעגלעך די קנאַפל פון שיך
— וווהין און צו וועמען און נאָך וואָס אַזוי גיך ? —
האָט דערקענט אַליין
אָן דעם מידן און היפלאָזן שריט׳
אַז אויך הייַנט האָב איך געוואַרט אַ גאַנצן טאָג אומזיסט׃

זענען אַלע שטערן פאַרלאָשן געוואָרן
פון יענער זייט וואַנט׳
די נאַכט איז טרויעריק׳ שוואַרץ און אומבאַקאַנט׳
נאָר ווי אַ רויטער שיין׳
וואָס קען נישט אונטערגיין
הענגט נאָך אַלץ מיין האַרץ אויף דער קלאַמקע פון טיר

און צוקט ביי יעדן אומבאַקאַנטן שריט
און וואַרט,
דו זאָלסט עס נעמען אין דיין האַנט.

III.

עס איז נאָך אַלץ דערזועלבער הימל איבער אונז,
ווי אַ בשותפותדיקער דאַך —
און אפשר האָבן מיר צו גלייכערצייט דערזען דעמזעלבן שטערן,
נאָר ס'ברעכט זיך אויף אַ פרעמדער טיר דיין שמאָלער שאָטן,
און ס'טרינקט אַן אַנדער קישן מיינע טרערן.

און מיינע ווערטער קענסטו אויך נישט הערן,
ווייל צען צי צוואָנציק הייזער טראָגן ווייטער נאָך אַוועק ווי ימען,
די גלאַטע טראָטואַרן ווערן, ווי די רעקינען
און קענען יעדן וועג אויף אייביק שוין פאַרצאַמען.

איך ווייס, דו ביסט מסתמא היינט מיין טיר פאַרבייגעגאַנגען
און ווי אַ ווייטער, פרעמדער זי געמיטן,
און כאָטש ס'איז נאָך דערזעלבער הימל איבער אונז,
איז דאָך, ווי ס'וואָלטן גאַנצע וועלטן זיך געביטן.

IV.

עס איז מיר אַזוי שווער און טרויעריק אָן דיר,
כ'וואָלט היינט געוואָלט כאָטש רעדן מיט דיין פריינט,
אָדער גיין מיט דער גאַס, וווּ דו האָסט געוווינט,
אפשר וועל איך נאָך ערגעץ אין ווינקל ביים טויער
טרעפן דיין שאָטן צוגעטוליעט צו דער גרויער מויער.

כ'וואָלט היינט געגאַנגען בעטלען אין דער גאַס
(און אפשר וואָלט מיר גראָד געשפּילט דאָס גליק)
ביי אַלע די, וואָס האָסט אַמאָל באַגעגנט מיט אַ בליק,
און דיין גלייכגילטיקסטן, צופעליקן שמייכל
וואָלט איך אויסגעבעטן ביי זיי פאַר מיר צוריק.

און ווייס, כ׳וואָלט היינט אַפילו ליב געהאַט די פרוי,
וואָס איז דיר נאָענט געווען אַמאָל — און אויך אַפילו
די, וואָס איז דיר נאָענט איצט,
און ווי אַ שוועסטער וואָלט איך איר געזאָגט אַ וואָרט
אַ טרייסט, אַ גוטס,
איך וואָלט מיין גאַנצן שטאָלץ געבינדן מיט אַ שקלאַפנשנור —
עס איז מיר אַזוי שווער און טרויעריק אָן דיר.

(1933)

ביים מדברס ראַנד

די צווייַ רעדער פון אַרבע ווי ווינט־מילן־פליגלען
צעמאָלן דעם זאַמד און דעם שטויב און די לופט.
אויף פעכערס פון שפּריכעס צוועלף חלקים פון הימל —
באַפעכלען די אימה ביים וועגראַנד, וואָס שלאָפט.

ווי אויסגעקראָכענע פעל פון גוססדיקער חיה
איז דאָס אויסגעדעווערט־רויטע גראָז ביים זוים,
ווו ס׳עדותט זיך די שטילקייט פאַרן הימל
מיטן אויסגעשטרעקטן פינגער פון אַ בוים.

און ווייטער — בלויז שאַקאַל־געוואָי און ווייסע, שמאָלע שפּור
פון טרערן זאַלציקע נאָך אור־ים טיף און גלאַט
און קעמלענס הויכע פיס, ווי זשאַווערדיקע ווייזערס
אויף מדברס ברייטן, ברוינעם ציפער־בלאַט.

די פרישע שפּורן נאָך מיינע טריט בעמען זיך אָן מיט בלוט
פון זון, ווי מיילער אויפגעריסן, גרויליק שטאַר,
זיי שרייען מיר נאָך אין איינזאַמקייט פאַרלאָזטע,
ווען כ׳גיי מיין שווערסטן וועג צום לעצטן ברעג פון צער,

געגאַנגען איז אַזוי אַמאָל די דינסט הגר,
געיאָגט דורך האַרינס צאָרן פון בעט, פון שטוב, פון שוועל,

בכדי עס זאָל איר זון נישט זייען כנענס פעלד,
ניט שערן לייכטע וואָל פון לעמערס ווייכער פעל.

ס׳זאָלן די ברייטע אַקסל פון אַברהמס בכור
נישט זיין סכנה פאַרן שפעטלינג פון שרהס אייגן לייב,
איז אויפגעשטאַנען זי, די מוטער פונם שטאַם
קעגן דעם קרבן, וואָס זי האָט געבראַכט אַמאָל, אַלס ווייב.

און ס׳האָט געמוזט אַוועק די יונגע דינסט הגר —
זיך אָפגעשטעלט אַ ווייל לעבן דעם לעצטן בוים,
זיך אין זיין שאָטן איינגעהילט ווי אין אַ ווייכער שאַל,
דער מדברס לעצטער טרייסט, איר אויסגעגרינטן טרוים.

געגאַנגען איז אַזוי יהודהס טאָכטער, מרים,
וואָס האָט פאַרמאָסטן זיך אין מוטערלעבן שטאָלץ
אויף הימל פאַר איר זון, — און ס׳האָט נביא׳יש־קלוג
געוואָרנט זי בשתיקה פון הפקר־בוים דאָס האָלץ.

דאָרט ווו ס׳ענדיקט זיך דער איילבירט און דער ווײַן
און ס׳לעשט זיך אויס אין זאַמד דער בלאָנדער צאָפּ פון ווייץ,
איז איר פון לעצטן בוים דער שאָטן נאָכגעלאָפן
מיט די אויסגעשטרעקטע אָרעמס פון אַ קרייץ.

און איך גיי דאָ די לעצטע פון אַ דור
וואָס אויפגעמאָנט האָט ביי דער וועלט זיין חלק
פון הימל און פון ערד — דעם הימל, וואָס צעאַקערט
די באָבעס מיט די תפילות זייערע פרום און הייליק,

פון ערד, וואָס ס׳האָבן אור־זיידעס צעלייגט מיט שאַרפן פלוג
ביז צו דעם טיפסטן, שמעקעדיקסטן גרונט
און זיך פאַרקנסט מיט איר אויף לעבן און אויף טויט,
דורך שווייס און בלוט מיט איר באַנייט אויפסניי דעם בונד.

ס׳האָט אונטער פוילנס טאָפּאָליעס אין אָוונטן פֿאַרטראַכטע
זיך אויסגעהאָניקט זייער טרוים פֿון ווייטן לאַנד כּנען
און אין שבתים לויטער־מילדע זענען פֿון תּנ״ך
אַרויס גלילער בערג זיך שפּיגלען אינם סאַן

און ביי די וועגראַנדן פֿאַרטרוימטע אונטער ליפּעס
ביי לאַנעס הרעטשקע בליענדער און כוואַליענדיקן ווייץ
האָט זיי באַגעגנט דער, וואָס האָט געבּרענגט צו שלעפּן
פֿון דאָרט דעם דורותדיקן טרויער און דעם שווערן קרייץ.

זיין פּנים אויסגעדאַרט דורך פּיין, דורך ליבשאַפֿט קלוג,
האָט נאָכגעשמייכלט זיי ביים שטילן זון־פֿאַרגיין:
„אויך מיך האָט דאָ אַהער געבּראַכט גאָלגאָטאַס וועג
און גלייך ווי איר האָב איך געפֿינען דאָ אַ היים.“

ס׳איז דורכגעאַקערט איצט די ערד מיטן געביין
פֿון אַלע די, וואָס האָבן זי געבראָכן און פֿאַרזייט,
וואָס האָבן פֿרילינגס־צייט געגרוידזעט נייע פּלויטן
און חשוון־צייט דעם דאַך מיט פֿרישן שטרוי באַנייט.

געבליבן זענען בלויז נאָך זיי אויף בוידעמס ספֿרים
און מעטריקעס פֿון קינדער ערגעץ אין אַ שאַנק,
אַ בריוו, אַ ליד, וואָס קלאַפּט נאָך אויס דעם ריטם פֿון זייער בלוט
און צייטיקט זיך מיט נישט פֿאַרענדיקטן, פֿאַרעקנשטן געדאַנק.

פֿאַרוואַקסן זענען איצט די סטעזשקעס און די וועגן
צו די בית־עלמינס אַלטע און צו די פֿרישע קבֿרים,
אויף קבֿר־אבֿות קומט דאָ בלויז פֿון צייט צו צייט דער ווינט
פֿון מזרח זייט, פֿון מערבֿ זייט, פֿון צפֿון און פֿון דרום.

איז ער אַראָפּ פֿון קרייץ, דער לעצטער ייִד פֿון געטאָ,
בלאָנקעט אַרום אַליין צווישן די פֿרישע קבֿרים,

ס׳באַוויייזט זיך דאָ און דאָרט זיין איינגעבויגענער גוף
ווי אַ בוים, אַן אויסגעוואָרצלטער דורך דונער, בליץ און שטורעם׳

ס׳איז תפילותדיק זיין קול: „כ׳וויל ליגן דאָ מיט אייך,
וואָס איר האָט מער פון מיר געליטן, שטיל און גלייביק
איר האָט פאַרשעמט מיין טויט מיט אייער מענטשלעכן ווי׳,
טאָ בלייבן זאָל דער קרייץ פאַרשעמט און פוסט אויף אייביק...

...ווייט פון מיין לאַנד, איך גיי צום מדברדיקן ראַנד,
איך, די גראָע יורשטע פון זעקס מיליאָנען קברים
און הינטער מיינע טריט, גלייך, ווי אַ מאַרטערראָד
דער קרייץ, דער קרייץ מיט זיינע איינגעבראָכענע אָרעמס.
(1944)

לייב קוויטקאָ / עשו

עשו,
באַוואַקסענער, געבענטשט מיט שמעקנדיקן פעלד ;
דיר קומט פון מיר אַ גרייזער חוב,
ער ליגט פאַרזונקען אין מיין טיף,
באַגראָבן אין מיינע פאַרשאָטענע אוצרות...

עשו,
שטיל הינטער דיינע פלייצעס,
שטיל האָב איך געזויגן די ריחות פון דיין מזל,
דאָס קרעפטיקע געטראַנק
פון דיר, עשו, שמעקנדיק פעלד.

עשו,
האָריקער, מיט בלינדן טאַטנס ברכה
אויף וואַלדן־קאָפּ,
אויף מילדן בלאָנדן...

עשו,
מאָן מיך ניט אַצינד... מאָן מיך ניט אַצינד...
טראָפּווייז דיינס איז איינגעזונקען
אין מיין גרייזן אומעט,
טראָפּווייז — אויסגעהויכט
מיט אַלע מיינע טויזנטער נשמות
אויף אַש פון געבג,
אויף אַש פון זיין...

עשו,
אויף ברייטן, ברייטן פּיינען־פּלאַך פון שימל־אוראַלט
איז אויסגעשפּינט,
אויסגעשטיקט,
אויסגעשטריקט
מיין אוראַלט האַרץ,
מיין גרייזער טרוים,
מיין טונקל־גלאַנציק קוקן...
זוך דאָרט, זוך...

עשו,
קער זיך אָפּ פון מיר צו דיינע שעפּסעלעך, —
צו דיינע שמעקנדיקע קוואַלן,
לעג אַרויף דיין האַנט אויף זיי,
דיין האָריק אַלטע האַנט...

(גרין גראָז)

אין פעלד

סע גייט אַוועק דער פּאַסטעך מיט די שאָף —
סע קומט אָן די לבנה מיט שטערן.
דאָס הימל־פעלד איז גרויס, איז אָן אַ סוף,
די שטערן פּאַשען זיך ביז גרויס צו ווערן.

סע וויגט זיך אויף חדושים דער קאָמביין —
ער שלעפּט אויף זיך די שאָטנס פונם אָוונט.
סע טוט אים אויס צוריק די העלע שיין,
די לאָמפּן־קייט, וואָס הענגט איבער אים נאָענט.

אַ פרישער אומבייט קומט, אַ פרישער פלייץ
פון מענטשן פרישע אויפן פעלד צעגייט זיך.
פון זאַנגען־קעפּ זיי שאַפן בערג מיט ווייץ,
זיי שיטן ווייץ, און ווייץ אין שיטן פרייט זיך.

סע גייט אַוועק פון הימל־פעלד צום סוף
צוריק אַוועק לבנה מיט די שטערן.
און ווידער קומט דער פאַסמעך מיט די שאָף
צו פאַשען זיי צו זעט ביז פעט צו ווערן.
(נייע לידער)

משה קולבאַק / רייסן

א

אָ, דער זיידע פון קאָבילניק איז אַ ייד אַ פּשוטער,
אַ פויער מיט אַ פּעלץ און מיט אַ האַק און מיט אַ פערד...
און מיינע זעכצן פעטערס און מיין טאַטע —
יידן פּראָסטע, יידן, ווי די שטיקער ערד,
טרייבן פליטן אויף די טייכן, שלעפּן קלעצער פון די וועלדער...
און דעם גאַנצן טאָג געהאָרעוועט, ווי כלאָפּעס,
עסט מען וועטשערע פאַרנאַכט צוזאַמען פון איין שיסל,
און מען פאַלט אַנידער אין די בעטן ווי די סנאָפּעס.
דער זיידע, אָ, דער זיידע קלעטערט קוים אַרויפעט אויפן אויוון,
ער איז דער אַלטיטשקער ביים טיש אַנטשלאָפן שוין געוואָרן,
נאָר די פיס — זיי וויסן, פירן זיי אַליין אים אָפּ צום אויוון...
דעם זיידנס גוטע פיס, וואָס דינען אים פון כמה יאָרן...

ב

מען קאָסיעט היי...

אין פעלד האָט גענומען שוין ציען מיט נעפּלען פון אָסיען...
אַרויס איז דער זיידע פאַרטאָג צום געמויזעכץ דאָס היי אַראָפּקאָסיען,
איז מען ביים שאַריען אויף טאָג שוין געווען בגילופין אַזוי
ווי די אמתע קלעזמער,
מען האָט זיך צעשטעלט זאַלבעאַכצעט, דער זיידע בראש,
און אַוועק איז אַ מזמור:
אַ שפּריי, און אַ קער מיט די פּלייצעס, אַ שווישטש פּונקט
עס טאַנצן אין זומפּ אַרום בליצן;
פאַר דאָס שטיקעלע ברויט — האָט דער זיידע געזאָגט —
מוז מען, קינדערלעך שוויצן...
און ס'האָבן זיך בלאַנקער די קאָסעס צעפּיפּט, די קאַפּאָטעס
אַראָפּ מיט באַוואַקסענע גלידער,
אַזוי ווי די האָריקע יאָדלעס — אַ טאַטע אַן אַלטער מיט
זיבעצן לייבלעכע ברידער...
עס צופּן די קאָסעס, ס'צעשפּריצט זיך דער טוי, און עס פאַלן
די גרעזער אויף גרעזער אַנידער,
אַ פייגעלע זינגט אויף אַ נוס־בוים דערביי, אַז דער זיידע קאָן
פשוט קיין אָרט ניט געפונען:
„וואָס זאָגסטו דערצו? גאָ דיר גאָר אַ קאַנאַריק, אַ חזן,
אינמיטן דערינען"...
דאָ נעמט מען זיך טאָטשן די קאָסעס, פאַרויכערט מען, כאַפּט
מען אַ זופּעלע קוואַס פונם קריגל,
דערנאָך שטייט מען אויף מיט אַ קרעכץ... פּאַמאָהיי באָך! אַ קלונג,
און עס טוט זיך די קאָסע אַ שפּיגל,
באַווייזט זיך, פאַרשווינדט צווישן גראָז, טוט אַ בלאַנק —
אַכצן קאָסעס כסדר!...
און ס'בויגן זיך זיכער די הענט, אָ, עס קנאַקן די שענקלען,
און פעסט זיצט אַיעטוועדער גדר — — — —

אַזוי ביז דער עולם דערזעט, ווי דער רויטער פאַרנאַכט לייכט
זיך אָפּ אין די קאַסעס,
טוט חברה אַ שמייכל. מען זעט שוין דעם הערינג דעם ברייטן,
דער באָבעשיס קעז־סאַלטענאָסעס,
דערלאַנגט מען אַ נעם די קאַפּאָטעס, מע גייט און מע הערט
צו די וואַכטלען, וואָס שרייען,
מע גייט מיט די קאַסעס, פאַרלייגט אויף די פּלייצעס, מע קוקט
און מע שווייגט, ווי די שלייען...

ז.

די באָבעשי ע"ה איז אויסגעגאַנגען...

אַז די באָבעשי די אַלטיטשקע איז אויסגעגאַנגען
האָבן פייגעלעך געזונגען,
ווייל מיט איר צדקה, מיט איר האַרץ דער גוטער
האָט די וועלט געקלונגען.

און אַז מען האָט די באָבעשי פאַרזגעהויבן,
האָט איעדערער געשוויגן,
און אין אַ קרעכץ האָט מען די גוטע אַלטיטשקע
אויף דרערד געלאָזן ליגן.

עס איז דער זיידעניו אין שטוב אַרומגעגאַנגען —
אַ טויטער שאַרבן,
ווייל ער, דער אַלטיטשקער, ער האָט איר צוגעזאָגט,
אַז ער וועט פריער שטאַרבן.

און אַז מען האָט דעם בר־מינן אַראָפּגעפירט אין שטעטל
האָט דער דאָרף געטרויערט:
„ניעמאַ, ניעמאַ יוזש סטאַראָוי שליאָמיכע"
און אויך דער פּאָפּ וואַסילי האָט באַדויערט...

נאָר אַז דער שמש האָט דאָס מעסערל אַרויסגעצויגן
צו רייסן קריעה,
דאַן האָבן זיך צעשריען, נעבעך, מיינע פעטערס,
ווי די רוצחים פאַר דער תליה.

יב

דער זיידעניו קומט שטאַרבן...

גרוי, ווי אַ טויב, איז פאַרנאַכטלעך דער זיידע געקומען פון פעלד,
צורעכט געמאַכט שטיל דעם געלעגער און אָפּגעזאָגט ווידוי,
אין האַרצן צעזעגנט זיך רויקערהייט מיט דער וועלט
און דאַן צוגעשלאָסן, אָן כוחות, די אויגן די מידע...
און ס'זענען די פעטערס געקומען צוקאָפּנס פון זיידן,
אַראָפּגעלאָזט טיף די באַוואַקסענע קעפּ און געשוויגן.
ס'האָט עפּעס פאַרשטשעמעט די הערצער און ניט געלאָזט ריידן,
פאַרשטשעמעטע הערצער — אַ זיפץ ניט געקאָנט אַרויסקריגן...
פּאַמעלעך האָט דעמאָלט דער זיידע געעפנט די אויגן,
ס'איז וואַרעם אַ שמייכעלע איבערגעגאַנגען זיין פּנים,
ער האָט זיך געזעצט אויפן בעט, קוים זיך איבערגעבויגן,
און אָט־וואָס דער זיידע האָט דעמאָלט גערעדט צו די בנים:
— דו, אָרטשע, מיין בכור, ביזט געווען דער יסוד פון משפּחה!
דער ערשטער אין פעלד און דער לעצטער געזעצט זיך צום טיש...
די ערד האָט זיך וואַרעם צעעפנט פון אונטער דיין סאָכע,
אַזוי ווי די ערד זאָל דיין זאָמען זיין פרוכטבאַר און פריש...
רחמיאל, ווער קאָן זיך מיט דיר אויף דער לאָנקע פאַרמעסטן!
געוועזן איז דיין קאָסע אין גראָז, ווי אַ פליייצל פון פייער,
דיך קענען די שלענג אין די זומפּן, די פייגלען אין ווייערע נעסטן.
די ברכה זאָל רוען ביי דיר אינם שטאַל און אין שייער!
דו, שמוליע, דער טייך־מענטש, ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ גלייכן!
באַשטענדיק דעם בוטש אויף די פּלייצעס, באַשטענדיק אַ נאַסער

געשמעקט האָט מיט שופן פון דיר, מיט דעם ריח פון שליים
אין די טייכן,
געבענטשט זאָלסטו זיין אויפן לאַנד, און געבענטשט — אויפן
וואַסער !...

ס'איז נאַכט צוגעפאַלן. די רויטינקע שייבלעך פון כאַטע
אין טונקלעניש האָבן געוואָרפן אַ שיין אויף דעם זיידן...
עס האָבן געשטומט מיינע פעטערס, געשטומט האָט דער טאַטע
און ניט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט פון זיין בענטשן און ריידן.
דאַן האָט זיך דער זיידע צעזעגנט... די גלידער צוזאַמענגענומען...
און שטיל און אויף אייביק די אויגן די שטאַרע פאַרשלאָסן.
געקוקט האָט דער עולם, געקוקט אויף דעם קערפער דעם שטומען
און גאָרניט געזען און קיין אייניציקע טרער ניט פאַרגאָסן...
אַ פויגל האָט ערגעץ אין וואַלד אויסגעקלאָגט פאַר דער נאַכט
זיינע ליידן,
די לעצטע לוטשינע אין כאַטע האָט קוים נאָך געגליט אין די פונקען,
און ס'זענען די פעטערס געשטאַנען צוקאָפּנס פון זיידן,
די שווערע, באַוואַקסענע קעפּ אין די אַקסלען פאַרזונקען...

פונם ציקל בוניע און בערע: אונטער דער יאָדלע

די ברייטע נעכט, וואָס זינגען אָן אַ קול,
ווי בלויער אייז אַריינגעפּאַסט אין געגנט,
ווען ביימער גרויען דורכזיכטיק און שמאָל,
מיט ווייכן זילבערלעכן ליכט פאַררעגנט...
עס שטייט אַ יאָדלע אויפן באַרג, וואָס האָט
מיט אַלץ זיך שוין געזעגנט.

צוויי שאָטנס לאַנגע זיצן אונטער איר,
און בלויז די טיפע, בייזע אויגן גליען :

פאַרגליווערטע און שטום, אָן מינדסטן ריר,
מען זיצט און מען באַוועגט נאָר מיט די וויען,
און שטייף, ווי מתים, איז מען, וואָס מען האָט זיי
אָפּגעשריען...

אַ דאָרף אַ שטרויענער קריכט אונטן אינם טאָל
מיט דרעמלענדיקער כאַטע איבער כאַטע,
אין דער לבנה-נאַכט פון קילן, בלויען שטאָל
צעלייגט אויף אָפּרו, ווי בהמות זאַטע;
עס שלאָפט דאָס דערפל שטיל מיט די לבנהדיקע
שויבן מאַטע.

און בוניע ביק שטרעקט אויס אַ ווילדע האַנט.
ער שעפטשעט האַלבע ווערטער, קוים צו הערן:
דו זעסט דעם דאָרף און אָט דאָס גאַנצע לאַנד?! —
דאָס פעלד אַרום וועט מאָרגן אונז געהערן — — —
דו, בערע, ווען ווערט טאָג? דו, חבר, ווען גייט אויף
דער מאָרגנשטערן? — —

נאָר מיט דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין די קני
זיצט בערע קורץ און פינצטער, ווי אַ דאָרן;
ער טראַכט פאַרטיפט, אַז ס'לוינט זיך ניט די מי
צו ווערן לכתחילה דאָ געבאָרן — — —
דו עסט, דו טרינקסט און גאָרנישט, מען איז קיינמאָל
נאָך ניט זאַט געוואָרן.

און בוניע זאָגט: הער צו, דו נאַר, הער צו
דעם סוף פון מענטשנס שווערע ליידן — — —
ס'וועט שלאָפן גראָם אַ לעמפערט מיט אַ קו
און ס'וועט אַ קינד זיך שפּילן מיט זיי ביידן;
פריד וועט זיין, און זשאַווערן וועלן די מעסערס
אין די שיידן.

אַזוי האָט ער געחלומט פון דער וועלט,
געגרעדט צום חבר וואָלד, צו די חברים שטערן,
און צוגעפאַלן איז ער צונ׳ם פעלד,
געקושט אים און געגאָסן טייכן טרערן:
אָ, באָבעשי, פאַרלאָז אונז ניט אַליין
אין שטרייט אין שווערן!...

ער האָט געוויינט, פון הימל אומגעריכט
אַ ווייסער פידל איז אַרויסגעשווומען,
ס׳האָט אויסגעשפּילט אַרום, פון שטיקער ליכט,
אַ ווילדן ליד, אַ קאַלטן און אַ שטומען — —
און בוניע ביק האָט עס געהערט, און חבר ביק
האָט עס פאַרנומען.

דאָס ליד האָט איינגעזאַפּט זיך אין זיין הויט;
ער האָט געהאָרכט, געשטוינט און האַלב געשלאָפן,
ערשט אויפגעכאַפּט זיך מיט דעם מאָרגן־רויט
האָט ער דערזען — אַן אומגליק האָט געטראָפן:
ס׳איז בערע ניט געווען. אין מיטן נאַכט איז ער,
דער אומטרייער, אַנטלאָפן. — —

האָט בוניע דאַן געזיפצט: אויך, בערע, דו?!
אויך דו האָסט אונזער זאַך פאַרראַטן?
און פונם שטרייט איז ליבער דיר — די רו?
ער האָט געשריגן מיט אַ קול אַ מאַטן:
אָ, ווי צו אייך, אויף אַלע ווייכע פערענעס,
אין אייער טאַטנס טאַטן!...

אַראָפּ איז ער אַן עלנטער פון באַרג,
ווי ס׳וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון בוים דער שאָטן.

פאַרוואָרפן ס'פעקל אויפן ברייטן קאַרק,
האָט ער געפאַרשקעט מיט די וואָנצן־דראָטן,
געגאַנגען שטום און ס'האָט אין אים
דער כעס געזאָטן.
(פּאָעמען און לידער)

אַ לבנה נאַכט

אין ווייטער שטילקייט שווימט די מלכּת־שבא,
עס פינקלען אין דער נאַכט דער קילער אירע שלייערן —
חלומות פון דעם הימל־בלאָ...

און אָפּגעלאָשענע לבנה־ליכט
טריפט זאַפטיק־קיל
אויף יעדן דערפעלע, וואָס דרעמלט איגדערשטיל...

און ס'רירט זיך אום אַ ווייכער שטראַל,
וואָס בינדט צונויף:
דאָס הינדעלע אין הויף,
דאָס פישעלע אין זיין געוועסער,
און ס'ווייסע לעמעלע אין שטאַל — — —

אין ווייטער שטילקייט שווימט די מלכּת־שבא
פון אירע ציטערדיקע מירמל־שלעסער...
(נייע לידער)

א קושניראָוו / ווענט

מיר,
הויכע, האַרטע, פעסטע ווענט,
פאַראורטיילטע הערן און שטומען...
טויזנטער,
טויזנטער יאָרן מיר זענען געהאַרזאַם געווען;

געהערט און באַנומען!...
און שווייגנדיק,
אין זיך דעם מורמל פון דורות געשטיקט...
גאָר מער,
מער וועלן מיר שוין ניט שווייגן...
מיר הערן:
אַ שטייגן,
אַ גרייפן,
אַן אָפּקלאַנג
פון שווערע,
פון שטייפע,
פון אייזערנע טריט...
ס׳גייט אַ גרויסער,
אַ מעכטיקער,
אַלץ, וואָס ערשט נעכטן
געהערשט האָט
ווי פעלז,
ווי גראַניט, —
פאַלט פאַר אים,
קניט
מיט ציטער און גרויל.
— גיט אונז אַ מויל!...
באַקלעפּט און באַהענגט אונז
מיט מענגעס אפישן,
פּלאַקאַטן און בלעטער...
מיט זיי,
ווי מיט ריזיקע גאָרגלען,
וועלן מיר שרייען:
מיר הערן —
פעסטע, שווערע, זיגערישע טריט!

האַרבסט

יעדער מענטש
פאַר בענקשאַפט האָט אין האַרץ אַ נעסט,
יעדער מענטש
איז פון דערמאָנונג ניט באַוואָרנט.
צי ווייל שפּעטער האַרבסט איז שטרענג און שיין,
צי ווייל שפּעטער האַרבסט דעם לעצטן גינגאָלד לעשט, —
האָב איך היינט דערמאָנט זיך אָן מיין היים,
היים מיינע, —
וואוהין כ׳וועל קיינמאָל שוין ניט פאָרן.

אַ, מיין אַלטע היים צוקאָפּנט פרעמדער גאַס,
וווּ הימל האָט געטריפט מיט רו
אויף שטויב פון געסלעך,
אַלע שאַרפשטיינער פון ליבע און פון האַס
האָבן אויסגעשאַרפט אויף דיר אַ מעסער!

אַלע שטורעמס האָבן דיך געפּליקט
און צעזייט דיך,
און צעווייט דיך,
און מיט ערד פאַרגלייכט...
דו וועסט שוין קיינמאָל,
קיינמאָל מיר ניט אויסשטרעקן די האַנט פון בריק
אויף אַריבערנעמען מיך צו זיך אַריבער טייך.

יענער טייך, —
קיינמאָל אין מיין האַרץ וועט זיך ניט שטילן
זיין צעשוימטער און פאַרפלייצנדער געזאַנג,
ווען ער פלעגט אין אָנגעריפּטע פרילינגס
זיך אַרויסרייסן פון ברעגעדיקער צוואַנג.
אפשר איז ניט יעדן טייכן געגעבן

צו פֿאַרפֿלייצן און אַריבערשטייגן ברעג,
נאָר פֿון דעמלט אָן
בין איך אַליין פֿאַרסמט מיט שטרעבן,
נאָר פֿון דעמלט אָן
אַן אומרו מיך באַוועגט
אויף פֿאַרפֿלייצן
און אויף אויפֿצורייסן הרעבליעס.

אַזויפֿיל רו האָב איך צעשטויבט אויף ווינט,
אַזויפֿיל רו אין אָנפֿלי פֿון גערעאַנגל ניט פֿאַרהיט
און ניט געשוינט
און ניט באַרעכנט !...
איז וואָס זשע מאָלט דערמאָנונג מיר אַצינד
מיין שטילע היים, וואָס האָט אַמאָל געבליט
מיט פֿלעקן פֿאַרביקע פֿון דעכער ?

מיין שטילע היים
אין אָנקום פֿון פֿאַרנאַכט,
און הימל טריפֿט אויף איר מיט לעצטער צאַרטקייט,
און פֿענצטער האָבן זיך פֿאַרקוקט אויף שליאַך
אין אומרויקן אָנגעשטרענגטן וואַרטן.

ביין, ניט אַליין, ווי אָפּגעשניטן גראָז, פֿאַרוועלקט,
וואָס היים פֿאַרוואָרצלט טיף ביז ביין.
נאָר וואָס איז היים,
ווען גאַנצע וועלט
ווערט ליב און ענג ווי היים ?

יענע דעכער האָבן אָפּגעבליט,
און מיט פֿייער און מיט רויך
דאָס מויל פֿון נעכט פֿאַרשטאָפּט.

היים, מיין היים, זיין האָבן אָפּגעבליט,
בלויז שוואַרצער אַש פון זיי באַשאָטן האָט דיין קאָפּ!
היינט וועל איך ניט לייקענען
ניט פאַר זיך אַליין און ניט פאַר דיר:
מיר האָט ווי! געטאָן דיין נייגן זיך אין טונקל.
נאָר דו וועסט קיינמאָל מיך ניט האָבן צווישן די,
וועלכע רופן וויינען ווי אויף אומקום.

ניט צוריק איז בליק מיינער געווענדט איצט
אויף צו זעען טייערס און געגאַרטס,
און אויף שטילער שיין פון אַלטע פענצטער
ציט מיך ניט צו וואַרעמען דאָס האַרץ.

האַרבסט איז איצט,
אַזאַ שיינער, שטרענגער האַרבסט איז איצט,
און לעצטער גינגאָלד
האָט דאָס האַרץ צעמישט מיר,
אין מיר
אַ גייע שיין האָט היינט געטאָן אַ בליץ
אויף דער ערד, פון שטורעם אָפּגעוואַשן.

ס׳איז שוין ווערט געווען,
ס׳איז געווען שוין ווערט
זיך שטורעם אָפּגעבן מיט פולן האַרצן,
פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, וואָס כ׳וע איצט אויף מיין ערד
אין אַ טאָג אַזאַ
אַ גאָלדענעם,
אַ האַרבסטיקן.

(מזרח און מערב)

יוסף קירמאַן / פונם ציקל גויים: די פּראָצעסיע

מאָרגן גייט מען ווידער מיט פענער און מיט בילדער הייליקע,
אויסגעמאָלט מאַדאָנעס אויף געוועב,
וואָס וויגן זיך צעהאָנגענע אויף שנירן אין אויף שטאַנגען —
גאָלד צעוויגט.
ס׳פלאַטערן געוועדער פאַרביקע, ווי שלייערן צעוואָרפן,
פאַרהילט, פאַרפוצט,
פון כלערליי קאָליר.
און מיידלעך, ווייסע אויסגעצערט אין יאָך, טראָגן אים אַליין
געקרייציקט אויף די הענט —
פאַרמאַכן זיך די קראָמען דאָ און פאַרשליסן זיך מיט קונים
דערשראָקענע
אין פינצטערניש פון קראָם פאַרמאַכט...
און קולות קומען — ווייטע, וויינענדיק געצויגן אין געבעט:
„הייליקער, דיינע וווּנדן טריפן נאָך אייביק נישט פאַרהיילט,
פאַר אונזער פּיין.
אין אונזער לעבן האָט דער גורל אונז גערודפט, געפּייניקטע
פאַרשעמט.
גיב אונז רעגן, גיב אונז פרוכטבאַרקייט פון דיין גענאָד
פאַר אונזער ברויט,
ווייל דער שוויס פון אונזער מי נעמט טריקענען, און אויפגיין
וועלן זאַנגען לער!
הייליקער, דו, וואָס דיינע הימלען גיבן טוי אין רעגן צו דער ערד,
גיב דערלייטערונג צו אונז, גיב דאָס קול פון דונערן און בליץ
צום פעלד,
אַז גערעטעניש זאָל זיין און זיס דער-טעם פון פרוכט
מיט זאַפט אין מויל!
די שפע פון דיין האַנט זאָל נידערן אויף אונז און פול מאַכן
די שייערן צו זאַט.

הייליקער, דיינע וווגדן טריפן נאָך, אייביק נישט פאַרהיילט,
פאַר אונזער פיין !"
נאָר ס'ברעכן זיך די קולות פון געבעט מיט אַ קלימפּערײַ פון
שטעקעלעך, וואָס צימבלען אויף אַ פּויק,
און טויבן־איין די טריט מיט דונערן פון קלעפּ;
די זון שטייט נידריק און מאַט, און אײַלט זיך איבער דעכלעך
אַראָפּ צו גיין אין תהום
און טונקלקייט נעמט פאַלן פון אַלע ווענט.
די לעצטע ציען דורך און בלעקעצן פאַרחלשטע מיט אָפּגעהאַקטע
ווערטער אין דער שטים:
„הייליקער, דיינע וווגדן טריפן נאָך, אייביק נישט פאַרהיילט,
פאַר אונזער פיין!

פ אַ ר ט אָ ג

גרינע שינדל־דעכער — שמאָל און שיף אַרויפגעשפּיצט — שטייען
נידריק איינס צום אַנדערן פאַרדריקט
און צוימען־איין די טונקלקייט אין זיך — צום דורכפיר פון
יעדער גאַס.
פורן ציען זיך אויף רעדער סקריפּיקע, מיט נידריקע פערד
פאָרויס אין שפּאַן,
פון דערפער אָנגעפאָרן אין באַגינען פון דער שטאָט.
און ס'דינגען גרינוואַרג ביי זיי, ביי די פויערן אין סוקמאַנעס
געהילט,
קריסטינס יונגע נאָך, מיט אַרויפגעכאַפּטע טיכער אויף די קעפּ
און מיט לויזע קליידער אויף דאַרע ציטריקע פיס.
די הענט מיט טאָרבעס און מיט קעשעלעך פאַרנומען,
לייגן אומרויק פון איין האַנט אין דער אַנדערער דאָס דראָבנע מינץ
וויל די קינדער אינדערהיים וויגן זיך אַליין שלאָפנדיקערהייט
און די מענער זייערע זענען פרי, ווען דער מאָרגן האָט געבלויט,
צו פאַרויכערטע פאַבריקן אײַלנדיק אַוועק.

די זון איז נאָך ווייט הינטן דאָרט, אונטער אויסגעבלייכטע
הימלען אויף מזרח־זייט פאַררוקט
און וועט ערשט ווייזן זיך שפּעט אין טאָג ; פאַר צעעפנטע
שניט-קראָמען אין מאַרק
וועלן קרעמערקעס, מיט אַראָפּגעהאָנגענע פּנימער פון לאַנגן שלאָף,
זיצן פאַר די פּאָליצעס ביי זיך אין קראָם, אַריינגערוקט
אין דער טונקלקייט, בלאַס
און רעדן שמייכלענדיק מיט זינגענדיקע רייד פאַר צוגעברענגטע
גראָשן־לייזעכץ,
וואָס שווילן פון די הענט אין די שופלאָדן אַריין.
אַ גוי, מיט אַן אָפּגעסמאַלעט פּנים פון דער זון, וועט מעסטן
אַ לאַנגע בורקע
און פּאַטשן דעם סוחר אויף דער האַנט דעם פּרייז אין אויס־
געציילטע קלעפּ.
יידן וועלן אומפליען פון בויד צו בויד, פון בויד צו בויד,
ווי פלעדערמייז פליען נידריק ביים אויער פאַרביי,
און מיט אומרו אין די בערד זיך אָנזאָגן אַן אָנזאָג,
אַז ס׳קומען ווידער אָן די גויים מיט קאָסעס און מיט העק.
און ביז די נאַכט וועט זיך צולייגן צו דר׳ערד
און ברענגען אַלעמען צו זיכערקייט און היים,
וועט שטייגערן מהומה איבער קעפּ און לויערן מיט אימה
איבער זיי,
ווי ס׳לויערט אַלע מאָל די שרעק אויף גויישע מערק...
(1928)

אונזער דאַך איז אַלט פון רעגן

שטערן גילדענע אין הימל, חושך שוואַרצע אויף דער ערד.
ווען קומט די פרייד אַנטקעגן, ווען איז דאָס גליק באַשערט ?

ווען פאַלט דער עול, דער שווערער, שווערע זאָרגן, אָפּט געוויין
אונזער דאַך איז אַלט פון רעגן, רינען רינט דורך אים אַריין...

האַרבסטיק לויפט דאָס וואַסער איצטער, אויך די בלעטער פליען אָפּ,
אָפּגעפלויגן אַלע פייגל, פלאַטערט בייז און שוואַרץ דער ראָב

די ערד, די טונקלע פון האַרבסט — אויפגעאַקערט פון דאָס ניי,
זומערן, — מיט גאָלד אויף זאַנגען — ווי אַ ווינט — אין
פעלד פאַרביי...

זיפצט מיין מאַמע און רעדט צו זיך, זיפצט און רעדט
און ברעכט די הענט...
דאַכט זיך מיר, די גאַנצע וועלט און אויך די זון האָט
אויסגעברענט...

— „טאַטע האַרציקער אין הימל" — זאָגט מיין מאַמע אין דער שטיל,
„ס'גייט אַ ווינטער, קינדער זענען... טונקע ווי דיין רצון וויל",

טו נישט אָפּ פון אונז דאָס ליכט, דאָס ביסל ליכט,
וואָס האָסט פאַרטיילט,
דאָס ביסל וואַרעמקייט, די זון, ווי אַ גוטער רופא היילט!

זיפצט מיין מאַמע און רעדט צו זיך, זיפצט און רעדט
און ברעכט די הענט,
דאַכט זיך מיר, די גאַנצע וועלט און אויך דו זון האָט
אויסגעברענט...

אונזער קינד, דאָס יונגסטע קינד, דאָס יונגסטע,
וואָס אין וויגל ליגט —
אַז האַרטער, ווי אַ טעמפּער זעג כאָרכלט מיטן האַלז פאַרשטיקט.

זאָגט דער טאַטע — מסתּם אַ ווינט — און די מאַמע זאָגט —
„אַז נישט"
און טרערן ווי אַ פינגער גראָב, האָט זי מיט דער האַנט געווישט.

שכנים קומען זיך צונויף און יעדערער אַן עצה גיט:
„דורכרייבן אַ ציגן־קעז, און לייגן אויף דער וויג צעשיט"...

און איינע פון די שכנים זאָגט: וואָרעם זאַמד וואָלט נישט געשאַט,
אויך מיינער, אים צו לאַנגע יאָר, האָט דאָך אויך אַזוי געהאַט...

בלייבט מיין מאַמע שטיין פאַרפלאָמט און כאַפּט זיך מיט
די הענט ביים קאָפּ
און שטיינער, ווי פון הויכע בערג, פאַלן אין מיין האַרץ אַראָפּ.

זאָגט מיין מאַמע: „כ'וויל אַליין, כ'וועל טוען ווי זיין נאָמען וויל"
און שטילער ווי אַ פליג פליט דורך, זאָגט זי ווערטער
אין דער שטיל...

און איינע זאָגט: „גיסן וואַקס און רייבן ס'העלזעלע מיט שפּירט,
און אויסמעסטן דאָס קברים־פעלד, וואָלט איך „איהן"
אַליין געפירט"...

הערט מיין מאַמע אויס די רייד, און שטיקט די טרערן פון געוויין,
— „אפשר וועט זיין גרויס גענאָד פון הימל זיך
מרחם זיין" — — —

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

און וויפל ס'האָט דאָס העלזעלע נישט געוואָרעמט און געבריט,
האָט קיינער פון די אבות נישט, דאָרט אין הימל זיך געמיט

און צוגעמאַכט די אויגעלעך האָט עס צוגעמאַכט פאַרטראַכט,
גלייך אויסגיין וואָלט אַ זקן גאָר, אין דער פינצטערניש
פון נאַכט...

(1933)

דוד קעניגסבערג / אומזיסט באַגניגסטו דיך

אומזיסט באַגניגסטו דיך מיט קאַרגער פרייד,
אומזיסט וואָס ד׳האָסט דיין הויכן פּלאַץ פאַרלאָזט.
דיין זעל וועט דאַרבן ביי דער אָרימער קאָסט
אויסגייען אין יאָך, אַליין דאַצו געגייט.

ווייל צו דיין האַרץ ג׳הער ס׳גרויסע ליכטיקייט.
און ס׳בלייבט דער שענסטער חלום, וואָס דו האָסט
אין טיפן טאָל, אַ פענצטער־בלום אין פראָסט,
וואָס בענקט נאָך זון פון ווינטערס איינזאַמקייט.

דאָס גרויסע בענקען האַלט דאָס האַרץ נישט איין,
סע ברעכט די ברוסט דורך ווי סע ציט און נאָגט.
סע וויל די בלום, וואָס האָט אונז צוגעזאָגט
אַ זיסע פרי, דיר קיין ליגנער זיין.
אַ תיקון און אַ קיום וויל האָפנונג ווילד.
אַ האַרץ ווערט קיינמאָל מיט געוואַלד געשטילט.

דער וואַלד איז...

דער וואַלד איז פון דעם ערשטן שלאָף דערוואַכט,
און איבער אים גייט אויף די וועלטנס לאָמפּ,
די שטערן פונקלען בלאַסער צו זיין פּאָמפּ
און אומגעזעגנער גייט אום די נאַכט.

סע האָבן זיי׳רע אויגן אויפגעמאַכט
די ווייסע ברעזע, און דער טונקלער דאָמב,
און דינע לאָזעס אין דעם יונגען זראָמב,
און טרינקען שכרות פון דער זילבערפראַכט.

און חלום רייך רינט איבער זייער גוף
דעם הימעלס ברכה, טרויפעלט טויגעוואַרץ.

זאַפט זיך אין קאָרע איין, קומט דורך צום האַרץ. —
און ס׳שטעלן בלעטער — הענט — צום לעכט זיך אויף.
און ווייט פון וואַלד אַרויס קומט הערשן־רוף
פול טרויער־בענקשאַפט, פול מיט זיסן שמאַרץ.

צוויי וועלטן

די שטוב איז אויפגערוימט און ריינלעך אויסגעקערט,
מיט ווייסע ליילעכער געדעקט די בעטן שטיין.
דער זיידע לערנט הויך ביים טיש אין שטוב אַליין,
אין דרויסן פאַר דער שוועל די יונגע כלה הערט.

זי הערט נאָר האַלב זיך צו, ווייל איר נשמה קלערט
מחשבות ליכטיקע, ווי זון־חלומות שיין
ווי די אייגענע אויגן שיין אין זייער שוואַרצקייטס חן,
דעם יידישן חן, וואָס האַלט דעם צניעה־בליק צו ד׳רערד.

סע גייט דעם זיידנס קול פול הייליקן שיין פון גאָט,
ווי פון אַ וווּנדערוועל איז זיין געזאַנג דערפולט.
אין מיידלס בוזעם בליט אַן אַנדער לעבנס סוד,
ווי אין אַ גאָלדענער שויב דער זומער־מאָרגן מילד.
און ס׳שפינען זיך אין שטוב חלומות־וועלטן צוויי,
גלייך הימל־פול, גלייך זיס, גלייך הייליק זענען זיי.

בתי־מדרשים־גאַס

בתי־מדרשים־גאַס רופט מיט באַדויער
זיך אָן: אַמאָל!... היינט וואָס נדבות מאָנען,
אַמאָל האָבן מיר געהערט צו די ערשטע פאָנען,
אַמאָל אין גליק און היינט אין צרות, זויער.

פרעג אונזער שול דאָרט מיט דער פייער־מויער!

אויף אַלטע הייזער ווייזט זיך'ס מיט סמנים,
די מענטשנס צורות טראָגן עס אין פּנים,
די גאַסנס נעמען רעדן עס פול טרויער!

און סע דערציילט זיך מאיר קאַלירס לעבן,
פון מגיד, פון חסידים און רבנים,
מפורסמים נגידים און שתדלנים.
סע דאַכט זיך: זענען דאָ, איך זע זיי שוועבן.
סע קומט אין האַרץ אַ קנאהביים דערמאַנען:
אַן ערגער דור נאָך זיי איז אויפגעשטאַנען.

אַ שאָרך פון טריט...

אַ שאָרך פון טריט, דאָס פייגעלע בלייבט שטיל.
דאָס צווייגל רוישט. אָהאָ, ס'איז שוין אַוועק.
אַ זינגערס האַרץ איז ציטריק און פול שרעק.
דער מינדסטער שטער און אויס איז באַלד זיין שפּיל.

דרום ווער ס'האָט ליב דאָס לידער־פאָלק און וויל
זיין לוסטגעזאַנג, בלייבט שטיל ביים סאָד אין עק
ווען ס'נעמט אַ ליד אין רוים צום הימעלס דעק
פון טיפן גרונט פון אַ נשמה ס'ציל.

אַזוי הערט אויף דאָס קינד זיין שפּיל, זיין זיס,
ווען עמעץ פרעמדער שטערט זיין סוד מיט פאָרשערבליק.
אַזוי בלייבט פאַר אַ פרעמדן שווייגנדיק
דאָס ליד, וואָס טראָגט אַ הימלס שטערן־גרוס.
אויף הייליקער ערד בלייב שטיין און גיי צוריק,
אַניס לייג אָפּ די שיך פון דיינע פיס.

(הונדערט־סאָנעטן)

חיים קרול / מיידל

מיידל,
ווי קינסטלעריש דו העקלסט!
פון אונטער דיינע פינגער
שפרינגען אַרויס היגלען.
דו האַלטסט אין דיין האַנט אַ נאַכט-העמד —
נײַין, —
אַ שטיק צפון־הימל האַלטסטו אין דיין האַנט
און קריצט אויף אים
ס׳רעטעניש פון לעבן.

און גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן

און גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן
אין זיין לאַנגן קיטל
און צו מיר אַזוי געזאָגט:
מיין קינד,
כ׳האָב צעוואָרפן קערנדלעך גוטס —
קלייבסטו זיי צוזאַמען
אין רחבותדיקע זעקעלעך—
טוסטו גוט אַזוי, מיין קינד.

מיין קינד,
כ׳האָב צעשליידערט קייקעלעך כעס,
זוכסטו זיי אויף
און צעשמעלצסט זיי —
טוסטו גוט אַזוי, מיין קינד.

מיט מיין שטילקייט דערגרייך איך צו גאָט
און פאַרקלאָג זיך פאַר אים
אַז ס׳איז מיר אומעטיק —

טרייסט ער מיך,
אַז ער איז אויך אין עצבות
און אים איז טרויעריק
ווי מיר.

בלאָנדזשעט אַ קול אין חלל
און רופט צו בעטן גאָט. —
ווערט דאָס קול געשטרויכלט
פון גראָבע שטימען,
וואָס שרייען עס איבער.

איך בין אַ שטרויכלדיקער —
איך זינדיק אויף יעדן טראָט,
אָבער אין מיין גרעסטער נויט
האָב איך באַלד חרטה,
און איך צי זיך צו גאָט
און איך בעט פאַר זיך
און פאַר אַלע.

גאָט,
זיי זיך מרחם אויף דיינע קינדער,
ווו זיי זענען
אין נויט,
אין אָרעמקייט,
שיק זיי אַ הילף.
נעם ביי זיי צו די לאַסט —
די שווערקייט פון לעבן.
קום צו זיי נאָענט —
אַנטפּלעק דיין חסד
אין זייערע שטיבן.
מאַך זיי לייכטער —
אמן.

ב ר ע ט

ברעט,
מיין איינציק ברעט,
אויף וועלכער מיין גוף וועט אַמאָל רוען,
און מיט מיר באַנאַנד
אין דער אייביקייט פאַרגיין. —
דו מוזט איצט בליען, ווי איך
אין דיין מאַמע — בוים,
צי דו שפּראָצט ערשט צווישן דיינע ברידער
אין אַ גרינעם וואַלד,
דו מיין אייביקייטס־שותף,
אונז ביידן דערוואַרט איין גורל.

חיים ראַבינזאָן / נח שרייער

נח שרייער טראָגט אין האַנט אַ ברעטל
און שרייט ער, דרייט ער עס ביי יעדן זאָג,
ביינאַכט איז ער אַ סטאָרעזש און באַטאָג
איז ער דער משוגענער אין שטעטל.

קוקן אים די מאַמעס אָן פאַרטראָגן,
ווען ער ווייזט זיך נאָר אויף זייערע שוועלן,
הייבט אין אים אָן דער שגעון צו קוועלן:
זאָל ער יאָ, צי זאָל ער נישט אויסזאָגן?

שטאָפּט אַ שרעק דאָס מויל אים, ווי אַ געניץ,
לאָזט זיך נח פונם שלאָף פאַרשלונגען,
וועקן אים אין חלום אויף די יונגען
וואָס מע שיסט ביינאַכט אויס ביי דער גרעניץ.

גיט אים יעדערער פון זיי זיין שאַרבן,
ער זאָל מיט אים אַרומגיין אינם שטעטל
און ווי ער דרייט ביי יעדן זאָג דאָס ברעטל,
זאָל ער אויפדרייען דעם סוד פון זייער שטאַרבן.

קרומט דער שאַרבן זיין געזיכט צום שעלטן.
וואַרפט נח אים אַרויף צו דער לבנה,
ער זאָל קוקן אין די דורות מיט זיין פנים,
ער זאָל הענגען, ווי אַ גלאָק איבער די וועלטן.

...נח שרייער טראָגט אין הענט אַ ברעטל
און שרייט ער, דרייט ער עס ביי יעדן זאָג.
ביינאַכט איז ער אַ זעער און בייטאָג
איז ער דער משוגענער פון שטעטל.

(1936)

נ ח ו ם

אַ נפש אַ גראָבס און פאַרוואַקסן.
די האָר ווי צעשויבערטע פלאַקסן.
און אויגן — דער אומרו פון שלאַקסן.
די אָרעמס — ווי מעשענע צוואַנגען
נאָר ג׳האַלז האָט אַ פידל געהאַנגען.

די מאָרגנס צעעפענען אויגן
מיט בייטן ווי סטרונעס צעצויגן,
מיט אָפענע ליפן — דער אַקער,
יעדער בוים — אַ פאַרגליווערטער פלאַקער
מיט בלעטער צעשיטע ווי סטראָפן.

אַנטפלעקט איז דאָס פעלד און איז אָפן
צו׳ר ווייט ווו עס נעמט זיך אַנטפלעקן
אַ בערגל אַ גרינס מיט די פלעקן

פון שטיבלעך ווי קליינינקע קינדער,
מיט הינט און מיט שאָף און מיט רינדער.

דערנאָכדעם באַוויַיזט זיך דאָרט נחום,
צעשמייכלט און מילד, ווי אַ ברכה.
טרייבט אונטער די שאָף מיט אַ ניגון,
אַז ס'נעמט זיך דאָס טייכל אַזש וויגן
און ס'הויבן אָן רעגענען קלאַנגען
וואָס וועקן אין פעלד אויף די זאַנגען — — —
די וועלט איז אינגאַנצן געזאַנגען!

עס טרייסלט דער בוים אָפּ פון צווייגן
די נאַכט און ער הערט ווי אין שווייגן
צעפלאַטערן זיך אַזוי ווי פּאָנען,
די לידער אין העלדזער פון יונגען,
און מיידלעך מיט בראָנזענעם פּנים,
מיט הערצער — צעברוסטיקטע רינגען,
פאַרצויגן ווי גלעקער צום קלינגען —
צעשטורעמטע כוואַליעס וואָס זינגען.

אָט אַזוי האָט געוועבט זיך אַן עפּאָס
אין שטילער אַליינקייט פון סטעפּעס
ביז איינמאָל ווען ס'האָט אין פאַרטאָגן
פון שטאָט אַ געוויין זיך דערטראָגן.
דאָס רעוועצן דאָרט יידן ווי בערן,
ווייל גאָט וויל דעם צדיק נישט הערן.
עס זענען פון אייזן די הייכן —
קענען נישט תּפילות דערגרייכן.

מיט אַמאָל און עס הערט זיך אַ ניגון
וואָס שטייגט צו דעם רוים ווי אויף שטיגן,

אין הימלען פון אייזן צעפּראַלט ער,
דער צדיק נעמט גיין זיך אַקעגן
דעם ניגון וואָס הימלען גאָר שפּאַלט ער.
נאָר עס טוט אים אין פעלד אַ באַגעגן
אַ נפש אַ גראָבס און פאַרוואַקסן,
די האָר ווי צעשויבערטע פלאַקסן,
אין אויגן דער אומרו פון שלאַקסן,
נאָר שמייכלט און מילד ווי אַ ברכה.

אין נ׳הייליקן יום־כּפּור, גייט נחום
און רייסט ווייכע גראָזן פאַר ציגן,
בייסט איין ווי אַ בולקע דעם ניגון
און וואַרפט אַזוי ווי ברעקלעך דעם וווּנדער
פאַר הינט און פאַר שאָף און פאַר רינדער.
(1946)

י. ראָגעל / גלויב

ס׳האָט אַ מידער
די לעצטע אָטעם־צוגן אויסגעהויכט
דער טאָג.

די לעצטע דעמערונג מאָטיוון
אין טאָגעס שוואַרצע איינגעהילט —
באַקלאָגן שטיל זייער הייסגעליבטן פריינט — דאָס ליד.
און דו זעסט, ווי ס׳הינקען אַוועק דיינע איינזאַמע שעהן
טרויעריק און פאַרשעמט,
ווי הונגעריקע אורחים מיט ליידיקע הענט;
און דו, — דו קוקסט און שווייגסט.

און דו, —
אויף די אַקסלען פון דיינע איינזאַמע שעהן —

פאַרלאָדנסטו דיין גאַנץ פאַרמעג — דיין ליד.
דיין הערלעכסטן מאָנומענט מיט שוואַרצער קרעפּע פון נאַכט —
אין גרעסטער געהיים איינגעהילט...

און דו זעסט, ווי טיף אינדרייען געבויגן
רייסט פון זיך די לעצטע גסיסה באַנדאַזשן דיין ליד:
ניין! ניין! ניין!...
טאָ איז וואָס?
איז וואָס, אַז אייטערדיקע ראַנעס פרעסן דעם קערפּער פון דיין וואָרט
און זויגן אויס דעם לעצטן מאַרך פון דיין ליד.
און דו, — דו איינער אַליין שטייסט אין געפּעכט
און באַגלייטסט די סודותפולע טענער
פון דיין אייגענעם טרויער מאַרש...

טאָ איז וואָס?
נעם פעסט אין האַנט דעם שליסל פון דיינע הייליקע קלאַנגען
און גלויב!...
(1945)

מלך ראַוויטש / דער מוטערס טויט און אדמס ליבע

דעם אדמס מוטער איז געווען אַלט,
און ווינטער איז געווען;
איז זי געלעגן צווישן אַלטע ציגן־פעלן
און האָט געערוועט הונגעריק, פול צער.
איר רוקן איז געווען, ווי אַ בוים אויף צווייַ געבראָכן,
און אירע ווייסע האָר שוין אויסגעקראָכן
פון צעפּאַלנדיקער הויט,
און שאַרפער, הונגעריקער ווינטער איז געווען,
ווייל אדמס יונגסטע ווייב האָט צוגענומען אַלע גוטע ציגן־פעלן
פאַר איר וואַרעמען געלעגער,

ווייל אדם האָט אין איר געפונען שטאַרק געפעלן,
און ער האָט ליב געהאַט די זאַטע, ווייכע וואַרעם פון איר בויך;
און איז געקומען קאַלט און כמורנע אין דער מיטן שוואַרצער נאַכט,
האָט ער אין ווינקל האַרט אַ וואָרף געטון, צוויי פאַרפרוירענע
טויטע ציגן,
און צום געלעגער פון זיין יונגסטער איז ער צו
מיט אַ מיד און ציטערנדיק געפליסטער;
דו — לאָז מיך ליגן.
האָט זי געענטפערט שטיל, און אירע אויגן האָבן גרין געגליט:
דיין מוטער איז אַ שלעכטע, אַלטע, פרעסט און פרעסט,
און האָט מיך היינט געשלאָגן, מיך, דיין הייסע.
קענסט זי דאָך פון דאַנען טראָגן איצט,
און אין שניי באַגראָבן,
און קום צו מיר צוריק,
הייסער מיינער
דו.
און אדם האָט גענומען ביי די פיס זיין מוטער,
און האָט זי איינגעוויקלט אין אַ פעל פון ציגן,
האָט זי פול רציחה און פול שרעקן אויפגעשריגן און געשפיגן,
און אדם האָט גענומען און געטראָגן ווייט פון דאַנען,
וו עס איז אַ אָפּגעהאַקטער שטאַם פון אַ ליבדנבוים געשטאַנען
און מיט אַ האַק פון שטיין האָט ער גענומען האַקן
אַ קבר אינם האַרטן שניי.
און צו דער מוטער זאָגט ער: שטיי
און וואַרט!
און אַז דאָס קבר איז געווען גרייט,
האָט ער איינגעוויקלט זי, און איינגעהילט זי אין איר פעל פון ציגן,
און זאָגט: גיי ליגן!
האָט זי געוועט: איך, דיך, געהאַט, געבוירן,
זענען טרערן אויף זיין האַרטער באָרד געפרוירן,

האָט ער די מוטער צוגעדעקט מיט שניי און איז געבליבן שטיין,
און האָט זיך איינגעהערט צום רעוועדיקן, אונטערערדישן געוויין,
ביז עס איז פאַרשוויגן.
און אין דערהיים איז ער צו צום געלעגער פון זיין זיסער:
הייסע, לאָז מיך ליגן.
און זי האָט אויפגעמאַכט איר נאַכטיק־הייסע שויס,
און אדם האָט זיך אויסגעשטרעקט אין זיין גאַנצער גרויס.
(פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן)

אַקעגנאיבער פון מיין פענצטער

אַקעגנאיבער פון מיין פענצטער וווינט אַ פרידלעך הויזגעזינד,
טיש און שטולן זעען וויס, לערנט הויך אַ פלייסיק קינד;
אַקעגנאיבער פון מיין פענצטער וווינט די רו,
און פרילינג איז —
און ערגעץ אין אַ קעלערשטוב טרערט די נעץ פון אַלטע ציגל,
קוקט מיט גרינע אויגן פון די ווענט,
שטרעקט אויס אומזעכטבאַרע הענט,
און עמעץ ליגט דאָרט, דושעט זיך אין קראַנקן הוסט.

אַקעגנאיבער פון מיין פענצטער איז אַ שוואַלבן־נעסט,
אויסגעקלעפט און אויסגעבעט, און האַלט זיך אין אַ ווינקל פעסט.
און יונגע צוויטשערן: מוטר... מוטר... טר...
און מוטער הויך אין אוויר פליט אום פריי,
און פרילינג איז —
און ערגעץ אין אַ יאַטקע הענגען שטיקער טריפנדיק פון בלוט,
און אין דער מיט
שטייט אַ בייזער מאַן, און ציט אַראָפּ אַ פעל
פון טויטן לאַם, עס הענגט אַראָפּ אויףביידע הינטערשדיקע פיס.

און איך, —
איך האָב געגעסן זאַלץ און ברויט,

און האָב געשריבן אויף אַ ווייסן בלאַט
אַ ליד פון רו און גליק.
און מיינע בלוטן זענען רויק, מיין נשמה זאַט,
און נאָר דער גייסט איז ניכטער, ווי אַ דיכטער־דענקמאָל
אין דער זון,
וואָס שטייט פאַרשטיינערט, ערנסט, מאָנענדיק און שטום.

אַקעגנאיבער פון מיין פענצטער, אויף דעם בלאָען האָריזאָנט,
איז דאָ אַ פרידלעך דאָרף,
און ערגעץ דאָרט אין דאָרף טראָגט אויס אַן אַכצניעריקע
דעם ניינטן חודש שוין אַ קינד,
און וואַרט געבראָכן אויף די קומענדיקע טעג,
און גערן וואָלט זי מיט אַ זעג
צעזעגט די בלוטנדיקע בלום פון נעכטלעכער און ליידנ־
שאַפטנפולער ליבע.
(נאַקעטע לידער)

טראָפּישער קאָשמאַר אין סינגאַפּור

זיבן וועלטן און זיבן ימען
און צוויי און פערציק יאָר —
קאָשמאַרן זענען די הייסע
נעכט אויפן עקוואַטאָר.

די אויגן אָפן, נאַקעט דאָס האַרץ
און בלוט טרינקט אַ מאָסקיט,
און עס זשומעט, זשומעט, זשומעט
אין קאָפּ זיין קאָשמאַרנע ליד.

איבער זיבן וועלטן און ימען
זע איך רעדים, מיין שטעטל, און אַ יריד,
און עס זשומעט, זשומעט, זשומעט
זיין זשומענדיק ליד דער מאָסקיט.

איבער זיבן וועלטן און ימען —
אַ יריד אויף אונזער מאַרק,
ביים פענצטער דער טאַטע מיט דער מאַמען,
קוקן אויף דער באַן אויפן באַרג.

איבער זיבן וועלטן און ימען
אויף פליגלען פון פייער־ווינט
פליט אַ חלום, און אין חלום
ווער איך ווידער אַ קינד.

קוקן אַזוי לאַנג ביז זיי גייען
אין קיך אַריין, די אַלטע לייט,
און פון אונזער קיכפענצטער זעט מען
די בית־עולם־מויערן פון דער ווייט.

און עס וואַרפן די קאַשטאַנען
אין טויטאַנגסט און אין היץ,
פלוצלינג זיך איך מיט אָפענע אויגן,
אַ געדאַנק קומט — שאַרף ווי אַ בליץ —

אַז די זיבן וועלטן און ימען
זענען דאָך אַ חלום נאָר,
און חלום זענען אויכעט
די צוויי און פערציק יאָר.

גיט די מאַמע פלוצלינג אַ שמייכל
און דער טאַטע צעלאַכט זיך גאָר:
— אַוודאי, דו נאַר פון וועלטן און ימען,
ביי אונז אין דער היים איז די וואָר — — —

פון דער זייט שטוב איז אַ בערגל
און פון דאָרטן זעט מען די באַן,

אונ פון יענער זייט שטוב — זעסטו זון ?
איז — ווי תמיד — דער בית־עולם פאַראַן.

דאָרטן ליגן אונזערע זיידעס
ביז אַרויף צום פערטן דור —
מען דאַרף רועז, זון, מען דאַרף רועז,
נאָך צוויי און פערציק יאָר,
נאָך עקוואַטאָר, נאָך סינגאַפּאָר.

זאָגט די מאַמע : — דו מיינסט טאַקע אמת,
וואָס דו האָסט דיר איינגערעדט שטאַרק,
אַז די וועלט איז עפּעס מער דאָרט,
ווי אונזער קליינער מאַרק ?

אָט וואַרף איך די זיבן וועלטן
דורך דעם פענצטער אַרויס —
אָט גיס איך די זיבן ימען
אין דעם קיכשעפל אויס — —

דאָ זעץ דיך מיין זון, מיר צופוסנס
און דעם קאָפּ לעג אָן אין מיין שויס,
ס׳איז אַ חלום אַלץ געוועזן
און איצט איז דער חלום אויס — —

און נאַ דיר פאַר אַלץ זיבן גראָשן
און קויף דיר עפּל אַ פּאָר —
און בייס אַריין, און זע אַליין
אַוווּ עס איז די וואָר — —

און העלף מיר אָנצינדן ס׳לעמפּל
און פייער מאַכן אין קיך,
און נעם אַראָפּ פון דיינע
מידע פיס די שיך.

און לייג אַרויס די געדאַנקען,
וואָס דריקן דיר אין קאָפּ,
און פֿון די אַקסלען נעם שוין
די לאַסט פֿון די יאָרן אַראָפּ.

און לייג דיך צוריק אין בעטל,
אין דיין קינדערבעטל אַריין,
איך וועל פֿאַרשטעלן דאָס לעמפּל,
עס זאָל דיך נישט שטעכן די שיין.

פֿראָים, מיין מאַן, גיי דיך שוין לייגן,
דו ביזט דאָך אַוודאי מיד,
און איך וועל דאָ פֿאַרזינגען
אונזער קינד מיט אַ ליד: — — —

„אַמאָל איז געווען אַ מעשה,
די מעשה איז גאָרנישט פֿריילעך,
די מעשה הויבט זיך אָנעט
מיט אַ יידישן זינגער, אַ מלך.

„דער זינגער איז אַוועקגעפֿאָרן
איבער זיבן וועלטן און ימען,
און ער איז צוריקגעקומען
צו זיינע אַלטע טאַטע־מאַמען.

„און פֿון דעם מלך׳ס אויגן
טרערן רינען און רינען,
ווייל אויף זיבן וועלטן און ימען
האָט ער די וועלט נישט געפֿינען.

„ווייל אויף אַלע זיבן וועלטן
און אויף אַלע ימען זיבן

איז דער זינגער, דער מלך
אַליין אויף דער וועלט געבליבן.

"פון זיבן וועלטן און ימען
איז ער צוריקגעפאָרן
און ער פרעגט ביי זיין אַלטער מאַמען
פאַרוואָס זי האָט אים געבאָרן — —

"האָט די מאַמע זיך צעיאָמערט
און דעם זון מיט טרערן באַגאָסן,
און האָט דעם מלך, דעם זינגער,
ווי אַ קינד אין די אָרימס געשלאָסן.

(האָט גענומען צאַנקען דאָס לעמפּל,
און דאָס גלעזל שוואַרץ זיך צו פאַרבן...)
"כ'האָב, מיין זון, געמוזט דיך געבוירן
דערפאַר דו זאָלסט מוזן שטאַרבן". — —
(קאָנטינענטן און אָצעאַנען)

יוסף ראָלניק / אונזער היים ביי גאָט

אונזער לעבן איז אַ שמאָלער, קרישלדיקער וועג,
מיר גייען און מיר מוזן גיין אים טראָט ביי טראָט.
גליטש און האָגל, טיפע טאָלן, הויכער אָפּגרונט-ברעג.
מיר קומען אויפדערנאַכט אַהיים צו גאָט.

אַלע טראָגן אויף די פּלייצעס אָנגעפּולטע זעק:
ווער מיט גאָלד און ווער מיט טראַנטעס, ווער מיט האַרטן שראָט
אַלע פּלייצעס ברענען ווונדיק אויף דעם גאַנצן וועג, —
ביז מיר קומען אויפדערנאַכט אַהיים צו גאָט.

ווער עס פּוילט זיך, ווער עס איילט זיך, ס׳העלפט ניט
קיין געאייל;
ס׳איז פון פריער אָפּגעמאָסטן יעדער ווענד און טראָט:
ווערמען נאָר דריי טריט פון וויגל, וועמען הונדערט מייל, —
ביז עס עקט דער הימל פאַר דער היים ביי גאָט.

מיינע שעהן ווערן קורצער, פאַלשער ווערן טעג.
איך גיי אַרום מיט אויסגעבאָרגטן, ניט באַצאָלטן טראָט;
יעדער ווײַלע קען דער הימל פאַלן אויף מיין אויג, —
ניט געריכטערהייט זיין אין דער היים ביי גאָט.

* * *

זיסער פון די זיסטע סמען
זענען זינגענדיקע גראַמען.
זעמל ברויט פון בעסטן סאָרט
איז דאָס אויפגעגאַנגען וואָרט.

זיכער ווי אין פאָטער־שטול,
מיט די ברעגן גלייך און פול,
אויף הויכע וואַסערן פון געמיט
טראָגט זיך אויך דאָס יונגע ליד.

ס׳ווּ זומער דאַרן אַלע רויזן אָפּ
און אַלע עפּל פאַלן צו דער ערד אַראָפּ.
פון בוים די בלעטער רייסט אַראָפּ דער ווינט;
דאָס שלאַכט־הויז איז דער סוף פון שעפּס און רינד
און אַלע לידער, קליין צי גרויס,
זיי לאָזן זיך אויס
מיטן טויט, מיטן הייליקן טויט.

(1931)

דער תנא זאָגט...

דער תנא זאָגט: דער טאָג איז קורץ,
דער מדבר האָט קיין ברעג,
און ווי דו זאָלסט ניט שפּרייזן שנעל —
וועסט שטאַרבן אויפן וועג.

און בלייבן וועט די שיינע שטאָדט,
וואָס גלאַנצט אין ווייטן רוים
פאַר דיר נאָר אַ פאַרפירעריש,
אַ ליגנערישער טרוים.

ווייס איז די ערד...

ווייס איז די ערד און געפראָרן
עס ציט זיך דער וועג ווי אַ שנור,
אַן איינציקער פלעק אויף דער ווייסקייט:
פאַר וויאָרסטן ווייט פויזעט אַ פור.

בלוי איז די לופט און דער הימל;
אַן איינציקער פלעק אויף דאָס בלאָ:
פון שניי האָט זיך פלוצים דערהויבן
אין לופטן אַ גרוי־שוואַרצע קראָ.

שטיל דער פאַרפראָרענער טייך איז,
און שטיל איז אייף באַרג און אויף טאָל:
פון נאָענטן דערפל דערהערט זיך:
אַ מאַן שילט דאָס ווייב אויפן קול.

מיינע ימען זענען שטילע...

מיינע ימען זענען שטילע,
מיינע שיפן גייען ווייט;
מיינע שיפן וועלן קומען
אין דער רעכטער צייט.

גאָט פירט זיי אויף שטילע וועגן —
גאָט ווייסט דאָך די וועגן גוט: —
וואָס־זשע האָב איך זיך צו זאָרגן,
ס׳וועט שוין אַלץ זיין גוט.

הערץ ריווקין / ביים קאַזאַרמישן טויער

ביים קאַזאַרמישן טויער שוין הונדערטער מאָל
האָב איך אויסגעציילט היינט מיינע נאַכטישע טריט —
מיינע זעלנערשע טריט.
ס׳אַ געלעכטער.
כ׳בין געוואָרן דאָ היינט אַ קאַזאַרמישער וועכטער,
כ׳מוז היטן קאַזאַרמעס וואָס זענען געוויקלט
אין זעלנערשן עלנט
אין פיין און אין צאָרן —
קאַזאַרמעס ווו ברויזנדער ווילן פון יונגען
פאַרטויבט ווערט מיט גרילצן פון מעשענעם האָרן.

ס׳איז נאַכט.
מידע, דערשלאָגענע שלאָפן די זעלנער.
חלומען אפשר פון דאָרפישע היימען,
פון פויערשע מיידלעך מיט צייטיקע ברוסטן
וואָס שפילן זיך איצטער ווער ווייסט שוין מיט וועמען.

האַלט נאַכט שוין ביים אויסגיין.
פרימאָרגן ברענגט ווידער אַ טאָג פול מיט פיין,
וואָס גראָבט זיך אין זעלנערשע קערפּערס טיף איין.
פרימאָרגן.
איצט שלאָפן קאַזאַרמעס.
עס ווייעט פון טונקעלע פענצטער אַן אומעט.
דאַכט מ׳יר:

עס האָט זיך פֿיליערקער טרויער,
פֿאַרקליבן אָ־דאָ צום קאַזאַרמישן טויער
און דריקט אַזוי שווער אויף מיין נאַכטיש געמיט.
איך היט.
איך בין היינט דער וועכטער פֿון זעלנערשן עלנט.
איך היט.
און ס׳קלאַפּן דאָ אויס מיינע נאַכטיקע טריט
אַ טרויעריק לידי.

האַרבסט

אַכט אַ זייגער אינדערפֿרי.
אַכט אַ זייגער אינדערנאַכט.
ס׳עסט דער לאַנגער צייכנער־טיש
פֿון דער טעכנישער ביוראָ
מיינע וואָכן, מיינע טעג.
דאַכט מיר:
מיט די צייכנונגען און פּלענער
ליגן אויסגעשפּרייט אויף אָט דעם טיש
ליגן אויסגעשפּרייט ווי טויטע קראָען
מיינע טעג און מיינע שעהן.

האַרבסט.
כ׳זע אין שויב אַ טויטן גאָרטן.
ביימער מיט פֿאַרוויינטע צווייגן.
יעדער בוים — אַ טאָג.
יעדער צווייג — אַ שעה.
ווייס איך: ס׳האָבן בלעטער זיך געטוליעט
צו פֿייגעלעך אין פֿרילינג
ס׳האָבן צווייגן זיך געבראָכן זומער אונטער לאַסט פֿון פֿרוכט,
ס׳איז געווען דאָ פֿרילינג.

ס׳איז געווען דאָ זומער.
ס׳האָבן בוימער זיך געקושט מיט הימל בלאָען...
מיינע טעג און מיינע שעהן
זענען בוימער אין אַ וואַלד אַ האַרבסטיק־גראָען,
וואָס אויף יעדער צווייגל הענגען זיבן טויטע קראָען.
(פון שכײנישן דאָרף)

שלמה שוואַרץ / פליגל און אות

פּאָעט און פּאַרטיזאַן:
אַ׳ סוצקעווער

פליגל און אות — איז ייד.
אַזוי זינגט זיך דאָס ליד.
איך און איך איז מאָס,
מאָס איז שטח:
ייד און ייד איז גלות,
איז געטאָ!
פליגל און אות —
געטאָס אייביקער דיאַגנאָז.

א

די לבנה איז פריי אין מיין גוף,
איך רוף מיט ביידע הענט
דעם ווייטן חלום, דעם שבת פון שלום.

אָבער ליבער פון אַלץ איז לידער
שרייבן ווי דער שניי איבער בוים, איבער דאַך
אַן איידל־שריפט, צו ווענען?
די נאַכט פאַוואַליע ברענגט שלאָף צו די ברעמען
די מיסטעריום פון ווייטן חלום

קומט די מאַמע צו גיין, פון ערד אַרויס צו גיין,
און טוט גאָרניט זאָגן, גאָרניט.
עס וועט תמיד אין זיכרוןריידן די שטילקייט
פון איר שמאָלן שטיין.
עס סודעט זיך דער שניי אין מיינע האָר.
פאַרוואָר, דער זייגער שעכט פון וואַנט אַראָפּ
די שפּעטע שעה —
דער חלום ווערגט די נאַכט אויפן קול:
לאָמיר אַנטקעגן גיין די וועלט. שרפה!

די שרפה קומט מיט ציטרין־קאָליר.
דער זייגער איז שפּעט,
אויפן בעטל מיין זיידע מיט חידוש —
דער ענין איז גאָרני׳ט יידיש אַצינד:
ס׳איז ניט תשובה ס׳איז ניט זינד
ס׳איז גאָר — — — — — — — — —

די לבנה אויף מיין געלעגער
פאַרשטייט ס׳שפּיל פון עשו יעגער.

ד

בלויז דאָס וואָרט פאַרזיגלט די צייט.
די ציפער ווייסט בעסער
וויפיל פיס. זוכן דעם געפּלאָנטן וועג
ביים עק פון מויער.

נאָך מיין קאָפּ, טאַטע כ׳בין זיך מודה,
אין נאָכאַמאָל ליד, ליד איז ייד:
ייד איז וונד, וווּנט אין גרונט —
די וועלט אַ הוידע.

אייבזאַם בין איך, אָט דעם סך הכל

שמעלצט די טרער.
ווער איז ווער, דער הענגענדיקער ווינט איז מיין שותף,
ער, דער ווינט איז אימאָרטעל.

טויט איז טרוים, רו און תפילה,
די מעשה פון העלדן און פראָפעטן —
זוניקע טעג מיט בלוטיקע שטאַפּעטן;
איך זאָג קדיש נאָך מיין זיידנס שטעטל.

ו

רוישיק, גרין, דער זומער. זמן איז ריכטיק,
וויכטיק איז די ליבשאַפט.
די בענקשאַפט פון מענטש צו מענטש.
פון לייב צו לייב;
פון בליק צו בליק —
ברידער — איינפאַך.

ס'איז דער טויט טיכטיק
ווי אַלעמאָל געטרוי און אומליכטיק.

ניטע ווינט, צו וואָס טייטלען
דעם טרויער?
כ'האָב ליב די זון, די באָל איבער מויער,
די וועלט אַן אומגעהייער חדר.
עס יאָמערט די נבואה און דער נדר
פון צענדליקע וואַגאָנען, ניטע.

ס'קומט דער טויט אָן כעס, אָן שנאה,
דער בית־עלמין, אַ מומע אַ גרינע.

און דאָס אויג זעט אַלץ מיט ווירדע:
זע, די צאַפּלדיקע בלעטלעך ווי גרינע פיש

שווימען צו דער עליה
די זון אַ רויטער טינטער
בריט מיט שווייגן:
צי ווילסטו ווי בן נון מיך וואַרגן נאָכאַמאָל?

ס׳לויפט דער טויט אין צופעליקע שליחות
טועם זיין נאָכאַמאָל מיין קרושדיקן יחוס.

אינדיאַנער זומער

די אַלטינקעביים ראַנד פון טאָג
איז שניי גרינג
און ערד שווער.
איר לעבן איז מוראדיק צעשאָכטן
מיט זונפאַרגאַנג,
רו,
איצט רו,
אויב ניט רו, צו וואָס טויט?

דער זייגער־גילאָטין קלאַפּט אַראָפּ
אַ שעה
נאָך
אַ שעה
די אַלטינקע הערט דעם טאָם־טאָם
אויף די שויבן.
נאַכט איז הייזעריק פון רעגן.

דאָס לעבן, אייניקל מיינס,
אומפאַרשטענדלעך
ווי דיין שפּראַך,
אַ סך, אַ סך
געצאָמט.

גרין לעבן — ניט מער
אינדיאַנער זומער ליגט מיט
פידל־קאָליר
אויף דער אַלטינקערס שוועל.

(1946)

אשר שוואַרצמאַן / די קרעטשמע

אַרויס פונם דאָרף, אויפן וועג ביי די פעלדער
אַן אַלטע אַמאָליקע קרעטשמע נאָך שטייט
און קלערט, ווי, להבדיל, אַ מענטש אויף דער עלטער
וואָס האָט אין דער יוגנט מיט וועלטן געדרייט.

— נו, יאָגט אַרום, ווינטן, נו, טריקנט, איר פעלדער;
נו, כאַפּט נאָך אַ שטרוי פון מיין דאַך און לויפט אָפּ,
ס'וועט קיינמאָל ניט אומקערן זיך שוין מיין יוגנט, —
איך פאָר ניט אַרויף, כ'פאָר פון באַרג שוין אַראָפּ.

פאַרוואַקסן דער צופאָר, די שטאַלן צעוואָרפן,
ביי טאָג און ביי נאַכט איז ניט אָפן די טיר,
ניטאָ שוין דאָס שטענדיקע רעדל ביים קאַנעץ
מיט וווּנדערלעך־שרעקלעכע מעשות און שיעור.

עס גיסן זיך שוין ניט די האַלב־ווילדע לידער
מיט בראָנפן צונויף אויף דער שיכורער צונג;
ניט עגבערט דעם מוח, ניט שוידערט די גלידער
דער סוד, וואָס אַנטפּלעקט אַ פאַרשיכורטע לונג.

די קרעטשמע שטייט עלנט ביים וועג ווי אַ דאָרן,
דער דורכפאָרער ווערט דאָ אויף ווײַלע פאַרקלערט
דערמאָנט זיך, ווי לאַנג ס'איז אַהיים נאָך צו פאָרן,
רוקט איין זיך אין בורקע און טרייבט צו די פערד.

נאָר ווינטן, וואָס הוליען אויף פעלדער אויף ברייטע,
דערמאָנען דער קרעטשמע די אַלטינקע זינד.
אַ ווינט טוט אַ לאַך און מאַכט תיכּף אַ פליתה, —
זי בלייבט, ווי אַן אַלטער, פאַרשעמט פון אַ קינד...

ווי זומער ס׳פעלד

ווי זומער ס׳פעלד נאָך האַלבן טאָג
ווען בוים פון ווייט מיט יעדן צווייג
שטייט בולט, קלאָר, —
אַזוי איז שטיל מיין האַרץ.

און ווי די טויב, וואָס פליט אַרויס
פון טורעם־שפּיץ אויף הימל־שויס,
אויף בלויען בלויז, אויף ווייסן בלויז, —
אַזוי פלאַטערט אָפט מיין האַרץ.

און ווי דער ים אין מיט פון נאַכט,
און ווי די בייזע שפּיל פון שלאַכט, —
איז אויך מיין האַרץ...

אויף פעלזן־שטעגן כ׳בלאָנדזשע בלינד,
נאָר אונטער פעלזן, הער איך, רינט
און ריזלט פריש אַ שטראָם —

דער קלאַנג, וואָס גייט פון אייביקייט,
דאָס גאַנצס, וואָס איז פון שטויביקייט, —
מיין האַרץ, וואָס זינקט אין תהום.

מיין ברודערס ליפּן

מיין ברודערס ליפּן בלוילעך־געל
און ציטערן... דעם לעצטן ציטער.
וועם עמעץ קושן זיי, אַחוץ זיין מוטער?

מיין ברודערס האַנט פאַרגליווערט ווערט
און וויל די ערד אומאַרמען,
ווער אפשר עמעצער זי אויף זיין ברוסט דערוואַרמען?...

מיין ברודערס פוס איז אָפּגעדעקט,
פאַרבלוטיקט און אין קויט,
און שטיל קוקט איר זיך איבער: טויט?...

אָ, ניין!
פון אַלץ, וואָס אייך באַטריבט,
ז'מיין ברודער ריין!

א זון־באַשיינטער ריז האָט ער זיך אויפגעשטעלט
מיט אויסגעשפּרייטער האַנט אויף גאָרער וועלט...
אַ גרויס בלוי־שווייגן איז אַצינד זיין היכל,
און ס'איז זיין זונענבליק פאַר אַלעס מוחל, מוחל...

אומעט

אין ליבלעכסטן פון מיינע שמייכלען,
אין פריינטלעכסטן פון מיינע בליקן —
איז שטענדיק דאָ דער אומעט, ווי אַ גנב.

נאָר היינט איז ער מיט מיר
דורך אויפגעמאַכטער טיר
געקומען, ווי אַ גאַסט, פאַרבעטן אויף אַ סעודה.

ער גייט פון קינד, וואָס איז פאַרטריבן,
ווען פאָטער איז מיט פרוי אין הייל פאַרבליבן.
אויף וועגן איינזאַמע דעריאָגט ער מיך אַצינד
און לייגט זיך אויף מיין האַרץ,
ווי טונקלער ווינטער־טאָג אויף שווייגנדיקע פעלדער.

איך לאָז זיך שטיל אַראָפּ צום שטאָם פון מײַנע לײַדן
און ווייס ניט, צי איז מיין לייד אויף וואָגשאָל פון די וועלטן...
איך זע, ווי ס׳קוקן בלוי געבוגדענע קרבנות,
אויף וועלט און אויסוועלטן מיין צער הייבט אָן צו וואַקסן,
און אַלטער אומעט קומט, ווי ווינט פון האַלבער נאַכט,
צו זאָגן מיר:
איך טיפסטע ווייען בלייבסטו שטענדיק עלנט,
מיט האַרץ און מיט געדאַנק אויף טאָפּלדיקע וועלטן,
און ווי אַ שטילע שאָף צו רוען אויף ביינאַכט
געגעגנען וועט דער טויט און איינשלאָפן מיט דיר...

און שווער ווערט מיר פאַר נאָך נישט אויסגעלעבטע טעג,
וואָס שטייען אויף, ווי צייכנס אויף אַן אַלטן וועג,
און שווער ווערט מיר און ווייַ פאַר גאַנצער וועלט,
וואָס פאַרן חלף האָט אַ תפילה אויף די ליפּן...
און כ׳נעם די זיילן אָן פון מיינער וועלט און גלויבן
און זאָג:
איך, מענטש, מיט קליינע טריט, פאַרלוירן אויף די פעלדער,
איך, מענטש, מיט טרויעריקן לייב און ניט באַגלייבטן האַרצן —
וואָס נאָך ווארט איך?...
(אַלע לידער)

יעקב שודריך / מיט דער נאַכט

מיט דער נאַכט איז צערינען מיין ויידענער חלום,
מיט דער נאַכט איז פאַרגאַנגען מיין שטילער געזאַנג.
מיטן טאָג אַזוי ראַש און אויף שטורעם צו שווימען
איז געקומען מיין ליד מיט אַ הילכיקן קלאַנג.

מיט די אויגן געווענדט צום געטומל פון דורות,
מיטן האַרץ באַוועגט דורכן רויש פון מיין דור,

גיי איך אום אויף דער ערד, וואָס צעגליט איז פון שלאַכטן
און מיש אויס מיין ליד אינם מעכטיקן כאָר.

כ'האָב ערשט נעכטן געשלונגען דאָס גאָלד פון די שטערן,
קוים זיך באַוועגט מיטן שטילן באַוועג פון די בלעטער,
געוואָלט מיט דער לייכטקייט פון פליענדיקע פייגל
און מיט פלינקייט פון הירשן איבערן לעבן קלעטערן.

איז מיין שטילער פאַרלאַנג געוואָרן צעפליקט און צעריסן,
ווייל ס'האָבן מיך אַרומגערינגלט בעשעענישן קאָנקרעטע,
ס'זענען אויפגעגאַנגען האַרבע דראָענדיקע טאַטן
און מיין חלום איז געוואָרן אַ שטערונג, אַ פאַרעטער.

איז אַנטרינען פון ליד די שטילע גאָלדענע וואונדער,
ווייל וואונדער אַליין וועבן נישט קיין געשיכטע,
די געשיכטע גייט אויף קוליעס, און באַנדאַזשן,
און אין ווייען ווערט געבוירן ס'ליד פון דיכטער.

מיט דער נאַכט איז צערונען מיין זיידענער חלום,
מיט דער נאַכט איז פאַרגאַנגען מיין שטילער געזאַנג.
הערט־זשע אויס מיין געשריי, מיין הויכע סימפאָניע
פון אַ וועלט, וואָס קומט מיט פרישער פרייד און בלאַנק!
(1936)

דו האָסט מיך אָנגעצונדן

דו האָסט מיך אָנגעצונדן, ווען שטאָט האָט אויפגעשטורעמט
מיט דיינע איילנדיקע טריט און מיט דיין רוף — דערוואַך!
דו האָסט פאַבריקן אָפגעשטעלט, טראַמווייען אויסגעלייגט.
מיט עקשנות זיך געשלאָגן ביז אין האַלבער נאַכט.

דו האָסט אַוועק פרייד צעוויט ביי מיינע פיס,
ווען איך בין טרויעריק נאָך געשטאַנען ביי דעם ראַנד,

איצט פּלאָטער איך אין געפּלאָטער פון די פאָנען,
וואָס דו האָסט אויפגעהאָנגען אין דעם לאַנד.

איך ווייס: מיט דיר קומט אָן אַ העלע וואָר,
אין דײַנע פויסטן ליגט די מעכטיקייט פון קונסט,
דײַן אויג, וואָס האָט געטונקלט זיך אין גראָ,
שײַנט אויף מיט פרייד, בלענדט אויף מיט זון.

איך וואָלט דיר היינט געוואָלט אָפּצאָלן מיט מײַן געזאַנג
פאַר יעדער שעה, פאַר יעדער שטורעמדיקער נאַכט —
ווער ווייסט, צי כ׳וועל נאָך זײַן, ווען ס׳וועט דער טאָג
צעהוליען זיך אויף שטויביקייט פון שליאַך.

אסתר שומיאַטשער / מער ווי די ערד

אַמאָל זע איך דעם מאַן מיט אַ בליק פון אַ חיה אין אויג,
וואָס איז גרייט צו פאַרצוקן
און אַמאָל איז זײַן בליק ווי אַ שפּעלעס ווייך
און פאָרכטיק צו פאַלן פאַר ווײַבערישן טראָט
און צעכליפּן זיך הויך, ווי אַן עופהלע קליינס אין מאַמישן שויס.
און אַמאָל איז זײַן בליק פול מיט חוזק און בלוט
און מיט ביטערן שפּאָט,
און איז גרייט צו פאַרקויפן די שענסטע מינוטן פון גליק
מיט אַ נאָענטער פרוי.

און אַמאָל איז זײַן אָטעם אַ ברום,
אַ חיהשער ברום, דערשפּירנדיק רויב.
און אַמאָל איז ער מאַן,
און אַמאָל איז ער ברודער און קינד,
און אַמאָל איז ער שטויב, וואָס פאַרוויִיעט דאָס אויג.

און אַמאָל איז ער לײַב פון דײַן לײַב,
אַזאַ טונקעלע פרייד

אַזאַ הייסע און טרוקענע פרייד
ברענגט ער צו בעט אין ביינאַכטן פון ליבשאַפטן־ברויז;
און אַמאָל, און אַמאָל, ווי סע טרעפט און אַ רגעלע בלויז,
ברענגט ער אויף אַש, זיינע ליבשאַפטן אויס
און לאָזט מאַט זיינע הענט צו דעם שויס זיינעם פאַלן —
גייט ער אויס ווי אַ פאַרצאַרטער פאַרנאַכט,
ווען די זון לאָזט זיך פויל אין אַן אָפגרונט אַראָפּ
אין באַלייט פון אַ טרוקענעם רעווען פון בהמהשן דאָרשט.

און אַמאָל, און אַמאָל איז ער מער ווי די ערד
און איז מער ווי דיין אייגן בלוט.

אין דער גאָלדענער פרעמד

אין דער גאָלדענער פרעמד, אין דער גאָלדענער פרעמד
ליגט אַ זוניק לאַנד ביי אַ גילדענעם ברעג,
אין דער גאָלדענער פרעמד איז אַ גאָרטן פאַראַן
גייט דער זומער דאָרט אום אין אַ גאָלדן געשפאַן.

אין דער גאָלדענער פרעמד, אין דער גאָלדענער פרעמד
איז פאַראַנען אַ טייך, איז פאַראַנען אַ פעלד.
אין דער גאָלדענער פרעמד, ביי אַ גילדענעם בוים
וואַרט אַ פייערדיק פערד מיט אַ גילדענער צוים.

אין דער גאָלדענער פרעמד, אין דער גאָלדענער פרעמד
שטייען בושעלס מיט פליגל צום מערב געווענדט.
אין דער גאָלדענער פרעמד ביי אַ רויקן ברעג
איז געשווומען אַ גילדענער שוואַן מיט די טעג.

אין דער גאָלדענער פרעמד, אין דער גאָלדענער פרעמד
איז פאַראַנען אַ טאָג און פאַראַנען אַ נאַכט.
אין דער גאָלדענער פרעמד, זאַלבעאַכט, זאַלבעצענט
אין אומגליק פאַרגייען די גילדענע הענט.

(1927)

מיט טריישאַפט...

מיט טריישאַפט וועל איך דיינע טעג באַדינען
און קינדערלעך געבוירן פאַר דיין ליבשאַפט.
מיט שטילקייט וועל איך אונזערע טעג דערציען
און וועל זיי לערנען, ווי אין שטילשווייגן צו בליען.

אין שטערן־נעכט וועל איך פאַרוויגן אונזער קליינוואַרג
און קושן הייס און מאַמעדיק דיין פולע ליבשאַפט.
ווי אַ טראָפן נאַכט וועל איך אויף דיינע הענט זיך לייגן
און פון אונטערן האַרצן דיר אַ ציטעריקן סוד דערציילן.

(1928)

אונזער פעלד

אונזער נישט־צעאַקערט און דאָרגדיק פעלד
וואַרט אויף געלייטערטער, רויקער האַנט,
מיט גבורה און חסד צו וועקן דעם גרונט,
מיט ברכות און מי צו בענטשן באַנאַנד.

אונזער נישט־צעאַקערט פאַרלאָזענע פעלד
וואַרט אויפן ריר פון געפרוווטער האַנט,
צו שפירן פון אַקער דעם שאַרף אין דער טיף —
וואָס אַקערט מיט פריידיקער ליד איינגעשפאַנט.

אויף אונזער נישט־צעאַקערטער, קנאָכיקער ערד
פאַרשעמט וואַרטן יאָרן, פאַרצאַמט און פאַרשטעלט ;
ליגט שפע אין ליכטיקע שיכטן געגרייט,
דרימלט פאַרשלאָסענער רוף צו דער וועלט.

(1927)

אבא שטאָלצענבערג / די לבנה

די לבנה לויכט פון אַלע ציפערבלעטער,
דער זייגער אויפן ראָטהויז שפּילט אַן אַלטן מאַרש ;
דורך פּירלעך פינצטערע, דורך שפּאַרעס צווישן ברעטער,

דורך קוימענס, דורך שליסל־לעכער
קריכט מיט פאַרמאַכטע אויגן דער לבנה־וואַנדלער
און דראַפּעט אויף די ווענט זיך ביז די העכסטע דעכער,
און שטייט אין הוילן העמד אַ בלייכער קעגן הימל,
האַלב וואַכנדיק און האַלב אין דרימל.
די לבנה לויכט פון שמאָלע שויבן
און ציט אַרויס דאָס האַרץ פון שלאָפנדיקע יינגלעך.
דורך ווונדערלעכע וועלדער, פאַרשיכורט פון די ריחות,
גייען זיי אויף בלייערנע פיס און ראַנגלען זיך מיט שווערע כוחות
און שניידן שטילע וואַסערן, און שפּאַנען
איבער וויסטע פלעצער, איבער שנייאיקע לאַנען
צו דעם ווייטן צפון ביז ס'הויבט אָן טאָגן.
אויפן מילכוועג לויכט דער זיבנשטערנדיקער וואָגן.
די לבנה שווימט דורך ברייטע שפּיגלען
און שלאָגט זיך אָפּ פאַרחלשט אויף די מעבל.
פון ווינקלען לויכטן קעץ מיט שוועבל,
און מיידלעך מיט פאַרלאָשענע אויגן
זיצן אויף געלעגערס אָנגעבויגן,
און ס'קוקן אויף זיי צאַרנדיק די געשטריקטע לייבן.
גיפטיקע בוימער בליען אויף די שויבן.

בעטלער

גאָט האָט זיי געגעבן מיילער
וואָס קענען בעטן און וואָס קענען שעלטן,
און לייבער וואָס קענען אויסשטייען שאַרפע קעלטן.
פון צופיל בעטן און פון צופיל שעלטן
ווערן זייערע מיילער איינגעשרומפּן.
אין האַרטע מאַנטלען און אין צעריסענע העמדער
גייען זיי דורך גריבערדיקע וועגן,
דורך טיפע בלאָטעס און דעם ווינט אַנקעגן.

צו שטעטלעך מיט פאַרזשאַווערטע פלומפן.
די, וואָס האָבן מילדע אויגן
שפּאַנען איין זיך אין דעם יאָך פון קאַנען.
און די וואָס האָבן שלאַפע פּיס און בראַנדיקע געזיכטער,
גייען אויס אין פאַליש ביי די קראַנען.
און די, מיט אַ לוסט צו גנבענען און מיט אַ לוסט צו וואַנדערן —
טרויעריק און כויגיק ווי ריטלעך אין געוויטער
ציען אין דער מערב געגענד, אין „מלך אביון׳ס" גיטער.

ווי אַ פידל...

ווי אַ פידל אָנגעצויגן
וואַרט איך גאַרנדיק אויף דער האַנט פון מייסטער,
אויפן זייד פון בויגן.
מיט פאַרלאָשענע אויגן
וואַרט איך ווי אַ פינצטער וואַלד,
צינד מיך אָן פון אַלע ברעגן,
נעם מי׳ך ווי אַ מיידל מיט געוואַלט.
איך בי׳ן ווי אַ הייסער זאַל
פון אַלע פענצטער העל צעצונדן,
ס׳רוישט דער דינער זייד און איך גיי אום
מיט חושים אָפענע, ווי ניט פאַרבונדענע וווּנדן.
(1928)

אליעזר שטיינבאַרג / פאַרן בית־דין של מעלה

פון אַלטן בית־עולם אַ שוואַרצע קראָ פליט
און פאַטשט מיט די פליגל אין שולהויף:
גאָטס קנעכט שלמה־זלמן, דער כשרער ייד —
אים אַנגסן באַשלאָגן, ער ציטערט אין שרעק ווי אַ לולב,
פון זיבן מלאכי־חבלה צום בית־דין של מעלה געפירט.

וואָס איז דאָרט ?... ביים לעבן, מיר דאַכט זיך, קיין פליג אויף
דער וואַנט ניט גערירט.

אַ לאָדעכץ מיט אים האָט זיין קו.
גערעכטיקייט וויל זי. אַז דאָ ניט, איז וווּ ?
דער אמת זאָל לעכערן בערג ווי די הערנער פון זון דעם
שוואַרצוואָלקן ! —

זי טענהט : ער האָט מיך, ר׳ שלמה, געמאָלקן,
איך האָב אים די קליי פון די ביינער געגיבן —
פאַר אים, פאַר זיין ווייב, פאַר די קינדער די זיבן,
און מיין קינד, מיין איינציקס, פאַרשפאַרט,
אַ הונגעריקס נעבעך געמעקעט, געגאַרט,
און אויף זיין גענאָד אין דער פינצטער געוואַרט,
ער זאָל אַ פאָר טראָפּנס כאָטש לאָזן פאַר אים אין מיין אייטער.
נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, הערט ווייטער !
ער האָט דאָך מיין האָרץ מיר צעבראָכן ;
מיין קינדעלע נאָך ניט געוואָרן פיר וואָכן —
און ער דאָס געפירט צו דער שחיטה ! געוואַלד, צו דער שחיטה !
דאָס ערשטע, דאָס צווייטע, דאָס דריטע !...
דעם הימל נעמט־דורך אַ פראָסט :
— און דו האָסט געלאָזט זיך אַלץ מעלקן ? — געלאָזט !
— מע האָט דאָך דיר הערנער געגיבן, צו האָסטו מיט זיי
ניט געשטאָכן ?
— חלילה !
— מע האָט דאָך דיר שטאָלערנע ציינער געשאָנקען, צו האָסטו
מיט זיי ניט געביסן ?
(דער הימל וויל וויסן !)
— איך וואָלט דאָך דערפאַר איצט געבעטן מחילה, — —
דאָס בית־דין קוקט-איבער זיך, שטערנדלעך גאַפן :
— מע האָט דאָך דיר קאָפּעטעס האַרטע ווי שטיינער געשאַפן,
צי האָסטו צומאָל אים אין האַרץ ניט געשלאָגן על־חטא ?
— על־חטא שלאָגט מען זיך און ניט יענעם.

— אין גיהנום !
(אַ דונער געטון זיך אַ קייקל פון ערגעץ העט־העט)
אין גינהום אַריין ! די בהמה זאָל טראָגן איר שולד !
מיט טעמפער הכנעה און שטומפיק געדולד
מיין קנעכט שלמה־זלמן מיר א־בערגעפירט !
געוויזן אַ וועג אים אַ פרייען צום שלעכטן,
אַ חלף אין האַנט אים געגיבן צום שעכטן, —
פאַרשאָלטן זאָל זיין זי ביז צענטן געבירט ! — —
און רוחות מזיקים מיט קאַנטשיקעס צו,
אויף פלאָג און אויף פיין אָפגעפירט זיי די קו.

דער רויך און די כמאַרע

ווי אַ נאַקעטע נשמה וואָס פון גוף שוין אויסגעהוילט זיך,
שלינגלט זיך און רינגלט זיך און וויקלט זיך און קנוילט זיך
שוואַרצער רויך פון קוימען
העט אַרויף, אַרויף, אין הויכע בלאָע רוימען —
שלינגלט זיך, ביז ערגעץ אין אַ הימלגעגנט
מיט אַ כמאַרעלע באַגעגנט.
— גאָט מיט דיר ! וווהין ? אין יענעם
גינהום ?
סאַראַ נאַרעלע !
(זאָגט דער רויך צום כמאַרעלע)
מיך פרעג ! אָקערשט קום איך דאָך פון דאָרט ! אַ בוים געווען !
ווי געוואַקסן איך, געבליט — געמעגט שוין זען !
גאָט און לייט געפרייט ! אין קיל געדיכטן שאָטן
מידע איך באַהאַלטן, זאָל די זון ניט בראָטן,
זיי אַ פריינד געווען, אַ מכניס־אורח —
ניט כדאי, איך זע שוין, איצט באַדויר איך !
פאַר ליבהאַרציקייט באַצאָלט מיט וואָס ? מיט אייזן און מיט פייער !
היט זיך, ווי דאָס לעבן איז דיר טייער !

קום מיט מיר אַהין, אַהינצו צו די שטערן —
ריינע פינקעלעך, נשמהלעך אָן גופֿן!
זע נאָר, ווי זיי ווינקען, ווי זיי רופֿן!
— ניין! איך קען נישט! איך — אַראָפּ, אַראָפּ איך מוז קערן!
— קינד, פֿאַרוואָס? — איך האָב אַ האַרץ מיט בליץ, מיט דונער
און מיט טרערן!

דער בעל־יועץ

ניט אַ טאָג, ניט צוויי — אַ גאַנצע וואָך
ניט אַרויסגעוויזן זיך ר׳ מייזל פֿון זיין לאָך,
נאָר געטראַכט, געטראַכט כסדר.
(טראַכטן קען איעדער.)
זיבן טעג און זיבן נעכט געטראַכט,
און דערנאָך ערשט אַן אסיפֿה ער געמאַכט.
צען מינינים מייז כבֿודיקע זיך צונויפֿגעקומען
און צו הערן זיצט מען מוכן־ומזומן.
טוט ר׳ מייזל
ס׳עקל אַ פֿאַרקרייזל,
גיסט זיך אויס, און זאָגט: „רבותי, הערט!
כ׳האָב געקלערט און אויסגעקלערט:
אַלע צרות נאָר פֿון שנאה!
און די שנאה! ניט אומזיסט! פֿון קנאה, זאָג איך אייך, פֿון קנאה!
נו, בכן, ווי טאָג אונז קלאָר
מחמת וואָס סע הענגט דאָס לעבן אויף אַ האָר
און די קאַץ אַ בייזער וואָרעם, ווילד.
אַ פֿאַרדראָס, אַ ווייטיק איר: אַ מויז אַ שנעק —
אויך אַ קאָטער! מיט אַ לאַנגן עק!...
חוצפה! זאָגט אייך, וואָס איר ווילט!...
על־כן, ברידערלעך, עצתי: שטאַרקט די הערצער
און די עקן מאַכט אייך קערצער!

נו אוודאי, יאָ, אַביסעלע אַ ווייטיק,
אָבער — נייטיק!
קערצט איר אונטער אייך די עקן —
פונם קאָטערס פיסקל פוטער וועט איר לעקן!
ווי איר זעט מיך לעבן, ניט אַזוי אַ ביס — אַ קראַץ
טוט ניט מער די קאַץ!"
שאָקלען זקנים מיט די קעפּלעך: „יאָ, אַ סברה...
אוי, די עקן, אוי!... אַ צרה קינדערלעך, מיט זיי, אַ צרה!"
וואָס־זשע טוט מען? די כפּרה!
ווער וויל בייסן, איז געביסן!
רייסן זיי, זאָל זיין געריסן!
און אַ סוף, אַן עק מיט אַלע עקן! פּטור!...
און אַ חכם־עתיק דאָרט פאַראַנען, ראָט ער
גאָר דערלאַנגען אַ בקשה גלייך צום שוואַרצן קאָטער:
ציען זאָל אויף זיי גענאָד ער,
זאָל ער ציען,
און מצד רחמנות און מצד אַ מצווה־זאַך באַמיען
זיינע הויכגעשעצטע, שאַרפגעשפּיצטע ציין —
זאָל באַרייסן זיי׳רע עקן טאַקע ער אַליין!
(ס׳איז אַ שכל,
יאָ, מע דאַרף דעם רשע טון אַ שמייכל.)
וואָס? איר לאַכט? מה־כאּ־תּיתי, לאַכט!
נאָר געוויינט גאָר אַלע מייז דאָרט יענע נאַכט.
מ׳איז געוואָר געוואָרן — ניט פאַר אייך געזאָגט, געליטענע! —
אָך און וויי! אַ קאַץ האָט פיינט אַ מויז, אפילו אַ באַשניטענע!

*

בלינדע בעטלערס, דרייט אַ קלאָג אויף אַלטע קאָטער־נקעס,
און פאַרשרייבט דאָס, פרומע שרייבערס, מיטן גראַם אין אַלטן פּינקס:
מיזל, מייזל, מויז!
מעג דיין עק זיין גרויס,
מעג ער זיין אפילו קליין,
בלייבט דער קאָטער — קאָטער, און די ציינדלעך זיינע — ציין!

דער טעלער

אַ ציגיינערטע אַ צירקוסמיידל,
אין אַ ווייסן קליידל,
מיט אַ זילבערטעלער אויפן קאָפּ,
און דער שוואַרצגעדיכטער צאָפּ
ווילד צעפלאָסן און צעלאָזן —
אָט אַזוי־אָ קומט־אַרויס די נאַכט אויף שטילע גראָזן,
און אָט בלייבט זי שטיין אין לייבקאָליר אין ראָזן,
קומט צו פליען אַ שפּין
און צווישן ערד און הימל לאַנג און דין
ציט זי אויס אַ פאָדעם,
לאָזט זיך גיין אויף אים די נאַכט — פּחדים!
און דער זילבערטעלער אויף איר קאָפּ
פאַלט, חלילה, ניט אַראָפּ,
שיין?
קומען, אָבער הינט צו גיין
און זיי נעמען בילן:
— קאָפּ אין דר׳ערד! די קונצן נאָכוואָס טויג
— וואַרפט אַ קאַץ איר אין די אויגן!
— גיט איר קייען שטרוי מיט גרילן!
— וואָס־זשע ווילט איר, הינט? — מיר ווילן,
ליכטיקער זאָל ווערן, העלער —
לאָמיר זען, וואָס איז אין טעלער!

דער אומגליק

זומערלעב אין דאָרף, די לופט איז אומבאַוועגלעך,
שבת אָנגעיאָגט אום מיטוואָך? מעגלעך!
אַ פאַרחלמטקייט, און זון, און ריינע פאַרע.
עפּנט־אויף דער הימל ערגעץ דאָרט אין עק אַ שפּאַרע,
לאָזט־אַרויס אַ קראָ,

נעמט די קראָ זיך אויסציען ווי סע ציט זיך אויס אַמאָל אַ שעה,
ווען מע וואַרט, מע קען זיך ניט דערוואַרטן, אָט אַ בליץ!
נאָך אַ רגע — פרישער רעגן טוט אַ שפריץ!
אוי, אַ ברכה אַזאַ רעגן נאָך דער גרויסער היץ,
אַ דערקוויקונג! די נשמה עפנט אַלע פאַלדן
און מחיה ווויל איז.
אָבער הער אַ קוויטשען, קולות —
די חזירים טראָגן זיך צעטומלט און מע מאַכט געוואַלדן!
„כאַר־כאַר, כמאַרעס! כאַר־כאַר, כמאַרעס! כאַר־כאַר, כמאַרעס!"
„עי, כריאָקאַרעס!
עי, וואָס איז אייך?" פרעגט דער הונט,
„הערט נאָר, הערט אַ גרילצן! גלייך סע גייט די קיך צוגרונט!
כמאַרעס? נו, איז כמאַרעס! וואָס־זשע האָט מען דאָ צו רעשן?"
„אוי, געוואַלד, זיי באָדן! אוי־אוי־אוי, זיי וואַשן!"
שרייען די פאַרשמירטע בריות,
„אוי, אַ צרה! אוי, אַן אומגליק! מיר געפילט נאָך פונדערפרי עס!
פונדערפרי!
כרי!!"
ס'האָט געטון אַ רעכטן וואַש די לייט און מיטאַמאָל אויף זיי אַ גיס,
און מע לויפט, מע לויפט אויף אַלע פיס,
גיך אין זומפּ אין אַלטן
פאַרן פרישן רעגן זיך באַהאַלטן.

דער שפּיגל און דער מלאך

קענן שפּיגל
שטייט אַ וויגל,
אין דעם וויגל שלאָפט אַ קינד.
אויף דער מלאך מיט די רעגנבויגנדיקע פליגל
שטייט צוקאָפּנס און אַ חלום אים ער שפּינט
פונם האָניקפאָרעם, וואָס אים איבער מיילעכל גערונען,

ווען דאָס קינד נאָך אין גן־עדן אויף אַ טייטלבוים געזעסן
און אַ טייטל דאָרט געגעסן;
אַט דעם פּאָרעם דעמלט אויסגעכאַפּט דער מלאך און אַנטרונען,
איצטערט שפּינט ער זון אים גליק, איז גליקלעך מיטן קינד איינגעם —
שמייכלענדיק גיט־איבער ער זיין חן אים.
זאָגט דער שפּיגל: „שיינסט? ביסט גליקלעך, ליבער מלאך?
איך פאַרגין דיר, פונם גאַנצן האַרצן דיר פאַרגין איך —
כאָטש אַליין איך ווייט פון מזל, ווייט אַ ווייטן מהלך.
איך אַ קינסטלער בין, פאַרשטייסטו מיך, אַ מאָלער בין איך —
וואָס איך זע, דאָס מאָל איך.
איצט דאָס קינד אין וויגל גיב איך איבער — זע, ווי ריכטיק!
און די פאַרבן — קוק, ווי העל, ווי ליכטיק!
גלייך ווי ניט קיין גלאָז — קרישטאָל איך!
און זאָל ווער אַ דאַנקל זאָגן מיר, אַ יישר־כוחל!
שטאַרבן מוז אַ קונסטלער, ער זאָל מאַכן ערשט אַ רושם?
נאָכן טויט מיר זאָגן שבחים? אחרי מות קדושים?
מוחל!"
„שפּיגל, שפּיגל, זאָל דיך ניט פאַרדריסן!"
זאָגט דער מלאך מיט אַ שמייכעלע אַ זיסן,
„מאָלן מאָלסטו טאַקע ריכטיק און מיט אַלע כּללים,
אָבער דאָס נאָך ווייניק: קינסטלער ביסטו, ווייז דעם חלום!"

א י

צדיקל, מיין צדיקל, דאָס ערשטע פונם שטייסל
אין מיין ליבן אלף־ביתל!
כאָטש געהויקערט און געבויגן,
טובלט זיך עס אַלע מאָרגנפרי אין רעגנבויגן,
קומט־אַרויסעט שלאַנק און אויסגעצויגן,
און אַ לאָז זיך אויף אַ גילדן בלעטל
גלייך צו מיר אין בעטל —
שפּילן מיר אַביסל זיך אין קיצל־גלעטל.

גאָכדעם פרעג איך עס: וואָס הערט זיך עפּעס גייסעלעך?
שמייכלט עס, דערציילט מיר מעשהלעך.
איינס פון זיי דערצייל איך איצט: חיריק
אָנגעשמעקט זיך ערגעץ ווו מיט ליריק.
ס'איז אַזאַ מין מאַנגעלניש, אַ גאָגעניש,
וואָס גייט־איבער אין פאַרחלומטקייט, פאַרטראָגעניש
און אין שטילן זאָגעניש,
וואָס מע רופט השתפכות:
עפּעס וויל זיך, עפּעס בענקט זיך, עפּעס — עפּעס —
אוי, ווו נעם איך עס? ווי כאַפּ איך עס?
כאַפּ אַ ווינקל אין די סטעפּעס!
„אי!!" צעגיסט זיך שטיל דער חיריק, „אי!
אי, אַז ס'טוט אין סאַמע פּינטעלע אַ ברי
און אַ צי
ערגעץ ווייט, אַהין, אַהין —
וואָלט איך אויפגעכאַפּט זיך אויפן קעפּל פונם פּתח־שין
און אין שטילקייט פון דער מוטער נאַכט,
דורך לבנהסוד און ציטערפּראַכט,
וואָלט איך מיט מיין בענקשאַפט מיר געפלויגן
ביז צום העכסטן פּינטעלע, צום חולם,
וואָס צווישן דעם און יענעם עולם,
צום שוואַרצאַפּל פון גאָטס אויגן,
וואָס ער איז פאַרזונקען אין אַ דרימל,
ווי פאַרטאָג דער טויטראָפּן אין בלימל,
וואָלט מיין בענקשאַפט אים געוועקט, געוועקט,
ווי סע וועקט דעם פינק אַ בלאָזאַק,
וואָלט ער אויפגעכאַפּט זיך מיט דער גבורה, וואָס אין אים פאַרשטעקט.
און צעבליצט זיך אין אַ דגש־חזק,
אינם דגש־חזק פון דער וועלט,
וואָס ער ברענט און ברענט ניט אויס אין פיין,
וואָלט איך זיך אויף אים געשטעלט,

זאָל איך איינס מיט אים אויף אייביק זיין —
איינס, אחד און שאַ!
אָדער ניין! וואָס זאָג איך האַ?
אפשר, וואַרפנדיק זיך אויף דער שין פון שטורעם,
זאָל איך טראָגן זיך צום הויכן טורעם,
ביזן סאַמע שפּיץ,
צו דער וואוו דער שטאָלענער, וואָס ציט צו זיך דעם בליץ,
און פון דאָרטן, טועדיק זיך אַ צעגלי,
זאָל אין בליץ און שטורעם איך אויסדונערן מיין „אי"?
אָט אַ לשון, אָט אַ שפּראַך!
אָבער פון וכך
היה אומר
ביז וכך היה עושה
רעגנס, פרעסט און ווינטן גרויסע.
אינדערוויל גאָר שבועותצייט, אַרום ל"ג־בעומר,
ווען סע טאַנצן אותיות, גינגאָלדענע צווישן ביימער,
ער שפּאַצירט זיך אויפן גרינעם פעלד דעם פרייען
און דערזעען אַ חיריקל, וואָס זיצט אונטער אַ זייען,
דאָ דאָס שיטערע פון דער געשיכטע
דורך אַ זיפל וועל איך זייען
און אייך לאָזן דאָס געדיכטע:
ער און זי
זינגען שוין אַן אַנדער לידעלע — ניט „אי",
נאָר וואָס דען גאָר? „איי"!
צירה זייען — זיי,
ער מיט איר ווי אַנדערע צוויי!
און סע נעמט, פאַרשטייט זיך, ניט קיין שמיטה,
קומט שוין צו דאָס דריטע.
ווער געבראָכט עס? פרעגט די פייגל!
ווייסן ווייס איך, פונם צירה ווערט אַ סגול.
און דער סגול? עהעהע!
אַנדערע דיבורים: ליריק־שמיריק — בע!

דאָס פֿאַרגעס! געווען אַמאָל אַ חיריק,
איצט צוויי איינגלעך מיט אַ בערדל — איז דאָס גיריק.
— גיריק? — יאָ! — נאָך וואָס? — נאָך וואָס, אַז ניט נאָך געלט?
דאָס דער פּופּעק פֿון דער וועלט!
און אויף וואָס איז זי, די ליכטיקע, בעשטעלט?
אויף דריי זאַכן: זעט און פֿעט און בעט!
ווייטער גאָרניט, עט!
און צום סוף פֿאַרקויפֿט עס זיך צום שד
פֿאַר אַ בייגל!
דאָס די מעשה פֿונם חיריק, וואָס געוואָרן איז אַ סגול.

איבערן ים

אין די נאַכט אַ גוטע שטילע מאַמע? מן־הסתם!
ווי אַ מאַמע איר בן־יחיד, נעמט די נאַכט אַרום דעם ים.
און זי הערט זיך צו אים צו, און הערט זיך איין, און הערט.
און דער ים, ער וואַקסט — דער ים האָט זיך פֿאַרמערט:
אַלע זיבן ימים מיטאַמאָל,
און די זיבן אויסגעטון פֿון צאָל.
וואָס דער ים? אַ רויער, ניט פֿאַרהאַרטעוועטער הימל?
ניין, אַ ציטעריקער דרימל,
דרימל פֿון אין־סוף.
און דאָרט אויבן, העט אַרויף,
שווימט נאָך שווימל,
ציילנדיק איעדן שווים פֿאַמעלעך, מיט כוונה:
אלף, בית, גימל —
שווימט זיך, שווימט זיך די לבנה.
זאָגט צו איר די נאַכט
אויף אַ קול, וואָס ניט סע רעדט, נאָר טראַכט:
שאַ!
פֿרעגט זי די לבנה: האַ?

זאָגט צו איר די נאַכט
אויף אַ ק׳ל, וואָס ניט סע רעדט, ניט טראַכט, נאָר דאַכט:
פּתח־שין!
פרעגט זי די לבנה: וואָס? וווהין?
זאָגט צו איר די נאַכט
אויף אַ קול, וואָס ניט סע רעדט, ניט טראַכט, ניט דאַכט, נאָר וואַכט;
ש־ש־ש!
ענטפערט די לבנה: העכער! הויך! איך הער דיך ניש׳!
נעמט די נאַכט מיט שטערן שפּייען:
העכער? העכער נאָך ווער קען דען שרייען?

(משלים)

א. נ. שטענצל / דאָרף אַרום טייך

זאַטע און אָנגעטרונקענע, ווי די שעפסן,
רוען די שלעפּערדיקע הייזלעך אַרום טייך,
העכן זיך צו מיט פאַרדראָפּעטע אויגן
צום פּליטשקען און שנאַטערן פון די קאַטשקעס.

און דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע קלויסטערל,
ברוי און איינגעבויגן,
שטייט, ווי דער אַלטער פּאַסטוך אויפן שטעקן,
און היט דאָס דאָרף.

אַלע זענען אויף די פולע פעלדער אַרויס,
די הינט זענען מיט אַרויסגעלאָזן,
בילנדיקע און שפּרינגענדיקע
פאַר די שלעפּערדיקע קעפּ פון די פערד.

און ביי די ווייסע ווענט אונטער די פענצטער
וואַרטן די קאָזעס אויף די אַהיים־קומענדיקע.

זיי זעען אויס, זיי וואָלטן געווען פון האָלץ,
אָוועקגעשטעלטע הילצערנע קאָזעס
צו באַשיינען די איינגעבויגענע אַלטע הייזלעך.

מיטאָג

אַ שיסל קאַרטאָפליעס מיט בוראַקעס
צעריבענע
מיט פעטער יויך אַריבערגעגאָסן —
ליגט די ערד אַ פאַרעדיקע אין זון.

און די גלאַנציקע אַקער-אייזנס
שטעקן, ווי די מעסערס,
אין וואַרעמע לעבלעך ברויט,
צעווירענע און אויסגעבאַקענע.

און יעדעס פויערל אויף זיין תלקל ערד,
דעם טאָפּ צווישן די פיס,
הערט אָטעמען זיין רויט-געוואַשן ווייב
און דאָס ברומען אין די קישקעס
פון זיינע צוויי זאַטע אָקסן.

געק-שטריקערין

איבערן קאָפּטשעריקן נאַכט-לעמפל,
איינאָטעמענדיק דעם זאַלציקן ריח,
זיצט דעם פישערס ווייב אַן אויסגעטרוקנטע
און קניפּט די צעריסענע נעצן.

דער שטורעם דרויסן איז איינגעשלאָפן,
שנאָרכנדיק אונטערן שוואַרצן קוימען,
און ווי אין שווערן חלום
גיט דער ים זיך האַסטיק אַ וואָרף.

אויפהויבנריק די אויגן פון די נעצן,
דערשרעקט זי זיך
פאַר די צוויי גרויסע וואַסער־שטיוול,
וואָס גלאַנצן אויסגעשמירט אין ווינקל.

(פישער־דאָרף)

וויג - ליד

דאָס באַצוקערטע און באַמאַנדלטע,
דאָס גאָלדענע פון דיין וויגעלע
זיצט מיט געפּעגטעטן פּיסעלע
ערגעץ אונטער אַ ריגעלע.

יעדן אָוונט מיט נאַכט באַגלייך,
ווען ס'ריגלט זיך דאָס ריגעלע —
ציטערט עס דערשראָקן אויף,
ווי ס'גאָלדענע דיינס, דיין ציגעלע,

יעדן מאָרגן מיט זון באַגלייך
אין וואַסער פון דעם קריגעלע
שפּיגלט עס זיך און שפּיגלט זיך,
ווי אין אַ גאָלדענעם שפּיגעלע.

און אין קאָפּ דיינעם אַ חלומל
וויגט זיך, ווי אַ וויגעלע,
וואַרטנדיק אויף שוחטל,
ווי ס'וואַרט אויף אים דיין ציגעלע...

(1934)

ישראל שטערן / די תפילה פון אַ מענטשן בייטאָג

טאָג, ווייסער טאָג, וואָס אין דיר זענען אויפגעמאַכט
אַלע פאַרבן — און די גאַסן ליגן אָפן,
ווי אויפגעמאַכטע טייסטערס פון פאַרשווענדער
בעלי־צדקות, און אַלע ברואים און געווענדער,

אַלע מענטשן און די ווענט, וואָס זענען איינגעשלאָפן
שטייענדיקערהייט, און די שילרן וועלכע רעדן מיט קאָלירן
און ווילן די קרעמער פאַר פּאָעטן מאַכן... —
אין זיי אַלע, אין יעדן שטיין, אין יעדן שטרוי, אין אַלע זאַכן
זיצט דיין גוטקייט, טאָג, שיינענדיק און וואַרעם,
ווי עס לעבט אין זילבערנע לייכטער אַ ליכט —
איך בין אויך אַ זאַך און וויל פילן אויף מיר דיין לויכטנדיק געזיכט
איך וויל דיינע שלייפן זאָלן אַרויסווישן פון מיינע קנייטשן
יעדער פאַרבאָרגנקייט און איך זאָל געבענטש זיין מיט אָפנקייט
ווי דער פאָרמאַן האַלט אין מיטן גאַס דאָס פערד ביי די לייטשן
ווי דער ייד שרייבט פריי אויף זיין טיר די ציפערן מיט קרייד.

זאָל יעדער פאַרשטעלטקייט פאַרשווונדן פון מיין געמיט,
ווי עס שטאַרבט אָפּ דאָס שוואַרצקייט פון אייזן ווען דאָס אייזן גליט,
לאָמיך אין דיין ברענענדיקן שיין געלייטערט זיין
און זען דאָס וואָס קיינער זעט נישט און זען מער ווי עס איז געשען.

פאַרוואָס איז יעדער סלופּ און יעדער דאַך
איבער זיין אייגענעם געשטאַלט אַ האַר
און פאַרוואָס לאָז איך אַראָפּ די ברעמען?
צי בין איך ערגער פונם טראָטואַר,
וואָס ליגט צופרידן און דאַרף זיך נישט שעמען
צו קוקן דעם הימל אין די אויגן?

זאָל יעדער באַהאַלטעניש פון מיר אַנטרינען.
כ'וויל מיין לעבן אין סודות נישט פאַרשפאַרן.
איך וויל אין דיינע הענט, טאָג, מיך געפונען —
העלף מיר זיין ווי דו, און קיינעם נישט נאַרן.

זעסט: איך האָב די פענצטער פון מיין הויז און מיינע אויגן
צעעפנט ברייט.
און אַז אַ פרוי האָט מיין שוועל אַרומגענומען ווי אַ קייט,

האָב איך געענטפערט: קום נישט מער, איך קאָן דיך נישט פאַרטראָגן.
און אַ צווייטער וועל איך נאָך היינט אָדער העכסטענס מאָרגן זאָגן:
שענער וואָלט געווען די וועלט, ווען זי שטייט אויף דיינע פיס!

איך וויל נישט אין מיינע הייסע געבעטן
זאָל אַריינכאַפּן זיך אַ פרעמדער געדאַנק.
צי קען איך נישט פרייען זיך ריין, ווי אַ זאַנג,
ווען ער האָט זיך דערוואַרט אַז דו זאָלסט אים גלעטן?

איך בין דאָך אויך אַ באַשעפעניש, טאָ פאַרוואָס זאָל די נאַכט
מיך אומעטום יאָגן מיט איר לעצט־ביסל קלאָג?
בין איך ערגער פונם הונט וואָס לויפט אום און לאַכט
און טראָגט אין די קודלעס, דיך, פולער טאָג?

אָדער אפשר קלעפּסט נאָך אין מיר עפּעס טונקלס
און אין דעם געוועב פון געגנשטאַנדן
גייט מיין בליק פאַרלוירן
ווי דו, טאָג, אַליין פאַרלירסט דיך אַמאָל אין אַ געוויטער...

נאָר איצטער ביסטו דאָך געפּעסטיקט מיט טויזנט ווייסע באַנדן
און אַלע גערטנער שטייען וואָך און זענען דיינע היטערס
און ביסט די קרוין פון יעדן דאָרף און שטעט זענען דיינע גיטער
און טרייבסט די תבואה פון דער ערד און פון שטוב אַרויס
דעם שניטער
שלאָג מיך אויך מיט דיינע גאָלדענע ריטער
און יאָג מיך אַרויס פון יעדער נעק און בלויען אָדערגעדריי
און זאָלן די זאַכן
מיך אַ ליכטיקן זען ביי זייערע ראַנדן...

זעסט? כ'האָב פאַרגעסן אַלע שפּרוכן פון ביינאַכט
גישט אויף שרעק העגגט מיין האַרץ ווען איך בעט.
איך וויל נישט אַז דאָס פינצטערגיש

זאָל אַראָפּשווערן מײַן האַנט,
ווען איך שטרעק זי צום געבעט.
נײַן, גראָד דעמאָלט, ווען איך הער דײַנע טריט, הויכער טאָג,
ווען די פֿרייד צעוויקלט זיך ווי אַ פֿאָן אין אַלע עקן
און מענטשן ווילן נישט דאַווענען, ווײַל זיי דאַרפֿן זיך נישט שרעקן,
גראָד ווען איך הער דײַנע שפּרייזן, גרויסער טאָג,
וויל איך אַז מײַן תּפֿילה זאָל זײַן טיף און אָן אַ פֿעלער
ווי דער געלעכטער פֿון די קינדער אויפֿן הויף.

וויל איך אַז מײַן תּפֿילה,
זאָל זײַן טרײַסטנדיק און פֿרום,
ווי די לידער פֿון מײַן שכן זינגנדיק אין וואַרשטאַט —
וויל איך אַז אין מײַן תּפֿילה,
זאָל זײַן אַזויפֿיל הייליקייט און געווײנערײַ
ווי אין דעם שפּרייזן פֿון אַ דיכטער דורכן צימער
נאָכן אויסשפּירן דעם אמת אין אַ ווערק —
וויל איך אַז מײַן תּפֿילה
זאָל זײַן אַ ליבע בריוו צווישן אונז —
ביז דו וועסט אַרויפֿפֿאַלן אויף מײַן האַלדז, ווײַסער טאָג,
און איך וועל אויפֿגיין אין דיר אינגאַנצן, ווײַסער טאָג!

פֿרילינג אין שפּיטאָל

(פֿראַגמענטן)

אײַער אָרעמען וועג האָב איך געזען, מײַנע אָרעמע ברידער!
איר זענט געגאַנגען ווי דער ווינטער דורך די פֿעלדער גייט,
די אָרעמס שווער אַראָפּגעהאַנגען ווי צווײַגן, אָנגעטאָן אין אײַז;
און איך בין נאָכגעגאַנגען אײַך ווי דער ווינטער דורך די פֿעלדער גייט.
דער טאָג האָט ווײַס און ווייט געוויטיקט: איר זענט געווען
פֿאַרשנייטע דערפֿער.
די נאַכט האָט טיף אין זיך געוואָיעט — אַ הונט וואָס האָט
נים קיין באַלעבאָס

און איך, דער פרעמדער פעלדער־גייער האָב זיך צעבליט
ווי אייער פעלד.
אויף מיר זענען געוואַקסן שטיינער, איך האָב געפּרירט
ווי אייער גראָז.
און אַז די ערשטע מילדע שעה איז ווי די ערשטע שוואַלב געקומען,
די צווייטע בלאַנקט אין ווייסן בעטל, די דריטע האָט שוין אויפן קול
געשטראַלט: כ'בין רייך — בין איך ניט אָרעם לעבן אייך:
איצט בין איך גלאַנץ, איצט בין איך טרויער, איך בין דער
פרילינג אין שפּיטאָל.

— — — — — — — — — — — — — —

וואָרן אויסגעפּיינערט ווערט אַ שטאָט ביי די לעצטע שטיקער בלוט
פון טאָג. געוועלבער־טירן לענן זיך צונויף ווי שטילע הענט
ווייך און טונקל מאַכט דער מאַרק זיך אויף, קוקט צום ערשטן
מאָל אַרויף:
עמעץ איז אין הימל שוואַך, ליגט אין ווייסן בעט און ברענט.
טראָטואַרן פאַרשטעלן זיך דאָס פּנים און ציען זיך אַזוי
— געהיימע וועגן.
ווער ס'שפּאַצירט, דער שפּירט אין האַרצן שווער און שאַרט זיך
ביי די שטילע ווענט,
ווייבער קריגן דערשראָקענע פינגער, טאַפּן צו האָבן נישט
קינדער קיין היץ.
מויערן לאָזן אַראָפּ די קעפּ. שטאָט בענקט, זי איז אין דער פרעמד
און זוכט איר היים, קוקט אַהין־אַהין, ווי בערג וואַקסן
אַריין אין בלוט
און טראַכט: דעם טאָג איז גוט, ער איז שוין אויוון און איך
בין נאָך אין טאָל.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָר וואָס ווייסט איר ווען מעת־לעתן גאַנצע גייען ווי וואַסערן
פאַרנאַכט — —
וואָס ווייסט איר אַלע אויף די גאַסן וואָס אַ טאָג איז אין שפּיטאָל!

שלום שטערן / באַשאַפנדיקער זאָג

אויף די בערג שפּיצן
ווייסע וואָלן — די ריינע שנייען.
פינקלדיקע וואַסער־שטראָמען
אויף די האָרביקע שטיין־רוקנס.
שפּיגלדיקע טייך־בעקנס אין די טאָלן.
אַ הירש וויגט די צווייגן־קרוין,
האָרכט אין דער שווייגעניש זיך איין,
אין פאַרכטיקן שטוין בלייבט ער שטיין
איין־אַליין.
צוּיטערדיקע וואַסער־טריט
שווענקען זיינע שלאַנקע־פיס.
דער ריח פון ביימער איינשלעפערנדיק, זיס.
שלווהדיקער זומער־טאָג לויכט אויף בלעטערדיקן בוים.
אין בלענדנדיקן רוים שעפטשעט
בראשיתדיקער, באַשאַפנדיקער זאָג:
כי טוב!
מענטש דערשפּיר די פרייד פון דער אייביקייט!
דער באַגראָזטער טאָל וויגטלט.
אויף דער געבערגיקער הייך די גרינענדיקע פרייד
די שטילע פליגל פאַרשפּרייט,
לויטערע בענטשונג אין מיין האַרץ פאַרזייט.

ליד

איך וועל גראָבן אַלע טיפן,
איך וועל אין דער פינצטערניש האַקן שיכט נאָך שיכט,
ביז עס וועט אַ ברי טאָן מיינע הענט דיין לויטער ליכט.

ליד — געזאַנג פון אַלע גלידער.
איך רוף צונויף מיינע וואָגלענדיקע ברידער.

גליענדיקער לייטערנדיקער האַרבסט.
קי אין די טאָלן,
עס פאַרשמעקן די צעזעגטע קלעצער.
אויף די בערג גאָלדיקן די רויטע מאָכיקע חערצער.

איך הייב אויף מיין לויב־געזאַנג,
צו די וואָס זאַמלען איין די פולע זאַנג,
הערט, די זינגענדיקע ליכטיקייט פון פעלד.
זעט דעם שפּראָצנדיקן הויכן טאָג
איבערן שטילן געצעלט.

ליד מיינס, וועסט נאָך גרונטיקן די טיפן.
די פינצטערניש וועט פאַרשווינדן שיכט נאָך שיכט,
אויף מיינע הענט וועט זינגען דיין שטראַליק ליכט.

דאָס פרידן־ליד

אויף די שויבן זילבערט אַ בוים.
זילבערנע צווייגן טוליען נישט קיין נעסטן.
עס זומערט נישט, עס זינגט נישט דער טאָג.
אין וואַלדיקן טונקל טרויערן שנייאיקע ווינטן.

מאַמע זינג נישט דאָס ליד פון היינט, פון אַמאָל.
עס גלאַנצט די שאַרף פון שווערדן־שטאָל.
יאָמער־געשריי ווערט גרויס, ווערט גרעסער,
די לבנה — אַ בלוטנדיקער מעסער.

זינג מאַמע דאָס פרידן־ליד
דער טרוים אין בענקשאַפט בליט.
דעם זיננערס האַרץ איז נישט מיד.
יונג, גאַרנדיק זיינע אויסגעפרוווטע טריט.

מאַמע שטריקט דעם זאָק.
זינג דאָס ליד פֿון האַמער און זעג.
אויף זאַמדיקן וועג פּרימאָרגן־זון גליט.
דעם זאַמדיקן וועג די פרייד היט.
עס בלעזעלט דער קוואַל.
אין די בערג בלאָנדזשעט ערשטער שאַל.
דער ווינט שויבערט אין טאָל.
עס גלאַנצט די שאַרף פֿון קאָסע־שטאָל.

אויף די שויבן זילבערט אַ בוים.
זילבערנע צווייגן טוליען נישט קיין נעסטן.
עס זומערט נישט, עס זינגט נישט דער טאָג.
אין וואַלדיקן טונקל טרויערן שנייאיקע וויסטן.

מאַמע, ליכטיק געזאַנג אויף טרויעריקן־גאַנג.
אין זינגערס געמיט זינגט דאָס פרידן־ליד.
(אינדערפרי)

יעקב שטערנבערג / אָנגעפּעלצטע שאָטנס

אָנגעפּעלצטע שאָטנס אויפֿן שניי
— מיינע טויטע זיידעס זענען זיי

וואָס אין שאָפּן־פּעלצן דיק און גרויס,
מיט לבנה אויף די פּיס, אויף שויס

מיט אַן אייגענעם שליטן, שוואַרצע פערד
גאַנצע נעכט געפאָרן, זייערע בערד

לאָפּעטעס געוואָרן — האַרטער שטיין,
אָט אַזוי נאָר סוחרים רייזן שיין.

בייטן ניט די פערד און פליען, ווי מיט פּאָסט
אין די נעכט די סוחרישע, נעכט — פּראָסט.

טויטע, בלויז נאָר שאָטנס אויפן שניי —
נאָך עד־היום אָקסן־סוחרים זיי

אין די שאָפן־פּעלצן דיק און גרויס,
מיט לבנה אויף די פּיס, אויף שויס.

שטאַט כאָטש נאָכן טויט אין קלויז צו גיין,
ווו אַ ניגונדל דאָרט ברענט זיך שיין,

וואַנדערן זיי אום אין סטעפּ מיט וועלף
מיינע טויטע זיידעס — דורות צוועלף.

אָנגעפּעלצטע שאָטנס אויפן שניי —
זאָל מיין ליד אַ תּיקון גיבן זיי.

די באַלאַדע פון די צאַרטע קינדער

צאַרטע קינדער שפּילן זיך און ליבן זיך ביז נאַכט,
און זיי ווייסן ניט אַז אין דער שפּיל דער טרויער וואַכט.
אַז דאָס וויינען פון זייער קינדער־ליבע שטאַמט.

צאַרטע קינדער שפּילן זיך אַ גאַנצן טאָג אין זאַמד
און זיי ווייסן ניט און גיבן זיך די פּיצלעך הענט
ווו אין יעדן פינגערל אַ ראָזע אומעט ברענט.

און די צאַרטע קינדער גייען שלאָפן מיט געוויין.
הינט און קעץ און וועכטער ביז פּאַרטאָג נאָך גיין
פון איין שכנס טירל ביז צום צווייטן. ליכט, ווי שניי

פון לבנה קאַלטער, הילט איין ביימער, פּערלעך אַלערליי.

קאַץ מיט קאָטער באָרוועסע צעלויפן זיך אין שפּיל,
זוכן זיך און טרעפן אויף אַ שאָטן אין דער קיל.

אינדערפרי די קינדער שטייען אויף און ביז פאַרנאַכט
זעצן פאַר די שפּיל פון הונט־און קאַץ־און מענטשן־פּאָר
און זיי' ווייסן נים, אַז אין דער שפּיל דער טרויער וואַכט.

צאַרטע קינדער שפּילן זיך ביז הונדערט צוואַנציק יאָר.

מיינע רייד צו דער שיקסע

גיג־מגוגיש גרויסע
אינם שליאַך פאַרפּלאָנצטע שיקסע
מיט די רויטע באַקן —
דו האָסט אויסגעקנעטן דאָ
דעם לעקעך־שטראָז צווישן זאַנגען?

זע, ווי שיין, ווי געל, ווי הויך
ער איז דיר אויסגעגאַנגען!

הין און הער צווי רייען ביימער
לויפן לעבן אים פון ביידע זייטן,
וואַקסן קליין אומישנע,
שרימפן איין זיך פאַר די הויכע ווייטן.

שיכורע פון ליבע,
שמעקן זיי זיין ריח פון האָניק זיסן,
חלומען מיט דיר צוזאַמען
פון אַ הייליקער סעודה, פון געניסן,
פון אַן ערדיש־גרויסער שמחה,
פון פאַרגעמענע לייטן...

קוק, די אורחים דיינע
דאָרט אויף האָריזאָנט שוין פליען, רייטן —
אַט די הימל־יונגען, וואָס זיי קומען
זיך אין טעכטער פון דער ערד פאַרליבן,
ווי אין מיינע ספרים, שיקסע,
שטייט מיט אותיות געשריבן.

זאָל איך אויך אַראָפּגיין פון מיין רייט־צוג
מיין שטיק לעקעך מיר אָפּברעכן?
— נעם, באַרעכן!

האָסט געקלערט אַמאָל, וואָס רייך איז?
אַ דער גילדענער וועג־שטויב —
שטויב פון בילד פון דיינעם?

הויב־זשע פון זיין אָרט דעם שליאַך
און לעג אים דיר אויף פלייצעס.
טראָג אים גלייך אַרויף אין מזרח,
שטעל אַ דאָרט אַריין אים,
ווי אַ הייליקן פאַרמעט אין אַן ארון.

— נו, און טרוימען מעג מען דען?
דאָס פרעג שוין זיי, די קינדער־יאָרן...

...אין אַ גייעשן וואָגן אַלטע יידן,
נאַכט און איך געפאָרן...

שרעקנדיק זיך פאַר דער שוואַרצער ערד
מיט אירע הפקר־הענגנדיקע ברעטל־געטער,
בין געזעסן צוגעכוליעט
צו די וואַרעמע שויסן פון די פעטערס,
און געהערט דאָס טריפן פון די האָריקע ליפן

אַלע שפּעטע מערבֿ־ווערטער,
ווי אַ אָוונט־רעגנדעל אין פֿעלד טוט זיפֿן
טראָפּן נאָך אַ טראָפּן
בלינד און עלנט טאָפּנדיק די פֿינצטער.

אָט די הייליקייט
פֿאַרנעם איך אויך
אין רויש פֿון זאַנג דער דינסטער
איצט, ווען אָוונט לעגט דעם צלם
הין און הער אויף דיינע פֿעלדער...

און איך מעלד דיר:
— ס'איז אַ קדושה־סוד פֿאַראַנען
וואָס איז העכער פֿון געניסן!

זע, אָט ליגט ער דיר צופֿיסן
מיט זיין גרינלעך־שוואַרצן,
וועלדער־שמעקנדיקן פֿליגל־טויער,
וואָס זיין קאָפּ שפּאַרט אָן אין יענעם
רויטן שקיעה־טרויער.

נאָר ווער ביסטו —
דאָרט אין וועג פֿאַרפֿלאַנצטע שיקסע
מיט די רויטע־באַקן,
וואָס צו דיר טו רעדן
איבער פֿעלדערס האַלדז און נאַקן?

ביסט אַ שיקסע ערד, אַ סתם אַ שיקסע
און אַ ביידע.
כ'רעד צו דיר אַ יידיש און אַ גויעש,
ווי מיין שטאָלער זיידע...

(שטאָט אין פֿראָפּיל)

משה שימעל / עס בייט זיך נישט...

עס בייט זיך נישט און ס׳האָט זיך נישט געביטן.
איך לייד נאָך אַלץ, ווי כ׳האָב אַמאָל געליטן.
איך זאָג עס אָפּן פּשוט און באַשיידן:
עס טוען זיך נישט אָפּ פון מיר די ליידן;
כאָטש כ׳טראָג אַ זיידן העמד און כ׳בין מאָדערן,
נאָר פריילעך, פריילעך קען איך אַלץ נישט ווערן.

אַ בושה פּשוט. נאָר ס׳איז נישט צו מאַכן.
איך קאָן זיך אַלץ נאָך נישט פונאַנדערלאַכן,
כאָטש גאָט אַן עדות, אַז ס׳איז דאָ פאַרוואָס;
אָט זעט: עס פאַלן עפּל אויפן גראָז —
זיי פאַלן גרויס און בלאַנקענדיק און רויט,
און מענטשן פרייען זיך, כאָטש עפּל־פאַל — איז טויט...
כ׳בייס איין אין עפּל זיך מיט שאַרפע ציין,
נאָר שטאָט צו לאַכן, שטיקט מיך אַ געוויין — —
עס בייט זיך נישט און ס׳האָט זיך נישט געביטן.
איך לייד נאָך אַלץ, ווי כ׳האָב אַמאָל געליטן,
און כ׳שפּיל זיך מיט די ליידן, ווי אַ קינד מיט ניס,
כאָטש כ׳ווייס, כאָטש כ׳ווייס, ווי לעבערלעך דאָס איז...

אָט זעט: מיט גרויסער און געהיימער פרייד
גיי׳ט איבער גראָז אַ פרוי אין ווייסן קלייד;
ז׳איז שיין, ז׳איז יונג, ז׳איז בויגעוודיק, ז׳איז בלאָנד — — —
זי שפּאַנט מיט שלאַנקע פיס צום רויטן האָריזאָנט,
זי טרעט אויף הויכע גראָזן, שפּאַן נאָך שפּאַן
און ווייסט נישט, אַז דאָס גראָז דאָס איז איר הויכער מאַן,
וואָס איז געשטאָרבן פאַראַיאָר אינמיטן טאָג — — —
ווי יעמערלעך האָט זי געוויינט, געקלאָגט,
און איצט: אי שיין, אי יונג, אי בויגעוודיק, אי בלאָנד.

שפאַנט זי מיט שלאַנקע פיס צום רויטן האָריזאָנט.
עס בייט זיך נישט און ס׳האָט זיך נישט געביטן,
דער טויט האָט קיינעם נאָך נישט אויסגעמיטן.

מען האַקט אַ וואַלד. עס קלינגען העק און ס׳זינגען זעגן,
עס פאַלן ביימער מיט די קעפּ צו דר׳ערד,
די אויסגעצערטלטע, דורך זון און רעגן,
מיט שטיפע, פייכטע, גרינע בערד.
און וואָס? ס׳וועט זיין צו הייצן אין די היימען,
ס׳וועט זיין אַ טיש, אַ באַנק, אַ שייער און אַ טיר —
און זאַכן נוצלעכע פאַר יעדן איינעם
און אויך אַ קאַסטן אויסגעמאָסטן פונקט פאַר מיר — —
עס בייט זיך נישט און ס׳האָט זיך נישט געביטן,
דער טויט האָט קיינעם נאָך נישט אויסגעמיטן.
איך שפּיל זיך מיט די לידן, ווי אַ קינד מיט ניס,
כאָטש כ׳ווייס, כאָטש כ׳ווייס, ווי לעכערלעך דאָס איז...

איך האָב אַ היים מיט פענצטער און מיט ווענט —
און כ׳האָב אַ פרוי מיט קליינע, גוטע הענט,
און כ׳האָב אַ טיש, אַ באַנק, אַ גאָרטן און אַ פּלויט
און דאָך וועט מיך דאָס אַלץ נישט ראַטעווען פון טויט.
ווען ס׳קומט מיין פרוי אַהיים (ז׳איז בלאַס און מיד)
ווייז איך איר אַלץ, וואָס כ׳זאָג דאָ — אין אַ ליד.
זי לייענט, זי לאַכט, זי פרייט זיך, ווי אַ קינד:
זי מיינט: אַ ווינט אין ליד — איז נישט קיין ווינט.
זי מיינט: אַ פּלויט אין ליד — איז נישט קיין פּלויט.
זי מיינט: אַ טויט אין ליד — איז נישט קיין טויט.

עס פאַלן צו די אָוונטן און ס׳קומען אינדערפריען
און ווינטן בלאָזן מיר אין פּנים שניי —
עס טוען ווי די פרילינגס, וואָס פאַרבליען

און זומערס זיסע טועג אַלץ נאָך ווי.
עס בייט זיך נישט און ס'האָט זיך נישט געביטן,
איך לייד נאָך אַ"ך, ווי כ'האָב אַמאָל געליטן,
און כ'שפּיל זיך מיט די ליידן, ווי אַ קינד מיט ניס,
כאָטש כ'ווייס, כאָטש כ'ווייס, ווי לעכערלעך דאָס איז...

אַ הילצערנע באַנק ביינאַכט

ווען לשון באַקוקסט די הילצערנע באַנק,
פאַרשטיי איך, נאָך וואָס עס טוט איר באַנג:
אַ גאַנצן טאָג איף דער זון געווען,
מיט שאָטנס מיט בלויע פון בלעטער באַשיט,
דעם הימל געזען,
געזונגען און געבליט,
און איצט — ביים פענצטער, איף צעקרוכטע פיס,
זי שטייט, און גאַפט און ווייסט נישט ווו זי איז...
עס האָט זיך איף איר די לבנה מיט ציטער צעלייגט
און רעדט צו איר עפּעס מיט זילבערנע רייד.
קען דען אַ הילצערנע באַנק פאַרשטיין,
וואָס די לבנה מיינט?
שרעקט זיך די הילצערנע באַנק און קען נישט שלאָפן
און קוקט אַריף צום פענצטער, וואָס בלויט און איז אָפן.
קוק איך איף און טראַכט:
וואָס קען דען וויסן אַ מענטש
ווען אַ הילצערנער באַנק, וואָס קען נישט שלאָפן ביינאַכט.
(מיר איז אומעטיק)

אריה שמרי / צום שטיין פון דיין חלום

וואָרום די זון איז פאַרגאַנגען
און גאָט האָט פאַרשלאָסן די טיר,
און נאָענט איז דער וועג קיין חרן
וועט אונזער טרויער גיין צו דיר.

וועלן מיר זוכן אין הרן
דעם וווּנדער פון דיין פראָסטן שטיין,
און וועסט אונז ווייזן דעם לייטער
ווי אויך שפּלע קענען גיין.

און יענעם היימישן הימל
וואָס האָט אונז ליב אויך אין פאַלן,
און ווי סתם אַ בשר־ודם
שלעפּט פאַר די פאָלעס אַ מלאך.

און יענעם פּשוטן שטערן
וואָס שיינט אַרויס פון ליים און זאַמד —
אייגן און וואַרעם און טריי
ווי לאַמטערנע אין פאַסטוכס האַנט.

און וועסט אונזער טרויער לערנען
ווי לעגן דעם קאָפּ אויף אַ שטיין,
און הערן פון וועלטן אַ ליד
אין סטאַדעס צעגלעקלטן גיין.

אין מינדסטן ביסן

אויף אין שוואַרצן ברויט, אין מינדסטן ביסן
רוישן זאַנגען,
און ווער עס וויל קען זען אין רונד פון לעבל ברויט
די גאַנצע ערד אין איר באַוועגן,
אין גרויסן חסד פון זון און רעגן.

קענסט פרייד אַנטפּלעקן
אויף אין אַ ברעקל,
אויף אין איין קערן.

אויך אין אַ גראָ זעמדל קענסטו זען
אַ גרויס שײַנענדיקן שטערן.
ווײַל אַלץ איז נידריק,
און אַלץ קען העכער ווערן.

גורל-וואָך

איך וועל שוין קיינמאָל נישט אויסמעסטן
די לענג פון שטערנדיקע ראַנדן.
נישט מיר די הייכע אָדלער-נעסטן,
איך בלײַב אויף ערד, פאַרקניפּט מיט זאַמדן.

און שענקען וועל איך זיך אינגאַנצן
דעם גורל-וואָך — זינגענדיקער יאָך.
אַ וואַלד נאָך אַ וואַלד וועל איך פלאַנצן,
און מיר וועט גענוג זײַן — דער מאָך.

(אין טויער פון טעג)

בערל שנאַבל / פלאָריקאַ

...אַצינד פאַרשטיי איך שוין
דאָס זילבערנע געזאַנג,
וואָס דעם מילנערס דינסטשיקסע
זינגט
אין דער נאַכט אַריין לאַנג...
און פרעגט
אין איר ליד
הונדערט מאָל איבער,
די הולטייאישע מילנער-יונגען זיבן,
וואָס פלעגן מיט איר ליגן...
און איצט געבען, ווײַ איז צון איר

האָט אײַעדער לײַדאָק
מיט שטיקער אַקערפעלד און קו,
זיך אַ כלה אױסגעקליבן...

יעדע נאַכט אַזױ זי זינגט און שעלט.
און סע פֿאַלט איר ליד מיטן מילבדום
אין דער װײַסער װעלט
װוּ סע הערט קײן נפֿש ניט,
איר שטאַרק באַקאַנטן צער...

נאָר איך, —
װאָס בין פֿון טרײַסט דער שר,
און צײל יעדעס געפֿאַלענע שנײעלע,
װי װײַסע ציגל
פֿון מײַן נישט־דערבױעטער חלום־װעלט,
הער זיך צו, צו איר טרױעריק ליד
און װאַקכנדיקער שאַנד,
װאָס קײַכט
אין דער חלף־שאַרפֿער יאַנוואַר נאַכט אַרײַן
ביטער לאַנג — — —
(און ס׳טוט אונז בײדע אַזױ באַנג).
(מילנער־גאַס)

פֿינפֿטע גלעזל

אין מײַן גלעזל װײַן איך װעל גיסן אַלע שעהן פֿון אונזער טרױער
און װעל קומען, מײדל, פֿאַרשיכורן מײַנע לידער פֿאַר דײַן טױער.
איך גלױב, דו װעסט אױדאי מיר שענקען אַ קוש פֿון ליכט
דורך דײַן פֿענצטער װאָס האָט ביז איצט מיט טונקל געטריבט.

זע! חצות־נאַכט איז די טרױעריקע קרעטשמע פֿאַר צדיקים
און דיכטער

און אַ שפּיטאָל פון טרייסט פאַר מיין קראַנקן האַרץ — דיין געליבסטער.
איך האָס די בייטאָגן וואָס פאַרקנעכטן אונז אַלע צו דער פּיין!
און די נאַכט... די נאַכט איך גיס דיר אין לידער ווי טרויעריקן וויין.

די נאַכט, טייערע, איז בענקשאַפטסוויין אויסגערונען פון שטערנטרויבן,
זאָל לבנה, גאָטס דינסטמיידל, דיר צוטראָגן אַ כוסה צו דיינע
פאַרהאָנגענע שויבן.
און לחיים לאָמיר טרינקען מיט אונזערע אַלטע דורות-יידן וואָס
אין פאַרטאָגן
גיסן זיי טרויער-וואַסער אויף די פינגער ווי וויין פון צו
לאַנגן קלאָגן.

אין מיין גלעזל וויין איך וועל גיסן אַלע שעהן פון אונזער טרויער
און וועל קומען, מיידל, פאַרשיכורן מיינע לידער פאַר דיין טויער.
(ישיבה-לידער)

פ אַ ר ט אָ ג

ווי וווּנדערלעך שיין איז ווען סע הייבט אָן צו טאָגן
און ס'שטאַרבן די לעצטע שטילקייטן, אין ערשטן קריי פון אַ האָן,
און די נאַכט טוט איר לעצט קאַפּיטל איינזאַמקייט זאָגן
צו די ערשטע טריט וואָס גיסן אויף גאַסן די טאָגיקייט אָן.

און פון אַלע ווינקלען דער גאַסנקערער קערט אויס
פון מיין שטילער יידישקייט דעם טרויעריקן נאַכטשטויב,
און די שכינה קומט אין טאָג מיט אַ פאַרוועלקטער רויז
און ווישט די שטערן פון אירע אויגן — מיט מיינע לידער — זיך אויס.

ווי וווּנדערלעך טרויעריק איצט ווען סע הייבט אָן צו טאָגן,
און יידישע טריט הונדערט-יעריקע פון איבערגעסן מער ניט קומען.
מיין שטאָט איז אַ ירושלים — אויף איר פּיין ווער ס'זאָל קלאָגן
האָט מען איבערגעלאָזט אונז, ווי קראַנקן יונגן זאָמען...
(יהי"ה)

בער שנאַפּער / סאַראַ גליק

סאַראַ גליק זיך אַליין צו געניסן,
פֿאַר מענטש און פֿאַר וועלט און פֿאַר גאָט זיך פֿאַרשליסן
און אַליין זיין דער שניטער און אַליין זיין — דער שניט
און אַליין זיין דער ים — און דער איינזל אינמיט
און אַליין זיין איבער אייגענע תהומות — די בריק
סאַראַ גליק!...

סאַראַ פֿרייד זיך אַליין צו באַזיצן
פֿאַר מענטש און פֿאַר וועלט און פֿאַר גאָט זיך באַשיצן
מיט זיך, ווי מיט עפּעס אַ פּעסטן און מויערישן וואַל
אַליין זיין דער באַרג און העט אויוון — דער קוואַל
און אַליין זיין פֿון אייגענער זריעה — די קווייט
סאַראַ פֿרייד!...

סאַראַ שטות זיך אַליין צו פֿאַרשווענדן
פֿאַר מענטש און פֿאַר וועלט און פֿאַר גאָט זיך פֿאַרלענדן
פֿאַר אַ שיבוש, אַ שיפֿער, פֿאַר אַ קלעפּאַטש פֿון לעבן
פֿאַר איעדן באַוונדער, ווי אַ הור זיך אָפּגעבן
און אַליין מיט זיך טרייבן בפּרהסיה — זנות
סאַראַ שטות!...

די זיבן מרגלים

זיבן מרגלים האָט דער קיניג צעשיקט
אויף די זיבן וועגן, וואָס פֿירן צום גליק.
צום גליק פֿון אַ קיניג מיט לענדער אין צאָל —
פֿון הונדערט און צוואַנציג און זיבן מיט אַ מאָל.

האָבן זיבן מרגלים פֿון די בעסטע קנעכט
זיבן טעג זיך געזאָמט און זיבן נעכט
און אויפֿן אַכטן טאָג געקומען צוריק
פֿון די זיבן וועגן, וואָס פֿירן צום גליק.

פאַלט דער ערשטער אַ מידער צום קיניגס פיס,
רירט אים דער קיניג אָן מיט דער שפּיז —
הייבט ער זיך אויף און גלייכט זיך אויס
און ברענגט קוים די ווערטער פון זיך אַרויס:

אַ טאָג, אָ קיניג! — אַ טאָג מיט אַ נאַכט
האָט דיין קנעכט אויפן וועג צו דיין גליק פאַרבראַכט.
צום גליק פון אַ קיניג מיט לענדער אין צאָל —
פון הונדערט און צוואַנציק און זיבן מיטאַמאָל.

אין דער וועג, ווי אַ לייטער, וואָס ציט זיך אָן סוף.
און די לייטער אָן שטאַפּלען — נישט אַראָפּ, נישט אַרויף.
און לייטער די מענטשן צעלייגט אין דער ברייט,
ווי שטאַפּלען, וואָס פירן צום קיניג, זיין פרייד.

און איך, אָ קיניג! — זאָגט דער צווייטער נאָך אים
פאַרשמייעט און מיט אַ געבראָכענער שטים —
און איך האָב געזען דעם וועג צו דיין גליק,
ווי אַ לאַנגע, אַ ווייטע, אָן סופדיקע בריק!...

און די בריק, נישט פון האָלץ, נישט פון אייזן און שטיין,
נאָר פון מענטשישע גופים — פון פלייש און פון ביין.
און דאָס בלוט און דאָס בלוט פון די גופים — אַ טייך
רינט אונטער דער בריק צו דיין קיניגרייך.

און איך, אָ קיניג! — זאָגט דער דריטער פאַרשמאַכט.
האָב געוואַנדערט אַ טאָג, האָב געוואָגלט אַ נאַכט
אויף דעם וועג אויף דעם דריטן, וואָס פירט צו דיין גליק —
איז דער וועג, ווי אַ לאַנגער, אָנסופדיקער שטריק!...

און אויף שטריק הענגען מענטשן — די פּנימער גראָ,
די אויגן אַרויס און די צונגען שוין בלאָ.
און איבער זיי שטייף, ווי אין שלאָף — אויפן שטריק
גייען אַנדערע מענטשן, גייען אויס צו דיין גליק.

און דער פערטער מרגל, וואָס גרויס איז זיין צער
פאַלט אַראָפּ אויף די קני: אָ, קיניג! אָ, האַר!
זיי מוחל דיין קנעכט און פאַרגיב אים זיין בליק,
וואָס געוואַגט האָט צו זען דעם וועג צו דיין גליק,

ווי אַ פּשוטן, פעלדישן שטויביקן וועג —
מיט מענטשן, ווי צלמים צעשטעלט אויף זיין ברעג,
און אַלע און אַלע, ווי פּילגער צעשפּאַנט —
שפּאַנען צלמים אַ מחנה צו דיר, אין דיין לאַנד!...

און אַזוי דער פינפטער, דער זעקסטער מיט שרעק
געזען האָט אַ'ן־עדער אַנדערש דעם וועג
צום גליק פון אַ קיניג מיט לענדער אין צאָל —
פון הונדערט מיט צוואַנציק און זיבן מיטאָמאָל.

נאָר דער לעצטער מרגל, דער זיבעטער אין ריי,
דער בעסטער פון קנעכט און דער עלטסטער פון זיי,
האָט אַ הויב זיך געטאָן פון דער ערד, ווי אַ ריז —
נאָך איידער דער קיניג באַרירט האָט זיין שפּיז.

אָ קיניג! אָ האַר! אָ הערשער פון קנעכט!
וואָס זעכציק פון זיי היטן אָפּ דיינע נעכט
און זעכציק מאָל טויזנט היטן אָפּ דיינע טעג
און קיינער פון זיי שטייט נישט גרייט אויפן וועג

וואָס פירט צו דיין לעצטן, דיין זיבעטן גליק!
אָ קיניג, מיין האַר! דערוואַרג עס, דערשטיק,
כל זמן ס'איז אין האַלדז נאָך דאָס וואָרט, וואָס איך גרייט
צו דערשלאָגן דיין לעצטע, דיין זיבעטע פרייד!...

זיבן וועגן, וואָס פירן צום גליק דיינעם, האַר!
זעגען זעקס פון זיי נויט! זעגען זעקס פון זיי צער!
און דער זיבעטער, האַר! און דער לעצטער פון זיי —
שטייט נאָך הפקר און וויסט, שטייט נאָך אָפן און פריי!...

ווי אַ בייט נישט באַפּלאַנצט ווי אַ פעלד נישט באַזייט.
ווי אַ שווערד שוין פאַראַסט אין פאַרזשאַווערטער שייד
פון אַן אַלטן, אַמאָליקן, ריזיקן ריז —
וואָס האָט נישט געוווסט נאָך פון קיניג, זיין שפּיז.

אַ קיניג! אַ האַר! וואָס גרויס ביסטו און שטאַרק!
ס'איז דיין קנעכט דאָך ניט שולדיק, וואָס האַרט איז זיין קאַרק
און ער קאָן שוין נישט שטיין מער אין דרייען געביקט
אויף דעם זיבעטן וועג, אויף דעם לעצטן צום גליק!...

און דער לעצטער מרגל, דער זיבעטער אין ריי,
דער בעסטער פון קנעכט און דער עלטסטער פון זיי
האָט אַ הויב זיך געטון פון דער ערד, ווי אַ ריז —
און געטראָפן דעם קיניג מיט זיין אייגענער שפּיז.

(מעשה און ליד)

אוניוורז

עמעץ האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אוניוורז,
ווי מ'וואַרפט אַריין אין ים אַ שטיין!
ווי מ'וואַרפט אַריין אַ גרודיקל ערד —
אין אַ טיפן, אַן אַלטן ברונעם אַריין!...

עמעץ וועט מיך אַרויסנעמען פון אוניוורז,
ווי מ'נעמט אַרויס פון אויג — אַ מילב!
ווי מ'נעמט אַרויס אַן איבעריקע זילב —
פון אַ שיינעם, אַ גרויסן האַרמאָנישן פערז!...

דערווייל שטיי איך איינם גרויסן סוד —
איינער אַליין — ווי דו, אַ גאָט!
נאָר אָן דיין געטלעכן כוח דערצו —
און אָן דיין טיפער און געטלעכער רו!...

(בלאָע ווערטער)

ר אַ נ ד ן

(אַ מקום אַ נאָכוואָרט)

אין חומש געפינען מיר אַז אדם האָט אָנגערופן מיט נעמען דאָס וואָס ער האָט געזען אַרום זיך. זאָס טוט אויך דער דיכטער. ער באַשאַפט אָבער ניט זײַנע נעמען פון דער העלער הויט, נאָר ער טוט קלינגען אײַנם אַלטן אָפּגעריבענעם וואָרט זײַן מיטיש אומענדלעכע רעזאָנאַנס; ער טוט אין אים דערמאָנען אַ ניצוץ פון דעם אורליכט פון זײַן ערשטן טאָג.

☆

יעדעס וואָרט האָט זיך זײַן מיטישע רעזאָנאַנס; זי איז אָבער פאַרצוימט אין די פאַרשטעלונגען מיט וועלכע דער טאָג־טעגלעכער געברויך האָט זי מסיג געווען. אָבער פון אַלע צייכנס און אותיות וואָס באַלויכטן דעם סדר פון דער טאָג־טעגלעכקייט, בענקט אַרויס נאָך אַ תיקון דאָס מיטישע: דאָס ליכט פון בראשית. דער דיכטער דאַרף נאָר אָפּשרייבן.

ס׳איז אַן עובדא וואָס ענדיקט זיך קיינמאָל ניט און וועלכע יעדער דיכטער איז מחויב צוריק אָנהייבן אויף אייגענעם חשבון.

☆

דאָס וואָרט לעבנגערט זײַן שאָטן — ס׳איז דאָס, וואָס די באַוועגונג פונעם געדאַנק וועלכע דערגרייכט צו קול לאָזט נאָך זיך. ס׳זענען די דערוועקטע אָפּבילדער וואָס האָבן געזיכט זייער וואָרט בעתן פלוס פונעם געדאַנק.

די דיכטונג לעבט אין זכות פון די שאָטנס.

☆

אַ פירוש איבער לידער איז אַן אַבסורד. די פּאָעזיע איז יענע טייל פונעם מלכות וואָרט, איבער וועמענס טויערן הערשט די מימרא: זען דעם כתב און ניט זען די האַנט. וווּ ס׳איז פאַראַן די האַנט קען קיין

שום כוח דעם פלעק ניט אָפּווישן און אַהין, צו די גרענעצן פון ניט זיין און פון ווערן, ווו די ווערטער, באַפרייטע פון דער האַנט, דערהויבן זיך צו אייגענער בחירה, קען קיין שום מורה־דרך ב״ש פירן.

*

דער פ...ישער אוניווערז איז נישט געפּוּרעמט פון מאָנאַדעס.

ישעיה וואָלט געהאַט אַ סך וואָס אָפּצומאָנען ביי ביאַליקן און אויך קלאָדעל וואָלט זיך גאָרנישט געפילט היימלעך, ווען אונזער דוד וואָלט געקומען ביי אים בעטן זיין שכר־לימוד.

נאָר, אינם אייביק ווערנדן דויער פון דער מענטשלעכער עמפּינד־ליכקייט, זענען פאַראַן ספּעציפישע רגעס וואָס צייכענען אָן אַ דורכ־גאַנג. אַזוי איז פאַראַן — כדי צו דערמאָנען די נענטערע — אַ רגע באַדלער און אַ רגע רילקע און אויף דעם פלוס כוואַליעט זיך אויך אַ רגע האַלפּערן, אַ רגע לייוויק און אַ רגע מאַנגער. און יעדע פון די רגעס איז אַ חלק קאָנסערווירטע צייט — די רגע אָפּגעהאַלטן אויף אַלע אייביקייטן.

*

מיר זענען שוין לאַנג אַריבערגעוואַקסן די ליַנעצקי־תקופה פון רחמנות צו אַלץ וואָס איז ייד און יידיש. אונזערע שייכותן צום גרויסן יידישן ליד ווערן געסדרט פון די אייגענע כללים וואָס דיקטירן אונזערע שייכותן צום גרויסן ליד פון סיי וועלכער אַנדערער שפּראַך.

אַ דיכטער איז אָבער ניט קיין ממזר; ער געהערט צו עמעצן: זיין פאָלק, זיין צייט און זייער אָרט צוביידן — פונם דיכטער רעדן זיי אַרויס ווי אַ דיבוק.

*

דער גורל פונם פאָלק צו וועלעכן עס געהערן די יידישע דיכטער איז אָנגעלאָדן מיט פּאָעטישן רוי־שטאָף: דער נס פון זיין לעבן און דויער, זיין גאָט פון דעם מדבר־געצעלט, וועלעכער האָט באַזיגט און איבערגעלעבט די געטער פון די מאַסיווע שטיינערנע געביידעס, נעמען ווי שאול און דוד, עמוס און ירמיה האָבן געמאַכט פון כנען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד פון דיכטערישע סימבאָליק.

און באמת וועלעכער גרויסער וועלט־דיכטער האָט ניט אין זיך אַריינגעזאַפּט די ווינגערטנער־ריחות פון עין־גדי?

*

דער יידישער דיכטער איז אָבער ניט קיין שותף נאָר צו אָט דעם

גליקלעך פּאָעטישן גורל· און דערפאַר, קען ניט לייוויק, ניט מאַנגער, ניט גראַדע אויסדריקן אַלפרעד דע ווינים גלויבן:

„און אייביק מדור לדור זע איך ווי פראַנקרייך
אַפּלאָדירט און באַקרענצט מיט בלומען מיינע לידער״

און דאָס חלילה ניט דערפאַר וואָס ישעיהס אייניקלעך וואָלטן ניט געהאַז די וואַנדער־בליקן, וואָס קענען איבער די נעפּלען פון די מרחקים זעען די פּנים־חדשות פון די ווייטע מאָרגנס·

*

די אומשטערבלעכקייט פונם דיכטער איז זיין פאָלק·

דאָס פאָלק איז דער ערוב תחומין פון זיין איבערלעבן· און דערפאַר איז דער שלאָף פון די, וואָס זענען זיך חושד אויף דויער, געווען פאַרטריבן פון די „למי אני עמל״־קאָשמאַרן· אַזוי ביז ווען דער טאָפּ, צו וועלכן דער צאָרן פון ביאַליקס לעצט וואָרט האָט אונז פאַרגליכן, איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן — מוראדיקער און שרעקלעכער ווי זיין צאָרן האָט אונז געוואָרנט און גערדראָט און אויך שרעקלעכער פון דער קללה פונם בעל־תוכחה.

עס ליגן פאַר אונז זיינע שאַרבן·

*

דער תלמיד האָט געפרעגט:

— וואָס זעט איר, רבי, אַצינד אין דער לעצטער רגע?

און רבי חנניה בן תרדיון האָט אים געענטפערט פון מיטן די פלאַמען:

— איך זע די פאַרמעטן ברענען בעת די אותיות שוועבן אינדערלופטן·

אותיות פון רוים און פון שפּאַניע, פון פוילן און פון ליטע, אונזערע נע־וגדנע אותיות וואַרטן אויף אַ תיקון — אויף אייגענע פאַרמעטן·

*

אייגענעם פאַרמעט קען מען קריגן נאָר פון די פּי ווע־לעכע מען פּאַשעט אַליין אויף אייגענע פעלדער· נאָר אויף יענע פאַ־מעטן וועט מען גלויבן דער דיכטער אַז עד סוף כל הדורות וועט מען באַוואַרפן מיט בלומען זיין ליד, וואָס באַזינגט דעם כוח פון דויער און פון יוגנט פונם אוראַלטן פאָלק, וואָס מעג זיך זיין מיט די פּיראַמידן — אויף דו·

א· פּ·

ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן *)

אפרים אויערבאַך געב· 1892 בעלץ (בעסאַראַביע)׳ לעבט אין אַמע־ריקע· „קאַראַוואַנען״ נ״י 1918·

ראובן אײזלאַנד געב· 1884 גרויס־ראַדאָמישל (גאַליציע)׳ לעבט אין אמעריקע· „פון מײן זומער״ נ״י־ווין 1922·

ש· י· אימבער געב· 1888 סאַסאָוו (גאַליציע)׳ אומגעקומען אין פוילן· „וואָס איך זינג און זאָג״ לעמבערג 1909׳ „אסתרקע״ סטאַניסלווי 1911׳ „רויזנבלעטער״ ווילנע 1914׳ „היים־לידער״ ווין 1918·

ברוך אָליצקי געב. 1907 טריסק (וואָלין)׳ אומגעקומען אין פוילן·

לייב אָליצקי געב· 1895 טריסק (וואָלין)׳ לעבט אין פוילן· „משלים״ וואַרשע 1929׳ „ווענט האָבן אויערן״ וואַרשע 1939·

מאַטעס אָליצקי געב· (?) טריסק (וואָלין)׳ לעבט אין פוילן·

---

*) די ביאָגראַפישע דאַטן און די ביבליאָגראַפיע פון די ווערק זענען לרוב אַרויסגענומען פון זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור פרעסע און פילאָלאָגיע״· היות די לעצטע אויפלאַגע איז דערשינען אַרום 1928—30 זענען מיר וועגן די קרוב לעצטע צוואַנציק יאָר אָנגעוויזן געווען אויף דאַטן וואָס מיר האָבן גענומען פון די „ליטעראַרישע בלעטער״ אָדער פון אַנדערע מקורות·

די דאַטן איבער דעם יונגן דור דיכטער פון פוילן האָט אונז צוגעשטעלט דער דיכטער ישראל אַשענדאָרף·

אסך פון די אָנגעגיבענע בענד האָב מיר נישט געהאַט ביי דער האַנט און ס׳איז פאַראַן אַ יש אומרים אַז זיי זענען קיינמאָל נישט דערגאַנגען קיין רומעניע.

ישראל אַשענדאָרף געב. 1909 מיעלניצע (גאַליציע), לעבט אין פוילן. „אין אַ גריסער פרעמדער שטאָט" לעמבערג 1932, „מאַגנעטיק אינדערפרי" וואַרשע 1937, „גרויסן אין דער ווייט" וואַרשע 1939, „אַנונג און וואָר" קיעוו 1941.

נחום באָמזע געב. 1906 סאָסאָוו (גאַליציע), לעבט אין פוילן. „אין טעג פון דער וואָך", „באַרוויסע טריט" וואַרשע 1936, „אַ גאַסט אין פאַרנאַכט" 1939, „איבערגאַנג" קיעוו 1941.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי געב. 1892 פומפיאַן (ליטע), לעבט אין אַמעריקע. „ביים ברייטן וועג" נ"י 1920, „לידער" נ"י 1931.

יצחק בערלינער געב. (?) לעבט אין מעקסיקע. „שטאָט פון פאַלאַצן" מעקסיקע 1936.

לעאָן בערטיש געב. 1900 מיהיילעני (מאָלדאַוויע), לעבט אין בוקאַרעשט. „שטילע ווינקלען" בוקאַרעשט 1939.

משה בראָדערזאָן געב. 1890 מאָסקווע, לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד. „שוואַרצע פליטערלעך" לאָדזש 1914, „טוי" מאָסקווע תר"עט, „פערל אויפן בריק" לאָדזש 1919, „שוואַרץ־שבת" לאָדזש 1921, „בעגייסטערונג" וואַרשע 1920, „איבערגאַנג" לאָדזש 1921.

מרדכי גאָלדנבערג געב. (?) אומגעקומען אין טראַנסניסטריע.

יעקב גלאַטשטיין געב. 1896 לובלין, לעבט אין אַמעריקע. „יעקב גלאַטשטיין" נ"י 1921, „פרייע פערזן" נ"י 1926, „קרעדאָס" נ"י 1929, „די פרים גוואַרדיע" נ"י 1931, „יידיש־טייטשן" נ"י 1937, „שטראַלנדיקע אידן" נ"י 1946.

חיים גראַדע געב. 1910 ווילנע, לעבט אין פּאַריז. „יאָ" ווילנע 1936, „מוסרניקעס" ווילנע, „האָס" מאָסקווע 1943, „דורות" נ"י.

נפתלי גראָס געב. 1895 קאָלאָמיי (מזרח־גאַליציע), לעבט אין אַמעריקע. „לידער" נ"י, „פסאַלמען" נ"י 1919, „דער ווייסער רייטער" נ"י 1925, „יידן" נ"י 1929.

יעקב גראָפּער געב. 1890 מיהיילעני (מאָלדאַוויע), לעבט אין בוקאַרעשט. „אין שאָטן פון אַ שטיין" בוקאַרעשט 1934.

אי. צ. גרינבערג געב. 1894 ביילקאַמען (מזרח־גאַליציע), לעבט אין ארץ־ישראל. „אין ציטענס רויש" לעמבערג 1919, „פאַרנאַכטענגאָלד" וואַרשע 1921, „מעפיסטאָ" לעמבערג 1921.

אליעזר גרינבערג געב. 1896 ליפקאַן (בעסאַראַביע), לעבט אין אַמעריקע. „גאַסן אין עוועניוס" נ"י 1928. „פון אומעטום" נ"י 1931, „פישערדאָרף" נ"י 1938, „די לאַנגע נאַכט" נ"י 1946.

מאַטעס דייטש געב. 1894 ראַקיטנע (קיעווער גוב.), לעבט אין אַמעריקע. „אינם לאַנד פון די יענקעס" שיקאַגע 1935.

מ. ל. האַלפּערן געב. 1886 זלאָטשעוו (גאַליציע), געשט. 1932 אין אַמעריקע. „אין ניו־יאָרק" נ"י 1919, „די גאָלדענע פּאַווע" נ"י 1924.

דוד האָפשטיין געב. 1889 קאָראָסטישעוו (קיעווער גוב.), לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד. „בײַ וועגן" קיעוו 1919, „רויטע בליטן" קיעוו 1920, „ליריק" קיעוו 1921, „זונגען שלייפן" קיעוו 1921, „טרויער" קיעוו 1922, „וואַלגער־שטיינער" קיעוו 1922, „אין טאָוול פון וועגט" בערלין 1923, „איך גלייב" מאָסקווע 1944.

ש. האַלקין געב. אין (?) לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד.

בער האָראָוויץ געב. 1895 מיידאַן (מזרח־גאַליציע) אומגעקומען אין פּוילן. „פון מיין היים אין די בערג" ווין 1919, „ריח פון ערד" ווילנע 1930.

אלחנן וואָגלער געב. 1907 ווילנע, לעבט אין פּוילן. „אַ בלעטל אין ווינט" ווילנע 1935, „צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט" ווילנע 1939.

לייזער וואָלף געב. 1908 אין ווילנע געשט. 1943 אין ראַטנפאַרבאַנד. „שוואַרצע פּערל" ווילנע 1938, „די ברוינע בעסטיע" 1941.

ז. ווײַנפּער געב. 1892 טריסק (וואָלין), לעבט אין אַמעריקע. „פון אונזער לאַנד" נ"י 1920, „ביי דער גרעבליע" נ"י 1922, „גאָלד און גרין" נ"י 1925, „פּיניע" נ"י 1939, „דאָס געזאַנג פונם גלויביקן" נ"י 1943.

רייזל זשיכלינסקי געב. 1910 גאָמבין, לעבט אין פּוילן. „לידער" וואַרשע 1936, „דער רעגן זינגט" וואַרשע 1939.

י. ל. טעלער געב. 1912 טאַרנאָפּאָל (גאַליציע), לעבט אין אַמעריקע. „סימבאָלן" 1930, „מיניאַטורן" 1934, „לידער פון דער צייט" 1940.

מ. ז. טקאַטש געב. 1894 און פּריבאָרסק (קיעווער גוב.), לעבט אין אַמעריקע. „אויף גאָטס באַראָט" 1927, „דאָס טייכל קאַטשט זיך אויפן בייכל" 1933, „זון איבער אַלץ" 1936, „בלוט שרייט פון דער ערד" 1945.

מישאַ טראָיאַנאָוו געב. (?) אומגעקומען אין פּוילן. „אומעטיקע האָריזאָנטן" וואַרשע 1937, „דערנאָכט אַנקעגן" וואַרשע 1939.

מאיר כאַראַץ געב. 1915 אין מאַרקולעשט (בעסאַראַביע), לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד.

איזי כאַריק געב. (?) געשטאָרבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

זישאַ לאַנדוי געב. 1889 אין פּלאָצק, געשטאָרבן 1937 אין אַמעריקע.

אַ לוצקי געב. 1893 אין דימידאָווקע (וואָלין), לעבט אין אַמעריקע.

מלכה לי געב. 1904 מאָנאַסטרישטש (גאַליציע), לעבט אין אַמעריקע. „לידער" נ"י 1932, „געזאַנגען" נ"י 1940, „קינות פון אונזער דור" נ"י 1945.

ה. לייוויק געב. 1888 אין איהומען (מינסקער גוב.) „לידער" נ"י 1919, „דער גולם" נ"י 1921, „אין קייגעמס לאַנד" וואַרשע 1923, „הינטערן שלאָס" ווילנע 1925, „שניי אַראָפּ־געפאַלענער" מאָסקווע 1925, „דורך זיבן טויערן" קיעוו 1926, „לידער" נ"י 1932, „די גאולה־קאָמעדיע" שיקאַגאָ 1934, „אַבעלאַר און העלואיז" וואַרשע 1936, „לידער פון גן־עדן" שיקאַגאָ 1937, „אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען" נ"י 1946.

קלמן ליס געב. (?) אומגעקומען אין פוילן.

א. לעיעלעס געב. 1889 אין וולאָצלאַוועק (וואַרשעווער געגנט), לעבט אין אַמעריקע. "לאַבירינט" נ"י 1918, „יונג־האַרבסט" וואַרשע 1922, „ראָנדאָס" נ"י 1926, „שלמה מולכו" ווילנע 1926, „פּאַביוס לינד" נ"י 1937, „צו דיר — צו מיר" נ"י 1937, „אַ ייד אויפן ים" נ"י 1946.

יאָסל לערנער געב. (?) לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד „דאָס געזאַנג פון הינטערגאַס" בוקאַרעשט 1938.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי געב. 1893 אין קאַרטוז־בערעזע (לעבן גראָדנע) לעבט אין אַמעריקע. „חשוונדיקע נעכט" ווילנע 1927, „דזשיקע גאַס" וואַרשע 1933, „פריידקע" וואַרשע 1935.

איציק מאַנגער געב. 1901 אין טשערנאָוויץ, לעבט אין לאָנדאָן. „שטערן אויפן דאַך" בוקאַרעשט 1929, „לאַמטערן אין ווינט" וואַרשע 1933, „חומש־לידער" וואַרשע 1936, „פעלקער זינגען" וואַרשע 1936, „מגילה־לידער" וואַרשע 1936, „דעמערונג אין שפיגל" וואַרשע 1937, „וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכהלע דער שיינער" וואַרשע 1938, „וואָלקנס איבערן דאַך" לאָנדאָן 1942.

מאַני לייב געב. 1883 ניעזשין (לעבן טשערניגאָוו), לעבט אין אַמע־ריקע. „לידער" נ"י 1918, „יידישע און סלאַווישע מאָטיוון" נ"י 1918, „באַלאַדן" נ"י 1918.

פרץ מאַרקיש געב. 1895 פּאָלאָנאָיע (וואָלין), לעבט אין ראַטנ־פאַרבאַנד. „שוועלן" קיעוו 1919, „סתם" קאַטערינאָסלאַוו 1920, „פוסט און פּאַס" קאַטאַרינאָסלאַוו 1920, „אינמיטן וועג" קאַטערינאָסלאַוו 1920, „אָוונט־שעהן" קיעוו 1922, „די קופּע" קיעוו 1922, „וואָלין" ווילנע 1921, „ראַדיאָ" וואַרשע 1922, „שטיפעניש" ווילנע 1919, „זאַנג־געזאַנג" וואַרשע, „פאַרקלעפּטע ציפערבלאַטן" כאַרקאָוו 1920.

ל. מילער געב. 1887 לאָנאָוויץ (וואָלין), לעבט (?) „אויף גאָטס וועלט" נ"י 1919, „מיסטער מענטש".

מנחם (באָריישאָ) געב. 1888 בריסק (ליטע), לעבט אין אַמעריקע. „אַ רינג אין דער קייט" נ"י 1916, „זאַמד" נ"י 1920, „זאַנוול רימער" וואַרשע 1923, „דער גילגול" ווילנע 1926.

מיכאל נאַטיש געב. 1906 סווענטיאַן, געשטאָרבן פֿאַר דער מלחמה. „מולייער הירש".

מענדל נייגרעשל געב. 1903 אין ניי־סאָנץ (גאַליציע), לעבט אין אַמעריקע. „אין שוואַרצן מלכות" ווין 1924, „געצעלטן" ווין 1930, „קיילעכדיקע טעג" ווין 1935.

לייבניידוס געב. 1890 אין גראָדנע, געשט. 1918 אין גראָדנע. „ליריק" ווילנע 1915, דאָס בוך פֿון פּאָעמען" ווילנע 1923, „ליטווישע אַראַבעסקן" וואַרשע 1924.

י. מ. ניימאַן געב. 1893 אין זשיכלין (וואַרשעווער געגנט) לעבט אין ארץ־ישראל. „יום־טוב אינדערוואָכן" וואַרשע 1936.

אַ. ניסענזאָן געב. 1897 אין טשפּעלי (מינסקער גובּ.) לעבט אין אַמעריקע. „הונדערט לידער" נ"י 1920, „מעטעאָרן" נ"י 1925.

מאָטעל סאַקציער געב. 1910 (?) אין לעאָווע (בעסאַראַביע), לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד. „דערפֿאַר..." בוקאַרעשט 1936.

אברהם סוצקעווער געב. 1913 אין סמאָרגאָן (ליטע), לעבט אין פּאַריז. „די פֿעסטונג" נ"י 1945, „לידער פֿון געטאָ" נ"י 1946.

י. י. סיגאַל געב. 1896 אין סאָלאָבקאָוויץ (פּאָדאָליע), לעבט אין קאַנאַדע. „באַזונדער" מאָנטרעאל 1921, „מיין שטוב און מיין וועלט" נ"י—ווין 1923, „לידער" נ"י 1926, „ליריק" 1930.

חיים סעמיאַטיצקי געב. 1910 (?) אומגעקומען אין פּוילן. „אויס־געשטרעקטע הענט" וואַרשע 1935, „טראָפּנס טוי" 1939.

אַלטער עסעלין געב. 1889 אין טשערניגאָוו, לעבט אין אַמעריקע. „אונטער דער לאַסט" שיקאַגאָ 1936, „קנויטן" 1927.

י. פּאַפּיערניקאָוו געב. 1899, אין וואַרשע, לעבט אין ארץ־ישראל. „אין זוניקן לאַנד" וואַרשע 1927, „רויט אויף שוואַרץ" וואַרשע 1929, „גאָלדענע זאַמדן" וואַרשע 1932, „מיט לענדער גלייך" ת. א. 1934, „די 24־סטע שעה" ת.א. 1935, „פֿאַר מיר און פֿאַר אַלע" ת. א. 1936, „אָנוואָקס" ת. א. 1938, „אונטער פֿייער" ת. א. 1939, „מן הטנא" ת.א. 1942, „פֿון רויטן פֿראָנט" ת. א. 1943, „איבער שוואַרצע הימלען" ת. א. 1944, „מיין ברענענדיקער שטאָם" ת. א. 1945, „פֿון ערשטן שניט" ת. א. 1945/6.

איציק פעפער געב. 1900 אין שפּאָלע (קיעווער גוב.), לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד. „שפּענער" קיעוו 1922, „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך" קיעוו 1924, „פּראָסטע טריט" וואַרשע 1925, „אַ שטיין צו אַ שטיין" קיעוו 1926, „מלחמה־באַלאַדעס" מאָסקווע 1943, „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" נ"י 1945, „שיין און אָפּשיין" מאָסקווע 1946.

יעקב פרידמאַן געב. 1910 אין מיעלניצע, לעבט אין בוקאַרעשט „אויסגעשטרעקטע הענט" וואַרשע 1933, „אדם" טשער־נאָוויץ 1935, „שבת" טשערנאָוויץ 1935.

אהרן צייטלין געב. 1889 אין וואַראָוויטשי (ווייס־רוסלאַנד), לעבט אין אַמעריקע. „שאָטנס אויפן שניי" וואַרשע 1922.

רחל ה. קאָרן געב. 1898 אין פּאָדליסקי (גאַליציע), לעבט אין פּאַריז. „דאָרף" וואַרשע 1928.

לייב קוויטקאָ געב. 1893 אין אָלעסקאָוו (אָדעסער קרייז), לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד. „טריט" קיעוו 1919, „גרין גראָז" בערלין 1919, „1923", בערלין 1923. „נייע לידער" מאָסקווע 1939.

משה קולבאַק געב. 1896 אין סמאָרגאָן (ווילנער געגנט), געשט. אין ראַטנפאַרבאַנד. „שירים" ווילנע 1920, „לידער" בערלין 1922, „נייע לידער" וואַרשע 1922, „פּאָעמען און לידער" ווילנע 1929.

אַ. קושניראָוו געב. 1891 אין באָיערקע (לעבן קיעוו), לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד. „וועגט" קיעוו 1921, „ברויז" מינסק 1928, „מזרח און מערב" מאָסקווע 1940.

יוסף קירמאַן געב. 1896 אין וואַרשע, אומגעקומען אין פּוילן. „איבער שטאָק און שטיין".

דוד קעניגסבערג געב. 1891 אין בוסק (לעמבערגער געגנט), אומ־געקומען אין פּוילן. „לידער" לעמבערג 1912, „סאָנעטן" לעמבערג 1913, „הונדערט סאָנעטן" לעמבערג 1921.

חיים קרול געב. 1892 אין לאָדזש, געשט. 1945 אין אַמעריקע. „לויבן" לאָדז 1920, „הימלען אין אָפּגרונט" לאָדז 1921, „אינדערלייטערונג" נ"י 1925.

חיים ראַבינזאָן געב. 1910 (?) אין רעדעקענעץ (מאָלדאַוויע) לעבט אין ארץ־ישראל.

י. ראַגעל געב. 1916 אין טאַרנאָוו, לעבט אין רומעניע.

מלך ראַוויטש געב. 1893 אין רעדים (גאַליציע), לעבט אין קאַנאַדע. „אויף דער שוועל..." לעמבערג 1912, „רוזאַינענגראָז" ווין 1914, „שפינאָזא" ווין 1918, „נאַקעטע לידער" ווין 1921, „פרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן" וואַרשע 1922, „קאָנטינענטן און אָקעאַנען" וואַרשע 1937.

יוסף ראָלניק געב. 1879 לעבט אין אַמעריקע. „צום שטערן נוד" נ"י 1922, „לידער" נ"י 1926, „נייע לידער" נ"י 1936.

הערץ ריווקין געב. (?) לעבט אין ראַטנפאַרבאַנד. „פון שכייניש דאָרף" בוקאַרעשט 1938.

שלמה שוואַרץ געב. 1907 אין קאַבל (לאָמזשער גוב.) לעבט אין אַמעריקע.

אשר שוואַרצמאַן געב. 1890 אין קאָרנאָסטישעוו (קיעווער גוב.), געפאַלן 1919 אין וואָלין, „פון גאָלדענע ווייטן" קיעוו 1921, „אַלע לידער" מאָסקווע 1944.

יעקב שודריך געב. 1906 אין אורנאָוו (גאַליציע), געפאַלן אַלס פאַרטיזאַן. „די ערד רירט".

אסתר שומיאַטשער געב. 1889 אין האָמעל (ווייסרוסלאַנד), לעבט אין אַמעריקע. „אין שעהן פון ליבשאַפט" 1930, „אַלע טאָג" 1939.

אבא שטאָלצענבערג געב. 1905 אין גלינע (לעמבערגער קרייז), געשט. 1941 אין אַמעריקע. „לידער" נ"י 1941.

אליעזר שטיינבאַרג געב. 1880 אין ליפקאַן (בעסאַראַביע), געשט. 1932 אין טשערנאָוויץ. „משלים" טשערנאָוויץ 1932, בוקאַרעשט 1936.

א. נ. שטענצל געב. 1897 אין טשעלאָדז (לעבן סאָסנאָוויץ), לעבט אין לאָנדאָן. „פישער־דאָרף" בערלין 1935, „פון דער ווייטנס" בערלין 1935, „פונדערהיים" בערלין 1935.

ישראל שטערן געב. 1894 אין אָסטראָלענקאָ (לאָמזשער געגנט), אומגעקומען אין פּוילן.

שלום שטערן געב. (?) אין וואָלין, לעבט אין קאַנאַדע. „אינדערפֿרי" מאָנטרעאָל 1945.

יעקב שטערנבערג געב. 1890 אין ליפּקאַן (בעסאַראַביע), לעבט אין ראַטנפֿאַרבאַנד. „שטאָט אין פּראָפֿיל" בוקאַרעשט 1935.

משה שימעל געב. 1910 אין לעמבערג, אומגעקומען אין פּוילן. „מיר איז אומעטיק" וואַרשע 1937

אריה שמרי געב. (?) לעבט אין ארץ־ישראל. „אין טויער פֿון טעג" ארץ־ישראל 1947.

בערל שנאַבל געב. 1909 אין סיגעט (מאַראַמורעש) לעבט אין רומעניע. „מילנער־גאַס" בוקאַרעשט 1936, „ישיבה־לידער" בוקאַרעשט 1942, „יהוה" אין כתב־יד.

בער שנאַפּער געב. (?), אומגעקומען אין פּוילן. „אָפּשוים" ווין 1927. „מיין שטאָט" לעמבערג 1932, „מעשה און ליד" וואַרשע 1934, „בלאָע ווערטער" וואַרשע 1937.

במקום אַ תיקון טעות: דער יונגער זעצער שאול היימבערג, האָט אַוועקגעגעבן פֿון זיין פֿרייער צייט, בכדי צו לערנען יידיש. דאָס בוך איז זיין ערשטע אַרבעט אין יידיש. די אַרויסגעבערס און דער פֿאַרלאַג דאַנקן אים פֿאַר דער אויפֿמערקזאַמקייט מיט וועלכער ער האָט געאַרבעט, אַדאַנק וועלכער ס'זענען אין בוך ניט אַריין קיין תמציתדיקע דרוק־פֿעלערס.